STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07783

MAYN SHTETL YEDINETS

Golde Gutman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

N 150

גאָלדע גוטמאַן (קרימער)

מיין שטעטל יעדינעץ

(ש ט י י ג ע ר ר אָ מ אַ ן)

●

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

●

בוענאָס איירעס 1943

פון דער זעלבער מחבר:

צווישן קראנקע (שפיטאל רעפארטאזשן)

וואס מיין פריינט האט דערציילט (דערציילונגען)

בעסאראביע 1918 (ראמאן)

א באשיידענע מאטאנע מיינע פינף שוועסטער:

פינקל און ריווקע — (ניו־יארק)

איטע — בעסאראביע (יעדיניעץ)

עטע און יענטע — (פאריז)

א. — אונדזער שטוב

די שטוב אונדזערע איז אַ גרויסע, אַ צוויי שטאָקיקע, אַ געביידע מיט צוויי הילצערנע גאַלערייעס, אַ פעדערשטע און אַ הינטערשטע, טיפע און צעפּאָרענע, ווי אַלטע פויערישע וועגענער. די פעדערשטע גאַלערייע קוקט אַרויס צו דער הויפּט־גאַס, די צווייטע — אין אַ ברייטן הינטער־הויף אַריין, אין אומריינעם און אַ העפקערדיקן. דער טויער פונעם הינטער־הויף, וואָס איז קענטיק געווען אַמאָל רויט געפאַרבט ווי די גאַלערייעס, הענגט אַ גרויסער און אַ שווערער, ווי אַן אָפּגעכאַלעשטער, אָף דער וואַנט פון אַ פרעמדער, אַ שכיינעסדיקער שטוב. אויך די ברייטע טירלעך, די הילצערנע, פון די גאַלערייעס, שטייען אָפענע און צעפּראַלטע, ווי צוויי ברייטע אַרויסגעריסענע פליגל פון אַ געפייגערטן אָדלער. די ברעטער פון די פאַלן, האָבן ברייטע שפּאַלטן און פאַרשטאָפּטע לעכער. די דינע שטאַכעטלעך פון די ווענטלעך זיינען שוין שוואַרץ, געוואַשן פון די רעגנס און פאַרטרוקנט פון דער זון. שפּאַרט מען זיך אָן אָף אַ פאַרענטש, קרעכצן די געשניצטע שטאַכעטן און גיבן זיך אונטער ווי אַ מיד פערד· אונטער אַ שווערער מאַסע.

דערפאַר אָבער זיינען די כאַדאָרים אונדזערע שיינע און ליכטיקע. דער זאַל איז אַ הויכער און אַ גרויסער, אַ פירקאַנטיקער, מיט צוויי הויכע פענצטער צו דער גאַס. דאָס פענצטער פונעם שלאָף־צימער — אַ לאַנגער און אַ ברייטער ביידער — גייט אַרויס אין הויף. אויך די קיך איז אַ גרויסע, אַ ליכטיקע, מיט אַ גרוים פענצטער. אַפילע דאָס פירהויז איז גרוים און ליכטיק. דאָס פירהויז אז אַ שוטפעסדיקס, ער געהער אויך צו דער צווייטער שכיינע, וואָס פאַרנעמט די אַנדערע זייט שטוב, נאָר מיר, איך מיט מיין שוועסטער ריווקע, שפּילן מיר זיך דאָרט און פירן זיך אויף, ווי ער וואָלט געווען אינגאַנצן אונדזערער.

טרעפט, אַז די טירלעך פון דער פעדערשטער גאַלערייע זיינען גאַנצע און שטייען פאַרמאַכט, דעמאָלט קומט באַנאַכט אַ טשערעדע מיט ציגן און צאַפּעס און בוצקען אַריין מיט די הערנער אין די פאַרמאַכטע טירלעך און רייסן זיי אַרויס פון די זאַוויסעס. הינטערן פענצטער פונעם זאַל, וואו איך שלאָף, הער איך ווי זיי שפּרינגען איינס איבערן צווייטן און שלאָגן זיך פאַר אַ שטיקל פלאַץ צום איבערנעכטיקן.

גאַנץ פרי, ווען איך שטיי אויף, טרעף איך די גאַלערייע ישוין אַ ליידיקע, נאָר די טירלעך זיינען צעבראָכן. פאַרכאַלעשטע הענגען זיי אָף די ווענטלעך פון דער גאַלערייע. קופּעס ציגענע ביבקעס, גרינע און פרישע, וואַלגערן זיך הינטערן פענצטער פונעם זאַל.

די מאמע שלאפט נאך, זי שנארכט פעסט און זאט. ביידע שוועס־
טערלעך, די עלטערע פון מיר, שלאפן אזוי אין זאל אף א גרויסער גע־
בעטער סאפע. זיי ליגן צעווארפן און אפגעדעקט. איך שעם מיך אהין
א קוק צו טאן.. אין זאל איז נאך טונקל. דורכן פענצטער פאלט אריין א
ברייטע שיין א באטויעטע, וואס זילבערט זיך אף די שוועסטערס לייבער,
גלאטע און צעווארימטע. ס׳קליינע שוועסטערל, וואס שלאפט אין א פא־
עטאנדל, לעבן דער מאמעס בעט, האט זיך שוין אויפגעכאפט, זי פיש־
טשעט און קרעכצט הייזעריק און שווער.

דאס האט מיין שוועסטערלס קרעכצן און די שווערע באנאכטיקע
לופט אין זאל מיך אויפגעהויבן פונעם געלעגער. נאך מער האט מיך פונעם
געלעגער אויפגעהויבן א שטיל געזאנג, א טיפס און אן איינטאניקס. אינ־
דרויסן, פאר אונדזער שטוב, גייען איצט פארביי פעלד־ארבעטער, אידישע
און גויאישע. איך הער דעם געקלימפער פון זייערע סערפן און פון זייערע
בלעכענע טעפלעך און קענדלעך.

— ווי גוט עס איז צו זיין א גרויסע מויד און — ארבעטן אין
פעלד!... טאטע־מאמע זיינען אין פעלד נישטא, קען מען זיך ווארפן אינעם
גראז און צווישן די הויכע זאנגען!.... מען קען אפילו טאנצן און שפרינ־
גען, טאן וואס דאס הארץ גלוסט!... ווען טאטע־מאמע לאזן מיך, גיי איך
אוועק ארבעטן מיט די א, וואס גייען פארביי די פענצטער אונדזערע!...

איך גאנווע מיך ארויס פון שטוב, א שטילע, אן איינגעקארטשעטע,
אף די שפיצפינגער. קיינער פון שטוב טאר מיך ניט דערהערן. אינדרויסן
וועך איך ווי ניי געבוירן. די גאס איז א ברייטע, א זאפטיקע, סע שמעקט
מיט גרינקייט, מיט ווארימער קוענער מילך און פרישע פארטויעטע רי־
מיאניק־בלעטלעך. דאס געזאנג פון די פעלד־ארבעטער, וואס זיינען שוין
אוועק, הענגט נאך איבער דער גאס, איבער די גאלערייעס אונדזערע, אי־
בער מיר אינגאנצן... די פעלד־ארבעטער האבן מיך נישט געזען, זיי מיינען
אפאנעם, אז איך בין נאך א קליינע, אז מיר געפעלט נישט די פעלד־
ארבעט... זיי האבן א גרויסן טאעס!..

צוריק אין שטוב אריין גיי איך נישט. דארט איז אומעטיק, זיסלעך
ווארים און ס׳שטיקט מיר דעם אטעם. דא אף דער גאלערייע וועל איך מיך
שוין מיט עפעס פארנעמען... איך נעם צונויף אביסל פרישע ציגענע ביב־
קעס און גיב אווארף אפן ערשטן דורכגייער, עפעס א אידן וואס לויפט
מיט טאלעס און טפילן אונטערן ארעם אין שיל אריין. דער איד כאפט
זיך פארן שווארצן טוכענעם היטל, וואו א ביבקע האט אים געטראפן און
פארייסט דעם קאפ צו אונדז אף דער גאלערייע ארויף. ער טוט א שפיי,
א מאך מיט דער האנט און אנטלויפט אינעם שיל־געסל. טרעפט אבער
אמאל, אז צוויי הייסע אויגן, גאזלאנישע, שטעכן זיך אריין צו מיר אין
הארצן, ווי צוויי הייסע אנגעגליטע שפיזן און מיר ווערט דעמאלט קאלט
אין אלע אייוורים און פאר שרעק קען איך מיך פונעם ארט נישט רירן.
איך פארקוועטש די צוויי פולע הויפנס מיט ביבקעס, וואס איך האלט פון

הינטן, און פארזאג מיר מער נישט צו שפילן מיט דעם שלעכטן און גע־
פערלעכן שפיל...

מערסטנס פארשווייגן מיר נישט די ווייבער; נאך איידער זיי האבן מיך רעכט אנגעקוקט, לויפן זיי שוין ארויף די הילצערנע טרעפ, די טרו־קענע און אויסגעהוילטע, וואס קרעכצן און ברעכן זיך אונטער די שווערע ווייבערישע טריט. טרעפט, אז איך בין נישט שטארק דערשראקן, באוויז איך נאך ארויסצוכאפן דעם קאפ פון צווישן די שטאכעטן און אנטלויפן דורך דער הינטערשטער גאלעריע אין א צווייטער גאס אריין. טאמער אבער טראכט איך שוין פון דער מאמעס קלעפ און פון דער אידענעס גאזלאנישע אויגן, ווער איך צעטומלט און באם ארויסרייסן דעם קאפ פון צווישן די שטאכעטן, בין איך נישט גענוג פארזיכטיק, טוט זיך דאס גאנצע ווענטל א שטארקן וואקל און מיר דאכט זיך, אז איך שלעפ עס מיט מיט מיר. נאר דאס האט זיך מיר נאר אזוי אויסגעדאכט, אינדערע־מעסן שטערן מיר די אויערן ארויסצונעמען דעם קאפ, כאטש נעם און רייס זיי דיר אפ... פונעם געפענגעניש רייסט מיך שוין ארויס די באוואל־טע אידענע, א ברייטע און א רישעסדיקע. זי טרייסלט מיט מיר אף אהין און צוריק ווי מיט א נישט דערקוילעט הינדל:

— פון וואוילטיק לאזט דאס קיין מענטשן די גאס נישט דורכגיין, צי פון שלעכטקייט?... ס'עפעלע פאלט נישט ווייט פונעם בוימעלע!...

די מאמע שטייט שוין באם פארהויבענעם פארהאנג פון יענער זייט פענצטער. מיט איין האנט האלט זי צו דעם גרויסן אויסשניט פון איר דינעם נאכט־העמד און מיט דער צווייטער ווארנט זי מיך:

— את וועסטו געפלעט ווערן, דו אויסוואורף!... אן אומגליק איז דאס, נישט קיין קינד!..

„האלעווײ — טראכט איך מיר — קומט שוין די מאמע ארויס אהער, וועל איך איבערקומען די פארדינטע שטראף איינעם מיט דער שרעק!...

נאר די שרעק איז א גרעסערע, א פיינלעכערע ווי די שטראף, וואס איך באקום. די מאמע טוט מיר א ריס פארן אויער, א שטארקן און א בייזן. דער אויער מיט א האלבן פאנעם און מיט א שטיק קאפ ווערט מיר פארטערפניעט. פאר דער אידענע איז דאס נאך אפאנעם נישט גענוג באַ־לוינונג, ווארום פארוואס גייט זי נאך נישט אוועק פון מיר?! פארוואס מאכט זיך נישט צו דאס גרויסע אויסגעהוילטע מויל אירס?!... דאס עפעלע פאלט נישט ווייט פונעם ביימעלע!...

דער מאמעס פאנעם, דאס לויטערע און פארשלאפענע, ווערט רויט און פארשפיצט. זי לאזט מיר אראפ איר שווערע האנט אפן פאנעם, פונקט צווישן די אויגן:

— נא - א!...

דאס פאנעם ווערט מיר ווי אפגעפרוירן, פאר די אויגן נעמט זיך מיר דרייען א גרויסע ראד, א בלויע, מיט א סאך אפענע, אויסגעהוילטע פיס־קעם פון פרעמדע בייזע ווייבער, וואס לאכן פון מיר.

— גנג־אַ־אָ!...

ווען נישט די מאַמע, וואַרף איך אַריין אַלע ציגענע ביבקעס דער אײ־דענע אין פּאָנעם אַריין. אַז אײזערנעם שטיין, דעם גאַנצן צעפּאָרענעם גאַניק וואַלט איך דעם פרעמדן נעקאָמעדיקן פּאָנעם אַריינגעשמיצט.

ווינטער איז מיר ערגער ווי זומער.

די גאַס אונדזערע שטייט דעמאָלט אַ טויבע, אַ דורכגענומענע מיט פראָסט און מיט שניי. פון די קוימענעס הויבן זיך רויכן, וואָס פאַלן און שפּרייטן זיך איבער די ווייסע דעכער, איבער דעם ווייסן הימל. אַף אונד־זערע גאַלערייעס ווערט דער שניי גלייך טונקל און צעקנייטשט. גרויסע קראָען, שוואַרצע מיט לאַנגע שנאָבלען און צעשפּרייטע פליגל שפּרינגען אום אַף די פאַרשנייטע ווענטלעך, קראַקען הויך און בייז, שעלטן עמיצן. פון דעם קראַקען זייערן שיילט זיך אויס אַ שטילער אומעט, וואָס הענגט גליווערדיק אַבער דער פוסטער גאַס, איבער די פאַרמאַכטע צווייענדיקע פענצטער פון אונדזער זאַל.

מיטן נאָגל פונעם גראָבן פינגער קראַץ איך אָפּ דאָס אָנגעפרוירענע אייז פון אַ שויב. מיט איין אויג געלינגט מיר ארומצוכאַפּן די ווייסע פאַרשנייטע ווענטלעך מיט דער גאַלערייע. די טירלעך זיינען פאַרמאַכט, צוגעפרוירן צו די ווענטלעך מיט די טרעפּ, וואָס זיינען אויסגעלייגט מיט דעם שניי ווי מיט אַ ווייכן איבערבעט. די שטוב אונדזערע, דאַכט זיך מיר, שטייט שוין נישט אַף דער באַשקע, איצט שטייט זי אַף אַ הויכן באַרג, אַ ווייסן און אַ פאַרפרוירענעם, אַף אַ פרעמד שטיק פעלד שטייט זי, אַן אָפּגעזונדערטע פון וועלט און פון מענטשן.

„און די היימלאָזע כייעס, נעבעך, וואָס איז געוואָרן פון זיי?.. — דאָס אויג מיינס לעכערט דורך דאָס אויסגעקראַצטע שטיקל שויב, די נאָז קלעפּט זיך אַזש צו צו איר, ס'העלפט נישט דאָס שנאַפּן מיינס מיטן זוכן. די גאַלערייע איז ליידיק....

אין זאַל איז וואַרים. עס שמעקט דאָס אונטערגעצונדענע פּאַפּיר, מיט וועלכן די מאַמע רויכערט אויס די שטוב אַלע אינדערפרי. אַפן טיש מיט דער ווייסער צעראַטע מיט די רויטע רויזן, שטייט אונדזער גרויסער מע־שענער סאַמאָוואַר. ער זידט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. די מאַמע באַשמירט פּאָר אונדזן פרישע קאָרן־ברויט מיט איבערגעזאָטענער פּוטער און צעשניידט אַ שטיק ווייסע רינקע, האַרטע ווי שטיין.

— קוקסט, גאָלדע, אין דרויסן אַרויס, ווי אַ האָן אין בעניי־אָדאָם אַריין! — וואַרפט זי מיר צו אַ קוק — ס'פעלן דיר אוים די ציגן, צי די ביבקעס זייערע?...

מיר טוט ווי וואָס די מאַמע כויזעקט פון מיר, זיך דערלעבט איך מיר אַ נעקאָמע!... אַז אייגענע מאַמע זאָל קיין ראַכמאָנעס נישט האָבן אַף איר קינד!... שוין בעסער אַ פרעמדער מענטש, אַ גוטער פריינט, וואָס וועט יאָ ראַכמאָנעס האָבן!... האַלעוויי קומט שוין אַריין נעכאָמע מוישע וואָלפס,

די שכיינע פון דער צווייטער העלפט שטוב. א סאך מאָל הער איך ווי זי רעדט צו דער מאמען:

— מען דאַרף אָפּשאַרן דעם שניי פון די גאַלערייעס... מען לעבט כאַלילע צווישן אייזבערג, אַפן וויטן סיביר?... צי מען וויל גלאָט לעבן ווי אין סדאָם, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, פון מענטשן?!...

און איך האַלט זי דעריבער פאַר א גוטן פריינט.

ב. — אונדזער שכיינע און אירע קינדער

אַמאָל, איידער איך האָב אָנגעהויבן אויסוואַרטן די שכיינע אונדזערע ווי א גוטן שעליעד, האָב איך ווינציק וואָס פון איר געהאַלטן, — אין שטוב בא אונדז איז נעבאַמע מוישע וואָלפס יאָ געפעלן געווען. איך ווייס נישט צי דערפאַר וואָס זי האָט א לויטער פאָנעם, א גלאַטס, ווי אַן אויסגעווישטע העניטשע, אָן איין קנייטשל אַפילע, צי צוליב די קלוגע אויגן אירע, די רואיקע און טונקל-בלויע. א זיכערקייט ליגט אין אירע אויגן, א שטייפע נישט נאָכגעביקייט, ווי בא א הערשערן.

נעבאַמע איז א ברייטע און א פעסטע, א שווערע ווי א קלאָץ. נאָר ריידן רעדט זי שטיל און בעניִמעסדיק, ווי זי וואָלט געווען א שוואַכע אידענע. זי האָט וואַרימע פרישע פאַרב אין די באַקן, ווי בא א יונג מיידל און נעבאַמע איז שוין נִיט קיין יונגע, שוין א סאך יאָרן ווי זי איז אן אַלמאָנע. שוין לאַנג אַז אַלמאָנע און טראָגט אַזוינע שיינע געפאַלדעוועטע קליידער און ווייסע געקראַכמאַליעטע קאָפּטעס מיט ווייסע געשטיקטע פאַרטעכער.. דער שלייף פונעם געלן זיידענעם טיכל וואָס זי טראָגט אַפן קאָפּ, פאַרנומען אַרונטער די אויערן, איז פאַרבונדן עט אונטערן האַלדז. פון די אויער-לעפּלעך הענגען איר אַראָפּ צוויי קיילעכיקע אויער-רינגען, גאָלדענע און גראָבע. נעבאַמע איז אינגאַנצן דאַכט זיך אַנדערש ווי אַלע ווייבער פון אונדזער גאַס, האַלט זיך העכער פון זיי, רעדט שטילער פון זיי, שטילער פון מיין מאַמען... אויך לאַכן לאַכט זי שטיל, באַהאַלטן און ענגהאַרציק, דערפאַר ציטערט בא איר דער פעטער גוידער אירער, ווי א שטיק פאַרקילטע פיש־יויך — גוט אַזוי!...

נעבאַמע וויל נישט אויסזען אַזוי ווי מיין מאַמע — איך פיל דאָס שטענדיק ווען זי קומט אַריין צו אונדז, פון אירע שטייפע קאָפּטעס מיט די ווייסע שטייפע פאַרטעכלעך. די מאַמע, ווייזט אויס, האַלט זיך אויך גרויס בא זיך. נאָך יעדן מאָל ווי נעבאַמע גייט אַרויס פון אונדז, טוט די מאַמע א צי צונויף אירע ליפּן און דרייט מיט זיי אַף אַהין און צוריק:

— איך מיט מיינע דרייצן, בין נישט קלענער ווי זי מיט אירע אַכצן!... ס'איז נישט נאָש בראָט!..

צווישן מיין מאַמען מיט אונדזער יאַכסאָנישער שכיינע, ווייס איך,

שטייט אַ גרויסע מעביצע, אַן אייזערנע וואַנט, וואָסביידע ווילן זי נישט איינוואַרפן. קעדיי נישט צו ווערן צו נאָענט איינע מיט דער אַנדערער, נאָר איצט איז מיר נעכאַמע טייערער, אייגענער, זי וויל דאָך פּונקט ווי איך, מען זאָל אָפּשאַרן דעם שנייַ פון דער גאַלערייע און פון די טרעפּ... און צו וואָס זאָל איך לייקענען, מיר געפעלן אויך אירע ווייסע פּאַרטעכלעך, גלאַטע אַן אַ קנייטשל און דאָס גלאַטע סראַרעסדיקע פּאָנעם. די מאַמע אַפילע זאָגט אַז נעכאַמע מוישע וואָלפס איז אַ קלוגע אידענע און האָט אַ מאַנסבילשן קאָפּ אָף זיך. איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָס הייסט, זי האָט אָף זיך אַ מאַנסבילשן קאָפּ, נאָר איך בין מיר מעשייער, אַז דערפאַר גייען צו איר אַ סאַך אידענעס פונעם געסל און אויך מאַנסלייט, זיך האַלטן אַן אייצע מיט איר און בעטן אַ טויווע.

אין שטוב באַ אונדז הער איך, אַז דער מאַן אירער, דעם ליכטיקן גאַניידן זאָל ער האָבן, איז געווען אַ איד אַ כאָכעם, אַ בען טוירע. דייקע אַ איד אַ פּראַצענטניק, די רייד זאָלן אים נישט שווער זיין, האָט מען פונדעסטוועגן געשלאָסן אַלע אידישע קראָמען צו זיין לעווייע.. דער דייען מיטן סויפער האָבן אים באַגלייט ביז צו זיין אייביקער רו.. און נעכאַמע מוישע וואָלפס האָט איבערגענומען איר מאַנס פּאַרנאָסע — זי לייט אָרע־מעלייט געלט אָף פּראַצענט. קיין מאַשקאַנעס, זאָגט מען, נעמט זי נישט באַ זיי, דאָך האָט זי אַ סאַך מעשענע טאַצן מיט גרויסע בייכיקע סאַמאָ־וואַרן, וואָס שיינען אַראָפּ פון די ווינקל־טישלעך. אַלצדינג שיינט איז אירע כאַדאָרים, פּונקט ווי אירע ווייסע פּאַרטעכלעך מיט די גראָבע גאָל־דענע אויריינגלעך און איר אויסגערוט נעגידיש פּאָנעם.

נעכאַמעס דריי קלענערע אינגלעך — געהאַט האָט זי זעקס — זיינען מיר אויך צום האַרצן. שמיל, דער עלטערער, איז אַ הויכער, אַ געבויגע־נער, מיט אַ קיילעכיקער פּלייצע. דעם קאָפּ האַלט ער אַרויסגערוקט אָף פאָרויס און ווי ער וואָלט שטענדיק עפּעס געזוכט מיט זיינע קליינע טונקל־ביר־קאָלירטע אויגן און ווי אַט אַט פאַרלירט ער זיינע בלויע ברילן מיט די דינע גאָלדענע רעמלעך. שמילס פּאָנעם איז אַ טונקל רויטס, פּונקט ווי זיינע געדיכטע האָר, די ווייכע און אָף אַרויף פאַרקעמטע. די מאַמע זאָגט, אַז שמיל איז לייטיש ווי די וועלט. זיינע כאַוויירים זיינען רייכע, זיי לער־נען באַ קוזמינערן, דעם איינציקן אידיש־רוסישן לערער פון שטעטל. פון שמילן האַלטן זיי אַ וועלט, זיי לייען אים די ביכער זייערע, לערנען אים אומ־זיסט רוסיש און העברעאיש. זיי האָבן אים ליב פאַר דעם גאָלדענעם קאָפּ זיינעם...

איך אָף שמילס אָרט וואָלט פאַרקויפט דעם גאָלדענעם קאָפּ. נאָכ־וואָס דאַרף ער אים האָבן? איך זע אים סיי ווי נישט אַרויס.. איך זע נאָר דאָס גראָבע פּעקל ביכער וואָס שמיל טראָגט מיט זיך. פון די טרעפּ אַראָפּ לויפט ער, נישט ער גייט. אַמאָל שטעקט ער אַריין אַן אויפגעלויכטן פּאָנעם אין דער טיר פון אונדזער זאַל:

— אַ גדיע ווי מאַדאַם ראַצאַ, מאַדאַם גוטמאַן?...

די מאמע ענטפערט אים פון בעט ארויס:

— שמיל, דארפסט מיך עפעס? ווארט א רעגעלע, איך טו מיך אן.

— ניעט מאדאם, באזשע סאכראני, פושקין מיט ליערמאנטאוון וועלן צוווארטן!...

איך ווייס נישט ווער דער פושקין איז מיט דעם ליערמאנטאוון. שמיל, ווייס איך, איז נישט קיין געוויינלעכער מענטש, ווארום אז נישט וואס טראגט ער זיך מיט אזוי פיל ביכער און מיט דעם גראבן בליישטיפט אינעם אויבערשטן קעשענקעלע פונעם רעקל? מיר גלוסט זיך לאכן פון שמילס אומגעלומפערטן דרייען זיך אין שטוב בא אונדז, נאר איך לאך נישט. ער איז א שעמעוודיקער און א גוטער און מיר איז א שאד צו כויזעקן פון אים..

שיין איז ווען דאדיע נעמט דערציילן ווי אזוי דער כאווער זיינער ניאמע בעריש דעם מעלאמעדס, האט זיך איינגעשפארט, אז דער רוסישער קייסער איז גאר קיין קייסער נישט, אז ער איז נישט ארעוו פארן רוסישן פאלק און פאר די פארפאלגטע אידן... אז ס'איז נישטא קיין יווישער מיט קיין גערעכטיקייט, און אלע דארפן האבן א פראווע אפן לעבן. דאדיע האט אים אליין געהערט אזוי ריידן פאר א סאך אינגלעך מיט מיידלעך ערגעץ הינטער די ווערבעס, ביז... איינמאל זיינען אנגעקומען צוויי סטראזשניקעס און געוואלט ארעסטירן ניאמען, בערישעס זון, מיט די איבעריקע. אלע זיינען זיך צעלאפן, דאדיע אויך, נאר ניאמע האט זיך אקעגנגעשטעלט, ער האט א געשריי געטאן: „ניקאלאי דאלאי!” און ערשט דעמאלט אנטלאפן...

די לעבעדיקע פייערלעך אין דאדיעס אויגן צעצינדן זיך נאך העלער און דאס שמאלע פאנעם זיינס, דאס מאטע, שיינט. די גאנצע שטוב שיינט. פול אומרו, ווארפט ער מיט זיינע לאנגע בלייכע הענט און באווייזט ווי אזוי די סטראזשניקעס זיינען צעטומלט געווארן פון ניאמעס גוואורע, פון זיין אפנהארציקייט. איך זע דאמאלט דעם גאנצן וואלד, די אינגלעך מיט די מיידלעך און דעם שטארקן ניאמע און אויך די סטראזשניקעס מיט זייערע שפיציקע וואנצעס. מיך פארדריסט נאר וואס ניאמע, דער אידישער העלד, האט געמוזט אנטלויפן קיין אמעריקע אן א גובערנאטארסקן פאס און אן א גראשן געלט... א גרויסע מיצווע וואלט געווען ווען ער באגראבט אן די סטראזשניקעס!.. איך האב מוירע פאר א סטראזשניק, ער שרייט און פארשרייבט אן אקט, ווען די מאמע גיסט אראפ א שיסל „פאמאיעס” פונעם גאניק... אומעטום קומען זיי די סטראזשניקעס, מיט די לאנגע שאבליעס אין די גארטלען!....

אין שטוב בא אונדז רעדט מען א סאך פון דאדיען. ער טראכט גארניט פון זיין אייגן לעבן און נאר פון די ארימע מענטשן, פון דער שלעכטער וועלט.. דאדיע האט ליב די קאפצאנים, ער גיט אומזיסטע רוסישע אוראקן פאר ארימע קינדער... מיר געפעלט וואס ער איז אונדזער שאכן, מיינער א גוטער פריינט!.... מיט מיר רעדט ער גראד ווינציק, דערפאר

קוקט ער מיר אריין טיף אין די אויגן מיט ווארימקייט און מיט שמייכע־לעך אף זיין שיינעם פּנים. איך בין שטארק גרויס בא זיך מיט דאדיעס געלן מעשענעם הערב אף זיין בלויען היטל און מיט זיינע שווארצע רוסי־שע בלוזעס...

דאדיעס קלענערער ברידערל, יעכיל, איז שווארץ, ווי אן אפּגעפּוצ־טער שטיוול, א שמאלער און א גלייכער, א פרישע זאנג א גרינע און א זאפטיקע. ער איז שפּרודלדיק און אומרויק ווי א שטיק קוועקזילבער. וואס האלט ער עפּעס האלב אפן די ליפּן זיינע, די רויטע און פּליישיקע? און פארוואס זיינען זיינע גרויסע מאנדל־אויגן אזוי שווארץ און פאר־קלערט? אזוינע שווארצע געדיכטע האר ווי יעכילס, זע איך נישט בא קיינעם. יעכיל מאכט אליין לידלעך, ער לייענט זיי פאר מיין מאמען:

— יא וואס פּראשו, מאדאם ראצא, מאדאם טשארנאפּוי, זאגט מיר דעם עמעס, זיי געפעלן אייך?...

איך דערקען אים קוים. דאס קאל זיינס ווערט טיפער און זאפטיק, עס גיסט זיך פון זיין הארץ, פון אלע זיינע אייוורים. יעכיל פארייסט דעם קאפּ און די שווארצע אויגן זיינע לייכטן, זיי לעבערן די סטעליע.. ווי אזוי זעט ער גאר צו לייענען, אז ער קוקט אף דער סטעליע?... די מאמע איז א מייוון. אז נישט, וואס שטעלט זי אן דעם אויער ווען יעכיל קוקט אין דער סטעליע אריין און זי ווארנט מיך מיטן ווייזפינגער איך זאל שווייגן?... ווען יעכיל ענדיקט לייענען, שטייען זיינע גרויסע אויגן אף דער מאמען: די מאמע זיפצט:

— גאט זאל מיך בענטשן מיט אזא קאדיש, ווי דו ביזט!.. און טאמער איז דער פארשאלטענער בויך מיינער נישט ווערט צו טראגן אזוינע קאדישים, זאל ער מיך דער אויבערשטער בענטשן מיט אזוינע גאלדענע, מיט אזוינע בריליאנטענע איידעמס, ווי דו, יעכיל, ביזט!...

וואס זשע — טראכט איך — אז מען האט נאר מיידלעך, איז דער בויך א פארשאלטענער?... און פארוואס בין איך טאקע נישט געבוירן גע־ווארן א אינגל?... נעכאמעס בויך איז נישט קיין פארשאלטענער, זעקס זין האט זי אויסגעטראגן און איין מיידל — ברײנע די באסיעכידע.

ברײנע איז א צו לאנגע און א צו דארע. ווערליק איר הויך, איז איר פּנים קליין און ווייס איז עס, מיט א סאך זומער־שפּרענקעלעך ארום דער נאז. נאר ווען ברײנע רעדט, מיין איך, אז א פידל זיצט אין איר קאל. וואָרום פונוואנען נעמט זיך צו איר קאל אזא ווארימקייט און אזא זיסע בענקשאפט? פונקט אזוי בענק איך נאכן זומער און נאך די הוימלאזע ציגן מיט די הינט, וואס פרירן מיסטאמע ערגעץ און קומען אום פון קעלט און פון הונגער. ברײנע ווייסט נישט וואס איך טראכט פון איר. זי ווייסט נישט, אז די שטייפע בלאנדע צעפּ ארום אירע אויערן געפעלן מיר. עס געפעלן מיר אויך אירע לאנגע הענט, די ווייסע און אומרואיקע. ברײנע טוט מיר אמאל א צופּ פאר אן אויער אדער זי שמייכלט מיר אין פּנים אריין. גאר נאענט רירט זי זיך נישט צו צו מיר. עפּשער איז עס דערפאר

וואָס זי טראָגט שיינע קאַפּטלעך, ווייסע און געקראָכמאַליעטע און געשטיקטע פאַרטעכלעך, ווי איר מאַמע... מיר געפעלט, אַז ברײנע זאָל ווערן אַ „פעלדשעריצע"... איר וואָלט געפּאַסט אַ לאַנג ווייס פאַרטוך... עס וואָלט איר אויך געפּאַסט אַ שיינער בלײשטיפט הינטערן אויער... איך ווייס דאָס...

ברײנע מיט די ברידער אירע האַלטן נישט פון מיר: זיי ריידן צו מיר ווינציק... אַבי זיי צמאָקען מיר אין פּאָנעם אַריין!... וואָס בין איך אַ קליין מיידעלע?!... פון דער מאַמען האַלטן זיי יאָ. אין די ווינטערדיקע אַפּדערנאַכטן טרעטן זיי נישט אָפּ פון אונדזער שטוב. זיי שפּילן באַ אונדז אין קאָרטן און דערציילן זיך מאַיסעס.

מיין מאַמע דערציילט שענער פון זיי אַלע. ווען די מאַמע דערציילט פון איר דאָרף און פון איר סאָד מיטן גאָרטן, פון איר גרויסער ווינטמיל מיט דעם בלויען טייך, ווי די מאַמע שווימט אים אַריבער אָן אַ ברעקל פּאַכעד, זע איך דאָס אַלץ מיט מיינע אויגן. די מאַמע זעט דאָס אויך. וואָס דען שיינען אַזוי די אויגן אירע און פאַרוואָס ווערט זי אַזוי אומרואיק, ווען זי דערציילט?... מיר טוט באַנג וואָס מיר וואוינען נישט אין דעם שיינעם דאָרף, וואו די מאַמע איז געבוירן געוואָרן, וואו זי האָט געלעבט... שמיל דערציילט פון פּושקינען מיט ליערמאָנטאָוון, ווי אַזוי זיי האָבן געפירט ליבעס, זיך געשלאָגן אַף דועלן און געשריבן לידער און דערביי זשמורעט ער שטאַרק מיט זיינע קליינע קורצזיכטיקע אויגן. דאָדיע רעדט פון דער מענטשהייט, פונעם עלנטן רוסישן פאָלק און יעביל — פון עפּעס אַ ניי־ליד, וואָס ליגט אים שוין אַף דער צונג....

טאָמער האָב איך איינמאָל אַ פרעג געטאָן ווי אַזוי לידער ליגן גאָר אַף דער צונג, לאָזט מען מיך מער ניט זיצן צווישן די גרויסע... מיך פאַרדריסט נאָך מער, וואָס מיינע עלטערע צוויי שוועסטערלעך קענען יאָ זיצן לעבן דער רובע און אויסהערן די שיינע מאַיסעס... אַבי ברײנע שמייכלט צו מיר:

— כאַראָשענקאַיאַ! מילאַיאַ!...

באַלד אָבער ווי איך גיי אַריין אינעם שלאָף־צימער, הער איך ווי זי זאָגט און אירע ברידער זאָגן דאָס אויך:

— איר ווייסט, ראַצע, די גאָלדע אייערע איז אַף אייך נישט פּאַדאָבנע, נישט אַף אייך, נישט אַף אייערע קינדער, אינגאַנצן דער פאָטער מיט די ביינער!....

די ווערטער טרעפן מיך ווי הייסע קוילן: אַז דער טאַטע איז נישט שיין און ער געפעלט זיי נישט, פאַרוואָס זשע עסן זיי דעם כאַלוואַ, וואָס ער שיקט אַ היים פאַר דער מאַמען מיט די קינדער?... קימאַט אַלע אינדערפרי, זע איך, ווי די מאַמע טינקט איין קליינע שטיקלעך פּוטער־בולקע אין אַ גרויסער גלאָז מיט פאַרפראָוועטען בראָנפן. דער בראָנפן איז רויט אַזוי ווי טיי, ווייזט אויס, פון דעם איבערגעזאָטענעם האָניק מיט די שמע־

קעדיקע וואָרצלען, וואָס די מאַמע טוט אין אים אריין. נעבאַמעס קינדער העלפן דער מאַמען באַם אויסטינקען דעם בראָנפן.

— טינקט גוט איין די פוטער־בולקע און עסט צו שטיקעלער, וועט איר ניט שיקער ווערן! — לערנט זיי די מאַמע. מיר פאַרדריסט דאָס שטאַרק. מיך פאַרדריסט אַפילע וואָס זיי קלעפּן אַזוי פיל אין דער מאַמען. זיי זאָגן איר:

— דער הערש אייערער איז ניט ווערט אַזאַ שיין ווייב מיט אַזוינע שיינע קינדער... זיי מיינען מיסטאַמע די צוויי עלטערע שוועסטערלעך מיינע...

ג. — אונדזער הויזגעזינד

די מאַמע איז טאַקע אַ שיינע. זי איז אַ הויכע, אַ פעסטע, מיט אַ שיינעם האַלדז, אַ הויכן און אַ גלאַטן ווי אַ ווייסער סאַמעט. די האָר אירע, טונקל־ברוינע, געדיכטע, מיט אַ סאַך טיפע קאַרבן, גרייכן איר ביז דער טאַליע... די רויטע שפּריצעלעך אַף דער מאַמעס פרישע גלאַטע און אויסגעצערטלטע באַקן, זיינען ענלעך צו דעם רויטן אַלטן ווייַן וואָס מען טרינקט באַ אונדז אין שטוב... אַזאַ גלאַט פּאָנעם, אַ ווייס און באַקיינטס, ווי מיין מאַמעס, האָט קיינער ניט!... אירע אויגן זיינען אויך שיינע, זיי זיינען גרויסע און טונקל־ברוינע, טיפע, נאָר נישט קיין פריילעכע.... די מאַמע לאַכט ווייניק, נאָר טאָמער הויבט זי אַמאָל אָן צו לאַכן, קען מען זי נישט אָפּהאַלטן, זי מוז זיך אויסלאַכן. נאָכדעם איז זי ווידער אַ גלייכע, אַ צוריקגעהאַלטענע, ווי עס פּאַסט צו איר ערנסטן פּאָנעם, צו אירע טיפע טרויעריקע אויגן. מיר געפעלט ווען די מאַמע פלעכט זיך אויס צוויי גראָבע צעפּ; שטייפע און שווערע, ווי צוויי קופּערנע קייטן, ליגן זיי אַף איר פּלייצע, דער גלייכער און פעסטער. אין גאַס אַרויס גייט די מאַמע מיט אַ זיידן טיכל אַפן קאָפּ, אַ געלס מיט זילבערנע בלעטער. זי טראָגט אויך אַ פּאַרוקל, אַ ברוינס און אָן אָפּגעבליאַקעוועטס. צוויי לאַנגע קיגעלעך האָט דאָס פּאַרוקל אַפן סאַמע מיט קאָפּ. אינעם פּאַרוקל זעט זי אויס עלטער און פרימער. אינעם זיידענעם טיכל, מיט דעם גרויסן ראַשנדיקן שלייף אונטער דער גאָמבע, זעט די מאַמע אויס ווי אַ שיינע פויערטע, סע שמעקט פונעם ליכטיקן פּאָנעם מיט רויזן־בלעטלעך און מיט קאַשקאָוואַל...

איך בין שטאָלץ וואָס מיין מאַמע איז אַ שיינע, וואָס מענטשן קוקן איר נאָך, אַלע ווילן זיך כאַווערן מיט איר... מיט מיין עלטערער שוועסטער, פינקל הייסט זי, בין איך אויך שטאָלץ. ערשטנס, הייסט זי נאָך דער באָבע פינקל, דער גרויסער צנוע און כוצדעס איז זי אַ גלייכע, אַ הויכע און אַ שטאָלצע, אַזוי ווי די מאַמע. פינקלס פּאָנעם איז מילך־ווייס מיט ברייטע ענערגישע קינבאַקן און עטלעכע קליינע זומער־שפּרענקעלעך אַרום דער נאָז און אונטער די אויגן. זיי גיבן איר צו כיין. מיר געפעלן אירע

ווייסע לאַנגע הענט און אויך אירע צעפּ, די שוואַרצע ווי קויל, לאַנגע ביז נאָך די קני. פינקל רעדט זייער ווייניק, זי האָט ליב אויסצוהערן וואָס אַנדערע ריידן. דערביי בלישטשען צוויי קליינע פייערלעך און אירע טיפע מאַנדל־אויגן. אַ מין אומרו ליגט אין די אויגן, גאָר ניט פּאַסיק צו איר אויסערלעכער רואיקייט און בענימעסדיקייט. פינקלען האָט די מאַמע ליב, זי גיט זיך מיט איר אָפּ מער ווי מיט מיר, זי נייט פאַר איר די שענסטע קליידעלעך און פלעכט איר אַריין רויטע ברייטע סטענגעס אין די לאַנגע צעפּ. נעכאָמעס קינדער זאָגן, אַז פינקלען פּאַסט ניט צו זיין אַ בעקערס אַ טאָכטער... אַ פּריצע, אַ נעגידיש קינד זעט זי אויס.. און זיי רופן זי טאַקע מיט אַ פּריצישן נאָמען, אַ פרעמדן:

— מאַדמאַזעל פּעניטשקאַ!...

מיך פאַרדריסט וואָס זיי זאָגן, אַז פינקל פּאַסט זיך ניט אין קיין בעקערישער שטוב. זיי באַליידיקן דאָך מיין טאַטן!... מיט דער צייט האָט דאָס מיך טאַקע אָפּגערוקט פון זיי. אויב מיין טאַטע געפעלט זיי ניט, קען איך זיי מער ניט ליב האָבן... מיר גייען שוין נישט אָן זייערע מאַיסעס און אויך נישט די לידלעך... האַלעוויי וואָלט די מאַמע מיט די ביידע עלטערע שוועסטערלעך געטראַכט דאָס אייגענע! מער וואָלטן מיר זיך אָף זיי נישט אומגעקוקט!...

— און עפּשער זיינען זיי אויך, די מאַמע מיט די שוועסטערלעך, דעם טאַטנס סאָנים, פּונקט ווי נעכאָמעס קינדער? — טראַכט איך מיר דערנאָך. — מיר שטייט יאָ אָן דער טאַטע!... זיי אָף צעלאָכעס!... דער גאַנצער וועלט אָף צעלאָכעס!... איך ווער אַזוי אַרום אַליין פרעמדער פון דער מאַמען מיט מיין שוועסטער פינקל און צום טאַטן ווער איך, פאַרקערט, אַלץ מער צוגעוואַקסן.

אָפן טאַטן האָב איך ראַכמאָנעס, אָף מיר אויך. איך בין נישט שיין: מיינע האָר זיינען שטייפע ווי דראָטלעך, זיי קריכן מיר שטענדיק אין פּאַנעם אַריין. די וויעס ווערן מיר רויט, געשוואָלן. אין שטוב רופט מען מיך „בלינדע”. די נאָז מיינע איז אויך געשוואָלן און פאַרשטאָפּט. דער דאָקטער זילבערמאַן זאָגט, אַז איך האָב אַ פּאָליפּ, מען דאַרף אים זען אויסברענען... וואָס וועל איך טאָן טאָמער פאַרברענט מען מיר די גאַנצע נאָז מיינע!... אַזאַ אומגליק!... דער מאַמען געפעל איך ניט: זי זאָגט אַז איך בין אַ „ניעראָכע” אָן אָפּגעלאָזענע, ווי דער טאַטע... אָף מיר און אָפן טאַטן ווערן פאַרברענט די מאַלבושים... איך זע ניט אָף מיר זאָלן ברענען די מאַלבושים, אָפן טאַטן אויך ניט!.... ניט מער וואָס די שיך ווערן באַ מיר צעריסן אַ סאַך גיכער ווי באַ די שוועסטערלעך, די קעשענעס פונעם פאַרטעכל הענגען טאָמיד נאָך, זיי פאַלן גיך אַראָפּ, און דאָס נייע קליידעלע קריגט גלייך אַ לאַנגן ראָספּער, אַ קרומקיילעכיקן, ביז צום זוים... אַליין פון זיך, אָן מיין שולד, ווערט אַלץ אָף מיר צעפליקט און צעריסן...

מיר איז אומעטיק!... אַלע האָבן מיך פיינט!... מיין ריווקע, די אַנדערע שוועסטער פון דער עלטסטער, האָט מיך ניט פיינט. איך זי — אויך

ניט. ערשטנס, איז די ריווקע ניט אַזאַ שיינע ווי פּינקל, זי האָט ניט קיין איידעלן אויסזען און ניט קיין פּריצישן... מיין ריווקע האָט אויך ברוינע אויגן, קלוגע און גרויסע, און אַ סך זומער־שפּרענקעלעך אַרום דעם הערביקל פון איר נאָז. ריווקעס האָר זיינען ליכטיק ברוין און טרוקן אַזוי ווי מיינע. אויך האָט זי אַ כיסאָרן — ציין גרויסע און ווייסע, שטאַרקע ווי בײַ אַ וואָלף. די מאַמע רופט זי „די צאָנעוואַטע". ריווקע צעבייסט אַ באָקסער־קערל מיט די ציין זייער גרינג. זי לערנט מיך אויך דאָס אייגענע. ריווקע האָט ליב אַרויסצורייסן שעטינעס פון די פערדישע עקן און מיר מאַכן אַ פידעלע פון שינדלען. זי קען גוט שפּרינגען איבער די טרעפּ. איר געפעלט אויך ניט פּינקלס אָפּגעהיטקייט, זי האָט ניט ליב קיין פּריצע...

איך מיט ריווקען האַלטן מיר זיך אינײנעם. מיר פאַרשטייען זיך אָפּן וואונק. זי איז עלטער פון מיר מיט גאַנצע צוויי יאָר, זי האַלט זיך אָבער ניט גרויס. זי האָט אויך ליב צו נאַשן אַזוי ווי איך. אַז די מאַמע כאַפּט ריווקן בײַם אַרויסגאַנווענען אַ שטיק פלאָדן פון דער טאָרבע, זאָגט זי ניט אויס אַז איך בין אַ שותּפטע צו דער גנייווע. אַ סך מאָל כאַפּט ריווקע קלעפּ פאַר מיינעם אַ באַגאַנגענעם כעט אָזן גיט מיך ניט אויס. ריווקע זאָגט, אַז שוועסטערלעך טאָרן ניט אויסגעבן איינע די אַנדערע, פרעמדע כאַווערטעס אויך ניט.... געטריי דאַרף מען זיך זיין, האַרץ און נעשאָמע!... ריווקען מוז איך פאָלגן, זי איז דאָס ווערט. איך קוק איר אין מויל אַריין און הער מיך צו צו אירן אַ וואָרט.

ריווקע האָט שטאַרק ליב אָפּצוכויזעקן און זיך נאָכצוקרימען יעדן איינעם וואָס קומט אַריין צו אונדז. איך האָב דאָס אויך ליב. פּינקל שעמט זיך מיט אונדזערע „מעשוגענע שטיק". די מאַמע אויך. דעם טאַטן, פאַרקערט, געפעלן שטאַרק די האַווייעס וואָס מיר מאַכן. איינמאָל קומט דער טאַטע אַהיים און טרעפט אונדז אינעם סאַמע ברען פון אַ „פאַרשטעלונג": ריווקע האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר אַלטע הויזן מיט אַן אַלט רעקל און האָט אונטערגעבעט מיט שמאַטעס אַ האָרב אויף דער פּלייצע, אויף דער נאָז טראָגט זי אַ פּאָר „ברילן", אויסגעפּלאָכטן פון דינע ריטלעך און רעדט פון פּושקינען מיט לערמאָנטאָוון... איך טו איר נאָך און רייד פון אַ ליד, „וואָס ליגט אויף דער צונג"... דער טאַטע ווייסט ניט, אַז דאָס נעמען מיר זיך אָן זיין קרייוודע... אים געפעלן גראָד נעכאָמעס קינדער. אים געפעלן אָבער אויך די שטיק אונדזערע. דער טאַטע לאַכט, עס שטייען אים אַזש טרערן אין די אויגן. די מאַמע, לאַכט אויך, נאָר באַלד ווערט זי בייז:

— גענוג שוין אָפּצוכויזעקן פון דער גאַנצער וועלט. פון די שכיינים... ס'איז כאַסדאַרגיש!...

דער טאַטע קראַצט זיך אונטערן בערדל און קוקט אויף מיר מיט ריווקען:

— בײַ מיר אין שטוב בין איך באַלעבאָס, ניט די יאַכסאָנישע שכיינים דיינע!...

— גיסט זיי נאָך די שמאַד, די צוויי שיידים, פירסט זיי אַראָפּ פונעם גלייכן וועג!..

— האָב ניט קיין מוירע, ראַצע, די שיידים מיינע וועלן דעם איבעם דיינעם ניט פאַרשמירן!...

טרעפט אָבער אַז די נאָכקרימענישן אונדזערע געפעלן יעדן איינעם, נעכאַמעס קינדער אויך, זיי ווייסן ניט וועמען מיר קרימען זיך נאָך און לאַכן פונעם גאַנצן האַרצן. פינקל אויך. א מיצווע אַף איר!... מיר האָבן זי גויוועד געוועזן!...

— איר ווייסט, נעכאַמע — לאַכט דער טאַטע — די מיידן מיינע קרימען זיך נאָך אייערע קינדער.

נעכאַמעס פּאַנעם דאָס ראָזעווע, ווערט רויט און ערנסט:

— קינדער, ס'איז צייט אַהיימצוגיין!...

נאָך אַזאַ אומגעלונגענעם אָוונט, פילן מיר זיך, איך מיט ריוועקען זייער אומגליקלעך. די שכיינים פאַרלאָזן גלייך די שטוב. דער טאַטע קוקט זיי נאָך אַ פאַרשעמטער. ער רעדט שטיל און פאַרטרויזלעך:

— די סאָנים זאָלן אַזוי וויסן פונעם בייעס, ווי איר אַלע ווייסט וואָס שיין איז!...

דער טאַטע מאַכט אַ קרומע מינע און שאָקלט מיטן קאָפּ צו דער גרויסער איבערגעשראָקענער שוועסטער:

— אינגאַנצן די מאַמע מיט די ביינער!... ריר מיך ניט אָן!... פריי־צים מיינע!... טפוי!

מיר דאַכט זיך, אַז איך מיט ריוועקען זיינען מיר די איינציקע סיבע פון דער קריגעריי צווישן טאַטע־מאַמע. די מאַמע קוקט טאַקע אַף מיר און רעדט באַדויערנדיק:

— די מויד וועט קיין לייט ניט זיין!... מיט איר אייגענעם טויט וועט זי נישט שטאַרבן!.. וואו מען פאַרזייט זי ניט, וואַקסט זי אויס, דער אומגליק!..

דער טאַטע לאַכט:

— אַלע מיינע ליבע זאָלן געשטראָפט ווערן מיט אַזעלכע אומגליקן!...
זאָל זי נאָר פּאָטער ווערן די זאָלאָטוכע פון די אויגן און דעם פּאַליפּ פון דער נאָז, וועט מען ערשט זען וואָס שיין איז!... די פענצטער וועט מען מיר אויסקלאַפּן און זיך נאָכפרעגן אַף אַזעלכע אומגליקן!...

מיך אַרט שוין דאָמאָלט ניט וואָס איך בין געראָטן אינעם טאַטן. דער טאַטע איז אויך שיין. דעם עמעס געזאָגט, איז ער אָביסל נידעריקער פון דער מאַמען, די פּלייצע באַ אים איז, עטוואָס קיילעכיק. דערפאַר האָט דער טאַטע שיינע ציין, ווייסע און שטאַרקע. ער צעבייסט מיט זיי גאַנץ לייכט אַ געשליפן גלאָז. דעם טאַטנס פּאָנעם איז לענגלעך און טונקל. די האָר באַם טאַטן, דער קאָפּ און דאָס בערדל, זיינען שוואַרצע און ווייכע ווי זייד. זיינע טונקעלע אויגן, גרויסע, פינקלען מיט לעבן, מיט דורכ־דרינגלעכער שאַרפקייט און כאָכמע. אַלע זאָגן, אַז דער טאַטע איז אַ גרוי־

סער כאַבעם. האַלעווײַ בין איך אין אים געראָטן!... נישט אומזיסט ווינטשט זיך היצעלע, דאָס שטוב־מײדל אונדזערס, צו האָבן אַזאַ גאָלדענעם מאַן ווי מײַן טאַטע איז!...

היצעלע, אונדזער שטוב־מײדל, האָב איך שטאַרק ליב. זי זינגט שײנע לידלעך פון ליבעם און פאַרפירטע אָרימע דינסט־מײדלעך. זי זינגט אויך פון טאַטעס, רײַכע און שלעכטע, וואָס לעבן אַ גוטן טאָג אין אַמע־ריקע און די קינדער זײערע זיצן אין בעסאַראַביע, ווערן נעבעך דינסטן און דעם טאַטן גייט עס ניט אָן... זי קלאַפּט אויס מיט צוויי גאָפּלען אָפּן טיש פּונקט ווי דער וועכטער, וואָס קלאַפּט באַנאַכט מיט צוויי דינע שטעק־עלעך אין דער וואַנט פון כאַים ראַבינאָוויטשעס קראָם. זי איז אַ הויכע פעסטע מויד מיט אַ הויכן שטײַפן בוזים און האָט אַ שײנעם האַלדז, אַ טונקעלן און אַ פעטן. די שטאַרקע קלאָרע הענט אירע האָבן טיפע כײַנ־גריבלעך אַרום די עלנבויגנס. היצלס טיפע קאַרשן־אויגן און איר קורצע אונטערגעשוירענע פריזור מאַכן זי שײן, ווײַבלעך. זי וואוינט מיט איר מאַמען און מיט נאָך אַ שוועסטער און אַ ברודער בײַ אונדז אינעם „פליגל", אַ קלײן צווײזײַטיק הינטערשטיבל, מיט אַ ברײטן פאָדערהויז און אַ קלײ־נער קיך, אַ פינצטערער און אַ נאַסער.

היצעלעס מאַמע, טויבע ליבע די גראָבע, איז ברייט און שטאַרק, ווי אַ קאַצאַפּקע. דער בוזים אירער איז העכער און אומרואיקער ווי היצעלעס. אירע גרינע אויגן זײַנען לעבעדיק, אַף איר גרויסן צעקנײטשטן פּאָנעם שוועבט אַ דינער שמייכל, אַ צעלאַכעסדיקער, אַ פרעכער. היצעלעס קלע־נערע שוועסטער האָט צוויי ברייטע שפּיציקע האָרבעס, איינעם אָפּן האַרצן און דעם צווייטן אַף דער פּלייצע; קיין בויך מיט קיין בוזים זע איך ניט בײַ דער האָרבימשקע, נאָר אַ קאָפּ אַ גרויסן, אַ פּירקאָנטיקן, אַ שײן פאַר־קעמטן, מיט אַ סאַך רויטע און געלע קעמעלעך באַשטעקט. די פּיס אירע מיט די הענט זײַנען דאַר, דאָס פּאָנעם — אויך, נאָר די אויגן ברענען בײַ איר מיט אומרו, מיט זשעדניקייט און מיט כאַכמע. טויבע ליבעס בענ־יאָכיד, פּישעלע, איז ברייט, פעסט און נידעריק. די געלע שיטערע האָר אָפּן קאָפּ שטייען בײַ אים, אַזוי ווי מײַנע. מיר געפעלן ניט זײַנע גרינגע וואַסערדיקע אויגן, די ביטערע און ליגנערישע. אין שטוב בײַ אונדז זאָגט מען, אַז פּישעלע וואַקסט אַן אומלייט, אַ גרויסער גאַנעוו...

שאַבעס נעמט מיך היצעלע צו זיך אַהיים. זי האָט בײַ זיך געסט. יונגען גרויסע מיט פלאַמענדיקע באַקן און מיידן, מיט שעלמישע אויגן און רויטע ליפּן. מען קנאַקט קערלעך און מען טרינקט באַרלעך־קוואַס. מען שפּילט אין פאַנדעס און מען זינגט לידער פון דינסטן און גאַנאַווים... טוי־בע ליבע, מיט אירע גראָבע קליבעס, דערלאַנגט לאָקשענעם קוגל פאַר די געסט, איר פּאָנעם נאַשט, פלאַמט ווי אַ פײַער. די מאַמע זאָגט, אַז טויבע ליבע איז שולדיק אין איר טאָכטערס קרענק. — קיין גוטן סאָף זאָל אַזאַ מאַמע ניט האָבן!... היצעלע פּאַסט זיך גאָרניט צו זײַן טויבע ליבעס אַ טאָכטער!... די מאַמע נעמט אַרום היצלען פאַר דער טאַליע און קוקט

אין איר פּאָנעם אַרײַן פֿול מיט ליבע.. דער מוידעם כײַז־גריבלעד און די פֿולע גלאַטע באַקן ווערן דאַמאָלט טיפֿער, וואַרימער, זײ פּעכלען, ווי צווײ וואַרימע ראָזשינקעס אויסגעפּראַזשעטע אין שמאַלץ, אַף אַ הײסן געבלע־טערטן קוגל.. אַז נעכאַמעס קינדער קומען אַרײַן צו אונדז, ווערט די מויד טרויעריק, ווײט, פֿרעמד... אַז זײ גײען אַוועק, צעלאָזט זיך היצעלע אין אַ טענצל איבערן פּאָל, שיפּט זיך אין אַלע ווינקעלעך פֿונעם זאַל, ווי אַ ווינט...

— אוי, ראַצע, אוי ראַצע! אַז מען האָט ניט קײן מאַזל, דאַרף מען ניט קײן יאָרן!... אוי ווײ, אוי ווײ!... דער טאַטע זאָל דאָרט קײן גוטן סאָף ניט האָבן!.. אוי ווײ.. אוי ווײ!... — און זי קנאַקט מיט די פֿינגער אין דער לופֿטן.

די מאַמע לאָזט ניט היצלען טאַנצן.... דער גוי, וואָס וואוינט אין דער באַשקע, אונטערן גאָרן, לויפֿט אַרויף אַף דער גאַלערייע און קלאַפּט מיט אַ דאַרן פֿויסט אין אַ פֿענצטער אַרײַן:

— זשידי פּאַרכאַטעיע!... זשידי בעזאַבראַזנעיע!...

ער איז אַ קראַנקער, זאָגט די מאַמע, ער האָט טאַקע אַ געל פּאָנעם, אַ שמאָלם ווי באַ אַ פֿייגער... ער קען ניט לײדן אַז מען קלאַפּט אים איבערן קאָפּ.. די מאַמע דערציילט, אַז דער גוי איז אַ גרויסער אידישער סוינע, אַ „רוסקי סאָיוזניק”... פֿונעם קעשענעווער פּאָגראָם איז דער גאַזלען רײַך געוואָרן, אָפּגעלעקט אַ פֿעטן בײן...

איך האָב ראַכמאָנעס אַף היצלען, איך וויל זײַן איר כאַווערטע, איר פֿרײַנט... זי האָט מיך אויך ליב, זי קושט מיך אַ סאַך און טראָגט מיך אַף די אַקסלען.

ד. — כאַמע די מעשוגענע

אַ ווינטערדיקער אָפּדערנאַכט. אין דרויסן שיט אַ שנײ, ווי פֿור־כענע פֿעדערן וואָלטן געפֿאַלן אין דער בלויִלעך־גרויער לופֿט. ער פֿאַלט צו צו די צוויִיענדיקע און מיט אײַז־אָנגעפֿרוירענע פֿענצטער פֿונעם זאַל. אין זאַל איז רײן און וואַרים. דער קנויט פֿונעם גרויסן הענג־לאָמפּ אַרײַנ־געדרײט. שמאָלע שפּריצלעך פֿײער, דינע ווי נאָדלען און בלויע, לעקן דאָס הײסע בײכיקע גלעזל. אַ טיפֿע בלויקײט הענגט אין זאַל. אין די ווינקלען שאָטנט זיך אַ גרויער ווינטערדיקער אָפּשײַן, וואָס פֿאַלט אַרײַן דורך די פֿענצטער. דער פֿריש געוועקסטער פּאָל איז פֿאַרשפּרײט מיט געבלימטע טעפּיכער. די לאַנגע ווײסע פֿאָרהאַנגען, שטײַפֿע, געקראָכמאַליעטע, הענגען אַף די פֿענצטער ווי אום זומער. די מאַמע זיצט לעבן דער אויסגעהײצטער רובע אַף דער געבעטער סאָפֿע. אַף אירע באַקן שפּילן זיך צווײ רויטע פֿלעקן, קראַנקע. די מאַמע איז טאַקע ניט געזונט. זי פֿאַרעט איר זאַניטע־צע אַפֿן גראָבן פֿינגער, וואָס מוטשעט זי שוין עטלעכע טעג. עס פֿילט

זיך די קאַרבאָלקע, אין װעלכער די מאַמע האַלט דעם קראַנקן פינגער. עס הערט זיך דאָס הודיען פון דער ליסקע, װאָס פּלאַמט אין דער אָפענער רובע. אַמאָל טוט דאָס פייער אַ זעץ אַרױס און לעקט מיר אָפּ דאָס פּאָנעם, די הענט... מײַן ריװקע רעדט צו מיר זייער שטיל:

— לאָז, גאָלדע, מיך! מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, איך זאָל אַרײַנשיטן אַ שעפער ליסקע און דו אַ שעפער...

נעכאַמע מוישע װאָלפס רעדט מיט אַ טיף קאָל, אַ װייכס און אַ זיכערס:

— מיידלעך דאַפן זײַן סטאַטעטשנע, שטילע... די מאַמע איז קראַנק און איר מיט אייערע נאַרישע שטיק. ס'איז קאַפּצאָניש, פע!...

— נעכאַמע איז גערעכט! — זאָג איך צו מײַן ריװקען — װאָס זשע טוט מען אָפּ צו זײַן גוט, לייטיש?..

ריװקע קוקט אָף מיר מיט גרױסע אױפגעריסענע אױגן, ערנסטע און קלוגע:

— מען דאַרף פאָלגן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, אָפּגעבן קאָװעד עלטערע מענטשן, ראַכמאָנעס האָבן אַף אָרימעלייט און ניט זאָגן קיין ליגן — איז מען לייטיש!...

— דו, ריװקע, טוסט דען אַזױ?...

— אַװאַדע!.. דו װייסט עס דען ניט?... מעקייעם זײַן קיבעד אָװ איז אָפּגעגעבן ברױט!...

איך גיי טאַקע שױן צוהעלפן דער מאַמען.. איך זע װי זי װיל צושלעפּן דאָס קינדער־װעגעלע צו זיך, װאו מײַן קראַנק שװעסטערל היטעלע קרעכצט און קוקט צו דער מאַמען מיט גרױסע בעטנדיקע אױגן, בלױע און טרױעריקע. איך פאַרקוק מיך אַף מײַן שװעסטערלס הענטלעך, די דאַרע װי די שטעקעלעך... — זי האָט די דאַר — זאָגט די מאַמע... און איך גיב אַ שטופּ אַרױף דאָס װעגעלע אַף דער מאַמעס האַנט און צעקלאַפּ דעם קראַנקן פינגער אירן. נעכאַמע טופּעט צו מיר מיט די פיס:

— זעסט, גאָלדע, װי די מאַמע װיינט!

איך װיין אױך, שטיל, מיט װייטיק און אין זיך. היצעלע לױפט אַז פון דער קיך:

— שױן װידער, דו דיבעק, דו אומרו, מיט דײַנע װילדקייטן!...

איך קאָל קלינגט מיר פרעמד, גראָב, שלעכט... ריװקע קוקט אָף מיר פול מיט פאַרשטאַנד, מיט ראַכמאָנעס. װען איך שעם מיך נישט, פאַל איך איר אַרױף אָפן האַלדז. אױ, װאָלט איך געװײנט, געיאָמערט!...

פּלוצים דערהערט זיך אַ קלאַפּ הינטערן פענצטער, אַ פרעמדער, אַ װייטער. — עפּשער גייט דער טאַטע פון דער אַרבעט?.. איך גיי אַ קוק טאָן צום פענצטער. די מאַמע רעדט צו מיר װייך, קרעכצנדיק:

— גיי אַהער, דו אומרו, סאַמבאַטיען!... שױן צייט צו פּאָפּן!....

װאָס װאָלט איך דען ניט געטאָן, אַז די מאַמע זאָל מיר מױכל זײַן, אַז דער פינגער װאָס איך האָב איר צעקלאַפּט זאָל איר אױפהערן װיי טאָן!...

דער טאַטע איז נישט געקומען, אַ שװערער שטיין, אַן אײַזערנער, האָט

גאַר אַריינגעקנאַקט דורכן פענצטער. אַ געבראָזג פון גלאָז ווערט פאַרלוירן צווישן די שטוביקע קוילעס... דורך דער אויסגעבראָכענער שויב פאַלן אַריין גראָבע שטיקער שניי. עס זעצט אַריין אַ שטאַרקע קעלט, אַ טרוקענע, אַ בייזע. די מאַמע שטייט אַ צעטומלטע לעבן פענצטער און ברעכט די הענט:

— דעם גאַנצן קרעדענץ מיר צעבראָכן, כאַרעוו געמאַכט!..

נעבאַמע מוישע וואָלפס פאַרשטעקט די אויסגעקלאַפּטע שויב מיט אַ קליין קישעלע. אַ שטילע, מיט איר גאַנצער בשיוועס, באַרואיקט זי די מאַמען:

— אַ שיינע ריינע קאַפּאָרע. אַבי געזונט!...

דורך איר קומען אַלע אומגליקן!... — קלאָגט די מאַמע און קוקט פונעם צעבראָכענעם גלאָזוואַרג אַף מיר.

היצעלעס אויגן שפּריצן אַף מיר מיט פייער. זי טוט מיר אַ שטאַרקן ריס פאַר אַן אויער:

— אַזאַ דיבעק ווי דו זאָל אין קיין אידישער שטוב נישט געבוירן ווערן!...

די רייד אירע שטעכן מיך אין האַרץ. פאַר אַלעמען אין די אויגן באַ־ליידיקט זי מיך!... דער פאַל ברעכט זיך אונטער מיינע פיס.. אַ טיפער אָפּגרונט שטעלט זיך אַוועק אין דער מינוט צווישן מיר און היצעלען.. אַ פרעמדע, אַ שלעכטע, אַן אומפאַרשטענדלעכע איז זי איצט. ווי אונדזער שכיינע נעבאַמע, מיט אירע שיינע גראַטענע קינדער...

מיין ריווקע לויפט אַראָפּ פונעם גאַניק אַ באָרוועסע און אַ האַלב־נאַקעטע.

— טאַטעעע! — שניידן די קוילעס אירע מיין שטורעמדיק האַרץ.

וואָס וועט פון מיר ווערן?!... גאָטעניו, זיי דיך מעראַכעם, העלף מיר!... — איך בין מענאַדער אַ גראָשן אַף רעב מייער באַל נעס, אַז דער טאַטע זאָל מיך ניט שלאָגן..

ער האָט מיך טאַקע ניט געשלאָגן. ער לויפט אַריין מיט ריווקען אַף די הענט און שרייט דערשראָקן:

— גאָט איז מיט אייך!....

אין זאָל זיינען דאָ נעבאַמעס קינדער און מענטשן פון דער גאַס. די מאַמע רעדט דורך טרערן:

— זעסט, הערש, מיינע רייד!... איך האָב דיר געזאָגט, אַז כאַמע די מעשוגענע וועט אַף אונדז אַן אומגליק אָנשיקן...

— סע וועט באַלד אַ רועך אין איר טרייפענער נעשאָמע, באַ די האָר וועל איך איר אַהערברענגען און זי אויספּאַטשן פאַר אַלעמען אין די אויגן!...

— הערש, נאַכוואָס זאָלסטו אויסשרייען אין דער הויך? דו וועסט עס דען טאָן?.. נאַכוואָס זאָלן מענטשן מיינען ביזט אַ גאַזלען, אַ העפקער־

מענטש?.. — רעדט די מאמע שטיל און פירט מיט די אויגן איבער די פרעמדע מענטשן.

איך ווייס ניט צי כאמע איז א מעשוגענע. זי איז א מויד פון א יאר פערציק, א שטארקע, א הויכע, מיט אראפגעלאזטע אקסלען. איר פאנעם פלאמט ווי זי וואלט טאמיד געשטאנען באם פייער. אין אירע אויגן, ביר־קאלירטע און קליינע, טוקט זיך א היים פייער, א בליאסק פון טייווע, ווילדער און ניט געזעטיקטער. אין שטוב האב איך געהערט, אז כאמע איז פארבליבן באם קינדישן סייכל. איצט ליידט זי פון א שלעכטער איינרע־דעניש, ניט דא געדאכט, זי לויפט נאך די יונגע און שיינע מענער פונעם שטעטל, שיקערט און רעדט מיעסע רייד...

כאמעס א שוועסטער, סערקע די נייטארקע, וואוינט אקעגן אונדז און איז מיין מאמעס א כאווערטע. סערקע איז א קלוגע, א באשיידענע און א צניעסדיקע. איר פאנעם איז גרויס און מאט, פון אירע פרישע פארביקע באקן זעצט ניט קיין היץ ווי פון איר שוועסטערס באקן, די הייסע און צע־פאליעטע. סערקע האט צוויי קינדער, א אינגל מיט א מיידל, כאמע האט זיי פיינט. זי האט אויך פיינט סערקען, איר קלענערע שוועסטער, וואס האט כאסענע געהאט פאר איר. זי עסט און שלאפט בא סערקען און שעלט זי הינטער די אויגן און אין די אויגן. כאמע טראגט זיך ארום מיט מיר טעג גאנצע, זי קויפט מיר צוקערקעס און גרויסע געזאטענע פאפישויעס, פון די פאפישויעס באקום איך א גרויסן בויך, א הארטן ווי א שטיין. זי פלעכט מיר אן רויטע שלייפעלעך אין די האר, די בייזע און הארטע און בארימט זיך מיט מיר פאר אירע באקאנטע.

— איר זעט דאס שיינע מיידעלע? — לאכן די צעצונדענע באקן אירע. — מאכמעד דער טערק האט זי מיר געמאכט!..

זי קושט מיר ווילד און היים. איר אטעם, דער בראנפנדיקער, שטיקט מיך. די מאמע וויל דאס ניט ליידן, זי קען אבער ניט ארויסטרייבן כאמען צוליב סערקען. סערקע זאגט, אז מוישעלע, איר בעניאכיד, דער בלייכער מיט די גרינע אויגן, וועט זיין מיין כאסן... איך פארשטיי ניט, אליין זאגן די ווייבער, אז מען טאר ניט ריידן פון אזוינע מיעסע זאכן, איז פארוואס זשע ריידן זיי יא?... אפאנעם אז מאמעס מעגן ריידן פון אלצדינג... ווען וועל איך שוין זיין א מאמע!... איך וואלט געגאנגען מיט כאמען אומע־טום און פאר קיינעם קיין מוירע ניט געהאט!... דעם זומער האט מיך כאמע גענומען מיט זיך אף דער פאטשטזגאס. מיר זיצן ביידע אף א גרין געפארבטער באנק לעבן א גרויסן הויף, א שיינעם מיט א ברייטן גארטן. אין גאס איז היים, די זון באקט מיך שיר אפ. כאמע דריקט מיך צום הארצן און זאגט:

— דא וואוינט קיווע טאבונער. מאניע, זיין באכער, פארכאפט זאל ער ווערן, א שווארץ לעבן אף אים!... וויל גאר קיין קינדער נישט האבן!...

זי סאפעט שווער און לאכט הויך, מיט א ברייט מויל ווייסע ציין, שטארקע און לאנגע. אף אירע געלעכטערס קומט ארויס א באכער פונעם

סאַד, אַ הויכער און אַ ברייטער באַכער ווי אַ קאַצאַפּ. דער קאַלנער פון זיין ווייס העמד איז צעשפיליעט, עס זעט זיך אַרויס אַ שטיק האַרץ אַ ברוינס, מיט אַ סאַך שוואַרצע האָר באַוואַקסן. ער שאָקלט צו כאַמען מיטן קאָפּ. די געדיכטע ברוינע האָר פונעם קאָפּ פאַלן אים אַפן שטערן, אַפן פרישן פאַרביקן פּאַנעם מיט די שטייפע אַרויסגעשטעלטע קינבאַקן. אַ שמייכל, אַ ברייטער און שפּאַטישער, שפּילט זיך אין די גרויסע טיפע אויגן זיינע.

— קענסט ניט אָפּזיצן, כאַמע, אין אַזאַ היץ?! — זייעט ער דורך די ווייסע ציין, די ברייטע און שיטערע.

כאַמע סאָפּעט, אירע אויגן לאַכן, דאָס גאַנצע פייער אין פּאַנעם לאַכט. זי טוט אים אַ קלאַפּ אונטערן בויך און שטשירעט אַף אים די גרויסע ציין:

— קום, מאַניע, מאַך מיר אַ מיידעלע, פונקט אַזאַ ווי די!...

זי נעמט אים שלעפּן פאַרביידע הענט און ווינקט צו מיר מיט מיעסע מוטנע אויגן, ווייטע און פרעמדע:

— האָב ניט מוירע, אַט קום איך באַלד צוריק!...

די בוימער פון יענער זייט פּלויט, שווערע און מיט פרוכטן באַלאַדענע, ציען זיך צו דער ערד. עפּל פאַלן פון זיי אַרונטער אין זייער פולער אומעכ־טיקער צייטיקייט. כאַמע מיט מאַניען פאַלן אַפן גראָז אונטער די ביימער, פאַרלירן זיך פון מיינע אויגן.

אין דער היים לאַכט כאַמע גרויסהאַלטעריש, אומפאַרשעמט:

—עמעס, גאָלדע, מאַניע, דעם נאַגידס זינדל, האָט מיר גאָרניט גע־טאָן?!... שענערע, אינגערע פון אים, לויפן מיר נאָך, ווערן נאָך מיר די קאַפּאָרע....

דער טאַטע האָט זי דעמאָלט אַ כאַפּ געטאָן פאַר די אַקסלען און זי אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ.

— וואָז פון דאַנען, דו מעשוגענע!.... דיין גערעכעניש זאָל זיך דאָ מער ניט געפינען!....

דעמאָלט בין איך געוואוירע געוואָרן, אַז קליינערהייט האָט מיר כאַ־מע געוואָרפן אַ ציגל אין קאָפּ אַריין, מיך צו דערהאַרגענען, אויס נעקאָמע פאַרוואָס מען לאָזט מיך ניט שלאָפן מיט איר. און פון דעמאָלט אָן איז כאַמע באַרויגעז מיט אונדזער שטוב און נעמט מיך שוין ניט שפּאַצירן. אויך סערקע, איר שוועסטער, איז פון דעמאָלט אָן באַרויגעז מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען.

איך האָב כאַמען ליב, אַפילע נאָכדעם ווי זי האָט אַריינגעוואָרפן דעם שטיין דורכן פענצטער. איך בין ניט בייז וואָס זי האָט אַריינגעוואָרפן דעם שטיין, נאָר באַנאַכט קען איך ניט שלאָפן, און עס כאַלעמען זיך מיר שווע־רע כאַלוימעס. איך זע גרויסע הינט, שוואַרצע מיט ברייטע פּיסקעס... זיי שפּרינגען אַריין דורכן אָפענעם פענצטער און וואַרפן זיך אַף מיר... איך הויב אויף אַ גוואַלד און רייס דעם טאַטן באַם העמד:

— הינט קריכן דורכן פענצטער... קראַוואַלניק, קראַוואַלניק!...

דער טאַטע טוליעט מיך אין זיינע אָרעמס און מיט אַ שטיל קאָל, אַ דערשראָקנס, בעט ער מיך:
— זאָג מיר, טאָכטער, ווער איז קראָוואָלניק?.. גאָט איז מיט דיר!.. טו אַ קוק צום טאַטן!.. — רייסט ער מיר די פאַרשלאָפענע אויגן, וואָס איך האָב מוירע צו עפענען. איך הער אויך דער מאַמעס קאָל, אַז אומרואיקס און דערשראָקנס:
— טו אַ קוק אין פענצטער, טעכטערל, ווּעסטו זען אַז אין דער אָפענער שויב שטעקט אַ קישעלע... ווער איז דער קראָוואָלניק גאָר?...
דער טאַטע מאַכט ליכטיק אין שלאָף־צימער און שלעפּט אַף זיך אַרויף דעם שוואַרצן פּאַלטאָ און אַ פּאָר קאַלאָשן אַף די פיס. ער נעמט מיך אַריין אינעם פּאַלטאָ און טראָגט מיך צו צו דער אויסגעבראָכענער שויב.
— טאַפּ אָן מיט דיינע הענטלעך, טו דאָס פאַרן טאַטן!.. — טראָגט ער צו מיינע הענט צום קישעלע. איך פיל די קעלט, וואָס יאָגט אַריין פון דרויסן און פיל ווי די אומגעצוימטע שרעק באַזעצט זיך אין מיינע ביי־נער און צעטראָגט מיך אַף שטיקער.
דער טאַטע נעמט קלאַפּן אין נעכאַמעס טיר:
— קינדער, איר וועט אַזוי גוט זיין מיר עפענען, מיין גאָלדע האָט זיך דערשראָקן...
באַ נעכאַמען אין זאַל איז פינצטער. איך הער ווי די אינגלעך אירע וואַרפן זיך איבער אַף די סאָפעס. זיי רײדן שטיל און פאַרשלאָפן. נעכאַמע רעדט אַרויס פונעם שלאָף־צימער:
— הערש, קום אַהער.... זי האָט זיך דערשראָקן?... ס'עט איר גאָרניט זיין!... מאָרגן, בעלינײדער, גיט איר וואַקס און עפּשער גאָר אַ גוט אויג געכאַפּט?...
דער טאַטע זיצט אַף דער פאַרענטש פון נעכאַמעס בעט און רעדט זייער שטיל:
— ס'ערשטע מאָל אַז מיינס אַ קינד זאָל זיך דערשרעקן... אַלץ קומט אומגעריכט...
נעכאַמע שאָקלט צו מיט דער ווייסער קופּקע אָפּן קאָפּ. ברײנע רעדט אַרויס פון דער האַלב־פינצטערניש:
— אַזאַ גרויסע באַרישניע ווי דו, שעמסט דיך ניט אונדז איבערצו־שרעקן?... מילאַיאַ, ביעדנאַיאַ!....
מיר געפעלט ברײנעס קאָל, דאָס גוטע און געטרייע. מיר ווערט אויך גוט. איך שעם מיך טאַקע. פון בושע באַהאַלט איך דאָס פּאָנעם אינעם טאַטנס בוזים. איך הער נאָך ווי מען רעדט, נאָר איך מאַך מיך שלאָפנדיק, ביז די רייד זייערע ווערן שטילער, צערינען זיך..
אויפגעכאַפּט האָב איך מיך גאַנץ פרי. אין שלאָף־צימער איז שוין ליכטיק. אַף די ווייסע פּראַסטיקע שויבן וויגן זיך עטעלכע קיילעכדיקע פלעקן, גרינע און געלע ווי קופּערנע באַטבייעס. די מאַמע שלאָפט נאָך.

זי האַלט אָפּן ס'מויל און זעט אויס אַ פאַרענדערטע. פאַרוואָס איז דער שוואַרצער קאַפּנשטיק פון היטעלעס פּאַטאַנדל אָפּן? ס'שטייט דען אָפּן רעגן? ס'איז דאָך קאַלט, פראַסטיק!... איך טו אַ קוק צום פענצטער אין זאַל, דאָס קישעלע שטעקט נאָך, אָפּן פּאָל וואַלגערן זיך אַ פּאָר שטיקלעך גלאָז, גראָבע און געשליפענע.... איך דערמאָן מיך אינעם נעכטיקן אָפּדער־נאַכט און אָן די שרעקלעכע כאַלוימעס מיינע... מיר דאַכט זיך, אַז אין שטוב בא אונדז האָט זיך אַלצדינג מיטאַמאָל אַזוי געענדערט!.. איך באַ־האַלט דאָס פּאָנעם אינעם קישן. דעם טאַטנס צעשטרייטע בליקן הענגען אַף מיר. ער איז גאָרנישט בייז.. ער הויבט מיר אונטער דעם קאָפּ און קוקט מיר גלייך אין די אויגן:

— פאַרוואָס האָסטו ניט אויפגעוועקט דעם טאַטן?... זע, די זון שפּילט זיך שוין אַף די שויבן.. איך האָב שוין פאַרשפּעטיקט!...

ער רעדט צו מיר ווי צו זיינס גלייכן. ער שפּרינגט אַראָפּ פון דער סאָפע. די מאַלבושים פאַלן אים פון די הענט. ער איילט זיך באַם אָנטאָן. די מאַמע עפנט אַ פּאָר פאַרכידעשטע אויגן:

— גייסט שוין צו דער אַרבעט?. ס'איז שוין שפּעט, הערש?... — און באַלד אין גאַיש: — דיטינאַ ספּאַלאַ?

דער טאַטע שמייכלט צופרידן:

— מיט מיר וועט זי ניט שלאָפן!.. אַ שיינע זאַך!.. זי האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט, די קלאַווטע!...

ה. — די טערקישע בעקעריי

— הערש, נעם זי אַריבער אַהין!.. דאָרטן וועט זי זיך פאַרשפּילן!.. די נעשאָמע פאַלט מיר אַרויס!..

דער טאַטע טוט מיר אָן איין ליבל אָפּן אַנדערן, טוט מיר אָן אַ פּאָר באַרלאַטשן אַף די פיס און נעמט מיך מיט זיך. די גאַס איז ווייס און אומענדלעך ברייט. אַ דינע זון, אַ בלייכע, רוקט זיך איבער די ווייסע דעכער, איבער אונדזער גאַניק מיט די פענצטער. דער טאַטע האַלט מיך אין די ברייטע פּאָלעס פון זיין פּיזענעם מאַנטל. מיר איז וואַרעם, ניט אַזוי פונעם מאַנטל, ווי פונעם טאַטנס געטרייע הענט און פון זיינע וואַ־רימע רייד.

— האָסט ליב דעם טאַטן, גאָלדע?..

— אַוואָדע האָב איך ליב!..

— טראָג זשע אַביסל דעם טאַטן אַף די הענט!... ביז איצט האָט דער טאַטע דיך געטראָגן!... וואָס זשע שווייגסטו, נאַסטאַסיע די שיקערטע?!... אָט וועט דיך דער טאַטע אַוועקוואַרפן אינעם שניי... איך דאַרף דיך ניט!...

איך לאַך. איך ווייס, אַז דער טאַטע וועט מיר אָפּן שניי ניט אַוועק־וואַרפן. איך ווייס אויך, אַז ער נעמט מיך איצט אין דער טערקישער בע־

קעריי. דער טאַטע אַרבעט דאָרטן. איך קום אַהין אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, זומער — יעדן טאָג. איך האָב ליב צו זיצן אַף דער דעק פון אַ לאַנגער בעקערישער מולטער און קוקן אין די גרויסע פייערן, ווי די צעברענטע שטיקער האָלץ דרייען זיך אין אַ בראַנדיקן ווייטיק און גליען אָן די ווינקלען פון די גרויסע בעקערשע אויוונס... דאָס האָלץ שפּייט מיט הייסע שטיקער פייערדיקע צינגען... מיין ריוועקע זאָגט, אַז שטיקער האָלץ האָבן אויך נעשאָמעס, זיי האָבן זיך ליב איינס דאָס אַנדערע, דאָס בייזערן זיי זיך פאַרוואָס מען פאַרברענט זיי, אַף זייער פייער־שפּראַך שיקט דאָס ברענענדיקע האָלץ אַ לעצטן גרוס צו די אייגענע, וואָס ליגן אין די הונדערטער פודן באַ מאַכמעדן אין די קאַמערן.. מיך געפעלט ניט דאָס געזאַנג פון די טערקישע בעקער־יונגען: זיי גאָרגלען און דערשטיקן דעם ניגן אונטערדער נאָז... אינמיטן דערינען הויבן זיי אויף די פאַרמעליקטע קעפּ און וואַרפן זיך איבער מיט אַ פּאָר טערקישע ווערטער... שטיל און געהיים ריידן זיי... איך וואָלט וועלן קענען טערקיש און פאַרשטיין וואָס די באָכערים מיט די שמאָלע שוואַרצע אויגן ריידן צווישן זיך. די טערקלעך טראָגן מיך אום אַף די אַקסלען און האָדעווען מיך מיט ווייסע פּיראָזשענעס, וואָס צעגייען זיך אין מויל ווי פּוטער... נאָר מער ווי אַלע האָט מיך ליב קאַליאַ. ער גיט מיר אַ קופּערנעם זעקסער פאַר יעדן קוש, וואָס איך לאָז מיך פון אים געבן... קאַליאַ איז ניט קיין טערק; ער איז אַ קיעווער, זאָגט דער טאַטע. ער איז אַ הויכער, מיט אַ גרויס געשטופּלט פּאָנים און מיט בלאָנדע סאָלדאַטסקע וואָנצעס. ער אַרבעט שוין אַ סאַך צייט אין מאַכמעדס בעקעריי. קאַליאַ, זאָגט מען, איז אַ מאַמזער, זיין טאַטע איז אַ רייכער טשינאָווניק און זיין מאַמע — דעם טשינאָווניקס דינסט. ער האָט פיינט דעם טאַטן זיינעם און ער האָט פיינט אַלע רייכע... דערפאַר איז ער אַ בעקער־יונג... ער וויל אַרויפירן די טעמפּע לייט אַף אַ גלייכן וועג.. מער פאַר אַלע האָט מיך ליב מאַכמעד, דעם טאַטנס באַלעבאָס. ער קויפט מיר מאַטאָנעס. יעדן מאָל פאַרן אַהיימגיין, שענקט ער מיר אַ פּושקעלע כאַלוואַ און עטלעכע קופּערנע מאַטבייעס. ער קושט מיך אין די לעפּלעך פון די אויערן און אין דער פּאָטילניצע.. איך האָב ליב מאַכמעדן, ניט פאַר די מאַטאָנעס און פאַרן נאַשוואַרג, נאָר פאַר זיין איידלקייט... מאַכמעדס קאָל איז פול מיט ליבשאַפט און געטרייקייט, אַף זיין לענגלעך מאַטאָווען פּאָנעם ליגט אַ זוניקער שמייכל, זיינע טונקעלע מאַנדל־אויגן שיינען אַפיר פון זיין הויכן ווייסן שטערן מיט די דריי ברייטע פאַלדן אינדערמיטן... מאַכמעד רעדט צו מיר מיט אַ שטיל קאָל, אַ זוניקס און אַ וואַרעמס, וואָס קומט פון סאַמע האַרצן... איך וואָלט אויך וועלן ריידן אַזוי ווי מאַכמעד.. אַזוי היימיש און געטריי ווי מאַכמעד רעדט, קען קיינער ניט... ער איז אַ שיינער אויך: אַ גלייכער, אַ גראַציעזער... די ליפּן רויטע, פון זאַפטיקע שמייכלען געשניצטע... ער וואָלט עפּשער ניט באַדאַרפט טראָגן די בלאַנדע און שמאָלע, אַף אַרויף פאַרדרייטע וואָנצעס, וואָס פאַרשטעלן אים זיין גלאַט געראַזירט צעשמייכלט פּאָנעם.. אין שטוב באַ אונדז זאָגט מען, אַז

מאַכמעד איז אַ דימענט ניט קײן מענטש, ער גיט נעדאָוועס אָרימע אידן און גײט אַף אָרימע כאַסענעס און בריסן, נאָר אַ ליגנער און אַ רעכילעסניק האָט ער פײנט... קומט צו אים אַ איד באָרגן דרײסיק קאָפּיקעס אַף שאַבעס צו מאַכן און ער כאַנפעט אים און ער שעלט דערבײ די אידישע בעקערס, וואָס ווילן ניט לײען, דערלאַנגט אים מאַכמעד אַ גאַנצן זילבערנעם קערבל.. מער וועט שוין צו אים דער כאַניפעניק נאָך קײן גמילעס כעסעד ניט קו־מען... מאַכמעד צאָלט זײנע אַרבעטער בעסער ווי אַלע אַנדערע בעקער און גיט זײ ס'בעסטע עסן... כאַפּט ער אַן אַרבעטער מיט אַ געגאַנוועטן קוי־לעטש, ווערט מאַכמעד ניט אין קאַעס, ער זאָגט דעם אַרבעטער: „נעם דיר קוילעטש און ברויט וויפל די קינדער דײנע קענען אויפעסן, נאָר ניט אַף אַרויסצוואַוואַרפן!.. מאַכמעד קען רײדן אידיש, ווי אַ איד. איך וועל אים טאַקע דערצײלן פונעם באַנאַכטיקן דערשרעק...

נאָר מאַכמעד, ווײזט זיך אַרויס, ווײסט שוין פון דער גאַנצער געשיכ־טע. ער ווײסט עס דערפון וואָס מײן טאַטע איז ניט געקומען צו דער באַ־נאַכטיקער אַרבעט. איך דערקען עס דערפון ווי ער שטעלט מיך אַוועק אַף דעם קויף־טיש. מיר ווערט וואַרים פון זײנע ווײסע הענט וואָס גלעטן מיר דעם קאָפּ און פון די צוויי הויכע אײזערנע אויוועלעך, וואָס שטײען אַנגעגליטע פון בײדע זײטן שטאַרק ברײטער קלײט. און סע שמעקט דער קימל אַפּן הײסן קאָרן־ברויט, וואָס גלאַנצט מיט אַ ברוינעם שימער. עס שמעקט אויך אַרײן פון דער כאַרטשעווניע, וואָס געפינט זיך באַ דער זײט, מיט גאַישן באָרשט און מיט הײסע האָלובצעס און וואַרעניקעס מיט קעז.. גאָים מיט צעעפנטע בורקעס זיצן דאָרט און שוויצן באַם לאַנגן טיש... גאַנץ פרי עסן זײ אַזוי פיל!... מאַכמעדן פּאַסט שטאַרק די געלע וואָלענע טריקאָטע מיטן הויכן קאָלנער און דער געלער שאַרף אַרום קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי אַ פּאַרוק. אַזוי גײען די טערקן אין די פּרימאַרגנס...

דער טאַטע רעדט צו מאַכמעדן מיט אַ באַזאָרגט פּאָנעם. איך פאַר־שטײ ניט קײן טערקיש, נאָר איך הער ווי ער דערמאָנט כאַמעס נאָמען. מאַכמעד קוקט מיר אין פּאָנעם אַרײן און קושט מיר די הענט, די קוויטיקע. ער ווײסט ווער כאַמע איז. זי קומט אַהין יעדן טאָג. מיט שטעקענעס קען מען זי פון דאָרט ניט אַנטרײבן... די ווײבער פון דער גאַס זאָגן, אַז אין כאַמעס בליטן האָט זיך אַרײנגעכאַפּט אַ קליפּע, ראַכמאָנע ליצלאָן, ניט דאָ געדאַכט... עס ציט זי צו די טערקן... אַפילע מאַכמעד, דער אײדעלער און דער פײנער, האָט ניט געקענט בײשטײן די קליפּע אירע... אַזאַ ליכט!... אַזאַ מאַכמעד!... מאַכמעדן קען קײנער ניט אַזוי גוט ווי איך!... אָבער פאַר־וואָס ווערט ער רויט ווען דער טאַטע דערמאָנט אים כאַמעס נאָמען?... פאַרוואָס קוקט ער אַוועק פון מײנע אויגן?... מיך נעמט מאַטערן אַ געהײ־מעניש... וואָס זשע מאַכמעד האָט דען סוידעס פאַר מיר?!... איך באַמערק ערשט איצט ווי די באַרינגיע סאַפּיאַ איז אין קאַעס. אויך פאַר איר האָט ער סוידעס?... סאַפּיעס פולע באַקן, וואָס זײנען אַזש בלוי פון פולבלו־טיקײט, מיגיען זיך אין עטלעכע קאָלירן, איר הויכער פּאַראַדנער בוזים

הויבט זיך פון אויפרעגונג, אַפילע די רויטע האָר אַף איר הויכער גלאַנציקער פריזור, הייבן זיך. די בלויע אויגן וואָס זעען זיך קוים אַרויס פון איר פעטן שמאַלציקן פּנעם טאַנצן און בריען ווי צוויי הייסע שפּיזן..

אין דער היים זאָגט מען, אַז די באַרינינע סאָפיאַ איז מאַכמעדס אַ ליובאָווניצע. איז וואָס אַזאַ קאָם צו מיין מאַכמעד?.. איז וואָס אַזאַ גיוועדיק באַלעבאַטעווען באַם קויף־טיש און לעבן טיש־קעסטל מיט געלט?... פול מיט גאָדלעם טענצלט זי אונטער אַף די הויכע קנעפלעך פון די רויטע זיידענע שיך.. אַ סוואָרע, אַז מאַכמעד האָט איר לאַנג שוין געהייסן גיין פונדאַנען, נאָר זי סטראַשעט אים מיט נעקאָמע... מאַכמעד וויל טאַקע דערפאַר אַהיימפאָרן קיין טערקיי אַף עטלעכע וואָכן, אַזוי אַרום וויל ער זי פּאַטערן... אין טערקיי האָט ער אַ סאַך שטיבער מ טיאַ סאַך בעהיימעס און פעלדער... ער האָט דאָרטן אויך זיבן טערקישע ווייבער, וואָס טראָגן רויטע פאָרהענגלעך אַף די פּנימער... — ווי אַזוי קען מאַכמעד, אַזאַ איידעלע נעשאָמע, האָבן זיבן ווייבער?... און ווי אַזוי אַרבעטן זיי מיט פאַרהאָנגענע פּנימער, נעבעך?... ווי קען דאָס גאָר מאַכמעד דערלאָזן?!... די מאַמע זאָגט, אַז אין טערקיי איז די גרעסטע מאָדע צו האָבן אַ סאַך ווייבער. מיר פאַרדריסט דאָס. איבערהויפּט אַף מאַכמעדן פאַרדריסט מיך. אים פּאַסט דאָס ניט... מאַכמעד איז גאָרניט קיין טערק, אַ איד איז ער, אַ האַלבער איד... די מאַמע זאָגט, אַז מאַכמעד איז געאידישט... אַלע טערקן באַ אונדז אין שטעטל זיינען געאידישט.. זיי זיינען אַוואַראָם אָווינוס אייניקלעך און קערן זיך אָן מיט אונדז שוועסטער־קינדער... זיי עסן ניט קיין כאַזער, זיי ברענגען נאָר אַ קאָרבן צו זייער האַלב־אידישן גאָט. זיי האָדעווען אויס אַ שיין לעמל, אַ ווייס, און אין אַ געוויסן טאָג פונעם יאָר שעכטן זיי דאָס, בראָטן דאָס אָפּ און עסן דאָס אויף.. ניט אומזיסט איז מיר מאַכמעד אַזוי אייגן, אַזוי ליב!... וואָס־זשע וויל פון אים דידאָזיקע פרעמדע גויע מיטן גאָלדענעם ציילעמל, וואָס וואַרעמט זיך צווישן אירע פעטע ברוסטן?... שוין טויזנט מאָל ווי זי הייסט מיר זי רופן ניט אַנדערש ווי באַריניאַ סאָפיאַ... וואָס האָט זיך די ציילעמניצע אָנגעטשעפּעט צו מיין האַלב־אידישן מאַכמעדן, צו אַוואַראָם אָווינוס אייניקל?... אַפילע אָפן ווייסן שעפּס איז מיר אַ ראַכמאָנעס, וואָס לעקט דאָס גאָישע קלייד און קוקט מיט נאַרישע אויגן אַף אירע הענט, וואָס טרייבן אים פון זיך.. מיר דאַכט זיך דעמאָלט, אַז דער קוטשעראַווער שעפּס, ווי מאַכמעד, זיינען הייליקע נעשאָמעס און אין אַ שיינעם טאָג וועלן זיי ביידע אַוועקפליען צום אידישן גאָט אין הימל אַריין...

אין צימער באַ מאַכמעדן איז זויבער. די ווענט זיינען טונקל גרין. טונקל־גרינע טערקישע פאָרהאַנגען הענגען אַף די פענצטער. עס שמעקט דאָ מיט שאַלצבצער פון ווינטערדיקע בוימל־עפּל, וואָס ליגן פון נעכטן באַנאַכט. מאַכמעד זעצט מיר אַריין אין בעט צווישן צעוואָרפענע קישנס און הילט מיך אַרום מיט אַ געלער האַריקער קאָלדרע. ער שרייט אַרויס אין קלייט אַריין:

— סאָפיאַ, דאַש טשאַי ס׳יאַבלאָקאָם רעביאָנקו!...

זי ברענגט מיר אַריין אַ גרויסע גלאָז טיי, רויטע, מיט קליינע שטיקלעך עפּל פאַרבראָקט. אין אַ בייזן טאָן רעדט זי צו מיר אין רוסיש:

— אַפּיאַט עטאַ דוראַ, עטאַ שטוקאַ, ספּיט ס׳כאַזיאַינאָם!...

זי דערמאָנט כאַמעס נאָמען און רעדט זייער גיך און אַ סאַך. איך פאַרשטיי ניט וואָס זי וויל פון מיר. אַף אַלע טיינעס שאָקל איך צו מיטן קאָפּ, מיט אַ „דאַ״ אָדער „ניעט״...

עמזע קומט אַריין. ער איז מאַכמעדס אַ פּלימעניק. אַ ברייטער, אַ מיטלוואוקסיקער איז ער. דאָס פּאָנעם — טונקל, שמאָל, מיט שאַרפע אויגן, טונקעלע און לענגלעכע. מאַכמעד וואָרנט אים עפּעס מיטן פינגער. עמזע שמייכלט פאַרלעגן, טוט מיר אַ קניפּ אין באַק און גייט אַרויס. עמזע צאָלט מיר זעקס גראָשן פאַר יעדן קוש וואָס ער גיט מיר, נאָר ער היט זיך פאַרן טאַטן. דער טאַטע מיט עמזען לעבן זיך ניט גוט. אין שטוב הער איך דערציילן, אז עמזע פאַרגינט ניט דעם טאַטן זיין פעטערס צוטרוי און ליבשאַפט. . . ער האָט פיינט אַ אידן בעטאַכלעם האַסינע...

אַסאַנעז, אַ אינגל פון אַ יאָר צען, אויך מאַכמעדס אַ פּלימעניק, אים האָט דער טאַטע יאָ ליב. אַסאַן איז אַ הויכער, מיט צוויי שטאַרקע הויכע פיס. דאָס פּאָנעם אַ לאַנגס, מיט רויטע פרישע באַקן, מיט טיפע כיינגריבעלעך. ער שמייכלט צו מיר מיט זיינע גרויסע ברוינע אויגן און רעדט צו מיר עפּעס אין טערקיש. דאָס רופט ער מיך אין כאַרטשעווניע אַריין. דאָרט שטייען אונדזערע קליינע הילצערנע בענקעלעך, אַף וועלכע מיר פאָרן רייטנדיק. מיר קריכן אוים מיט זיי אַלע ווינקעלעך פון דער קלייט, פון דער גרויסער בעקעריי און אַלע שפּייכלערס און קאַמערן...

מאַכמעדס שטוב איז געווען אַ טייל פון מיין לעבן, אַ קוואַל פון גליק און צאַרטקייט. די טערקישע בעקער־יונגען האָבן מיך אַריינגעוועבט אין די וואַרימע הערצער זייערע מיט גאָלדענע פעדים, שטאַרקע און אייביקע. מער ווי אַלע אַנדערע האָט דאָס פילבאַרע האַרץ מיינס ליב געהאַט מאַכמעדן. אויך אַסאַנעז. אַסאַן איז שפּעטער געוואָרן מיין אויסגעכאָלעמטער פרינץ, דער אידעאַל פון מיין יונג־מיידלשער בענקשאַפט...

ו. — יאָנטויווים

די פרעסט זיינען שוין פאַרביי. אין גאַס שטייט אַ האַרטע בלאָטע, אַ קלעפּיקע און אַ גרויע. גראָבע אידענעס מיט שטריקלעך אַרום די וואַטאָווע ווינטערדיקע לייבלעך לויפן אום פון שטוב צו שטוב פאַרקויפן גראָבע געגזענע הויטן אַף פייסעכדיקע שמאַלץ און די אָפּגעשונדענע גענדז, די אָבדירקעס. אין מאַרק פאַרקויפן די בעלפערס רויטע הילצערנע גראַגערס אַף פורים. די זון איז ברייט און וואַרים. זי צעשיט זיך אַף די שויבן פון אונדזער זאַל. די פאַלן פון אונדזערע הילצערנע גאַלערייעס אָטעמען פון

זיך אַרוים זויערע רייכעס, נאַסע און פאַרשימלטע. באַ נעכאַמען גרייט מען זיך שוין צו פייסעך. מען שאַבט דאָרט דאָס אַלטע געמעל פון די ווענט אַראָפּ און מען פוצט דאָס מעש מיט דעם קופּער. באַ אונדז ראַשט מען נאָך נישט מיט דעם פייסעך, אַפילע מיט דעם פורים אויך נישט.

היטעלע, מיין קליין שוועסטערל, איז נאָך נישט געזונט. אירע בלויע דורכזיכטיקע אויגן זיינען פול מיט געוויין, אירע ביינערדיקע הענטלעך אוזפיסלעך דערמאָנען מיך אין אַ טויטער. גאָט זאָל העלפן היטעלע זאָל געזונט ווערן!... די מאַמע שטייט איבערן קינדס וויגעלע און רעדט צו איר מיט אַ פאַרטרערט קאָל:

— קינד מיינס טייערס, וואָס האָט דער ריבוינעשעלוילעם צו דיר, נעבעך!... ווען האָסטו שלעכטס געטאָן און אַקעגן וועמען האָסטו געזינדיקט?...

און מיך מיט ריווקען שטראָפט די מאַמע:

— אייער שוועסטערל איז נעבעך קראַנק, צעבראָכן, ווי ליגט אייך דאָס שפּילן אין זינען?...

מיר טוט ווי דער מאַמעס קלאָגן.... וואָס בין איך שולדיק, אַז היטעלע איז קראַנק?... פאַרוואָס לאָזט מען מיך נישט אַראָפּ פונעם גאַניק?.... מיר איז דאָ אומעטיק!... דערזען דעם טאַטן, ווערט מיר שוין לייכטער. די רואיקייט און צופרידנקייט אַף זיין פּאָנעם טראָגט זיך איבער צו מיר. ער שטייט לעבן דער אָפענער טיר און רעדט צו דער מאַמען:

— ראַצע, איך האָב געקויפט עטלעכע פעטע קאַטשקעס, טראָג זיי אַרויף אַפן בוידעם...

די מאַמע ענטפערט אים גלייכגילטיק:

— צו וואָס, הערש„ טויגן מיר די „סראַטשקעס”?... וועמען ליגן זיי אינזינען? און וואָס וועל איך טאָן מיט די הינער? פייגערן אוים פוי פעטקייט....

דער טאַטע קוקט אַראָפּ צום פּאָל און ענטפערט שטיל ווי מיט אַ האַלב מויל:

— מירן עפשער מאַכן אַ שטיקל אונטערהאַלט היינטיקן פורים, רופן מענטשן, גוטע פריינט, באַקאַנטע...

דער מאַמעס פּאָנעם פאַרקרימט זיך און ווערט פאַרצויגן מיט טרויער.

— מען דאַרף נישט, הערש, אויפרייסן מענטשן די אויגן. מען דאַרף נישט קיין גוטע ברידער און נישט קיין קערמישלעך פון זייערטוועגן... מאַך דיר אַ יאָנטעוו באַ די טערקן, איך דאַרף זיי דאָ נישט האָבן!.. באַ מיר יאָנטעווט זיך נישט... היטעלע איז מיר פאַרביי..

— וואָס קער זיך אָן איינס צו דאָס אַנדערע? — פרעגט דער טאַטע ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, — אַז אַ קינד איז קראַנק רופט מען אַ דאָקטער, רופט מען צוויי, רופט מען צען!... עפשער זשאַלעווע איך דיר אַ קערבל, צי איך מאָן באַ דיר כעזשבן? זיי, די מענטשן, וואָס דו ווילסט פאַר זיי יויצע זיין, זיינען קלוגער פון דיין מאַן. זיי ווייסן ווי צו לעבן

אַף דער וועלט? נישקאָשע זאָלן זיי קומען אַ פרעג טאָן באַ דעם בעקער־יונג, באַ דעם טשאָרנאָפּוי, וואָס לעבן הייסט!..

דער מאַמעס אויגן, גרויסע און שטילע, הענגען אַפן טאַטן:

— דו ווייסט נישט, הערש, אַף וואָס פאַר אַ וועלט דו גייסט אַרום... ביזט אַריינגעקראָכן אין די טערקן ווי דער וואָרעם אין כריין... ביזט אַרומגערינגלט־צוליב זיי מיט בלוטיקע סאָנים, מיט וועלף, ווי אין סדאָם לעבן מיר!... אומעטום איז אַ וועלט, אומעטום זיינען דאָ מענטשן, מיט דעם אייגענעם יעדיניצער גאָט!...

דער טאַטע איז שוין אַן אַנדערער, די פרייד פון זיין פּאָנעם איז פאַרביטן אַף קאַעס און ער בייזערט זיך טאַקע:

— ווען האָב איך דאָ שלעכטס געטאָן און פאַר וועמען דאַרפן מיר אַנטלויפן? עפּשער פאַר זיי, פאַר די צוויאַקעס? פאַר די גאָטס גאַנאָווים? אַף זייערע געפּייגערטע טאַטעס פייף איך!... די פּאַרנאָסע באַ זיי צוגענומען, צי דעם טאַטנס יערושע זייערע?... איך בין נישט קיין פיינער מענטש, גייט נישט מיט מיר ס'כופּע טענצל, נאָר אַנטלויפן? אַנטלויפן זאָלן זיי, אַ רועד אין זייערע טרייפענע נעשאָמעס, אין די געניייווישע הערצער זייערע... זיי, די גאָטס גאַנאָווים, די פּראָסטאַקעס, ווילן דען נישט קיין שענער, קיין בעסער לעבן?... איך וועל זיי נאָך ווייזן וואָס הערש טשאָרנאָפּוי קען!... — פּאָכעט ער מיטן פויסט צו דער סטעליע.

די מאַמע רעדט שטיל.

— הערש, טו דאָס פאַר דיין ראַצען!.. נאָכוואָס זאָלן מענטשן ריידן?..

דעם טאַטנס קאַס האָט מיטאַמאָל נאָכגעלאָזט. מיט אַ שפּיץ פונעם שטיוולעט דויבעט ער אַפן שוואַרצן טעפּיך און רעדט ווייך, בעטנדיק, נאָר די ווערטער זיינען קיילעכיקע, גאַנצע און זיכערע:

— אַף מיין ווייב וועט קיינער אין דער וועלט קיין שלעכטס נישט זאָגן! די שאָפענע קעפּ זייערע וועלן צעפּלעט ווערן, די נישט פאַרגינער!...

די מאַמע שווייגט שוין. דער טאַטע טראָגט אַליין אַרויף די קאַטשקעס אַפן בוידעם. אין שטוב בלייבט אַ פּוסטקייט, זי הענגט אין דער לופטן. איך הענג אויך אין דער לופטן.. גאָט ווייסט צי היינטיקן פּורים וועט זיין פריילעך באַ אונדז... נעכאָמע מוישע וואָלפּס איז שוין באַ אונדז אין שטוב. מיט איר גאַנצער ברייטקייט רעדט זי צו דער מאַמען:

— איך הויב דיך נישט אָן צו פאַרשטיין, ראַצע... זאָל דער מאַן דיינער האָבן אַביסל פרייד, לאָז אים אַ לעב טאָן!... מיט אַ מאַן דאַרף מען וויסן ווי אַזוי אַרומצוגיין!.. איי מענטשן!... יאַק ני ס'טים טאָ ספּאָל־קים! אַ בייזע צונג, ראַצע, איז אַ כאַלאַעס אַזאַ, ס'קריכט אַריין דורכן קוימען, דורך פאַרמאַכטע טיר און פענצטער....

נעכאַמע קוקט אַף דער מאַמען מיט קלוגע וואַרימע אויגן. שטיל, אויפגעראַמט, רעדט זי ווייטער:

— מענטשן, מיין קינד, מיט בייזע קאַוואָנעס, זיינען ווערים, טרעפּסטו זיי אָן, שפּאַן איבער זיי אַריבער... זע זיי נישט... טראַכט נישט פון זיי....

פאַרגעס אַז זיי ווילן דיר שלעכטס טאָן... ווייז די סאָנים דיינע אַ שיינעם ביישפּיל, ווייז זיי אַז דיר קומט אַלץ!... קענסט גניסן פון אַ שיין, פון אַ פריילעך און צופרידן לעבן... זיי וועלן דיך מעקאַנע זיין, זיי וועלן קוקן אַף דיר מיט אַנדערע אויגן, מיט אַכטונג, מיט קנעכטישער אונטערטעניקייט.. דער האָס זייערער צו דיין הערשן איז אַ בלינדער, דאַכט זיך, זיי ווילן אים פאַרשפּייען, אומוואַרפן אים פון די פיס... די אַקשאָנעס זיינע געפעלט מיר!...

די האַרטקייט פון דער מאַמעס פּאָנעם ווערט צערונען, זי רעדט דורך טרערן און זייער שטיל:

— באַ אונדז, נעכאַמע, איז עפּעס אַנדערש ווי באַ דער גאַנצער וועלט, מיר באַקומען נישט די שיינע צוגעגרייטע יאַנטויווים און נישט זיינע כאַווירים... מיר האָבן דאָך קינדער... מיידלעך... זיי וועלן ערשט שפּעטער דערפילן וואָס דאָס הייסט האָבן אַ טאַטן וואָס רייסט איין מיט אַ וועלט אַ גאַנצער... ער וועט סיי ווי די מענטשן נישט איבערמאַכן...

נעכאָמען וואָלט אידגעקושט פאַר דאַנקבאַרקייט, דער מאַמען — ניט! זי וויל נישט, אַז איין שטוב באַ אונדז זאָל זיין פריילעך, עס זאָל קומען מיין מאַכמעד און אַלע מיינע טערקן... נאָר די מאַמע האָט נאָכגעגעבן. פול מיט אומרו און דערוואַרטונג שטיי איך צווישן דעם פרימעסט און דעם אויוון. היצל קנייט שוין אַ גרוים שטיק טייג אַף אַ ווייסן לאָקשן-ברעט, אַ האַרטס און אַ געלס. מיך לאָזט מען נישט צוהעלפן. היצעלע טאַנצט אונטער בעשאַסן קנעטן און שמייכלט מיט אַ זאַט צופרידן פּאָנעם...

— באַדאַרפט אַריבערגיין אין פּעקאַרניע... דאָרטן איז פריילער... מירן דאָרט אָפּבאַקן די פאַרפל צום פלאָדן, אַ, ראַצע?...

די מאַמע האָט אָפּגעבאַקן צוויי גרויסע בעקנס געפרעסטן פלאָדן און אַ גרויסן האָניק-לעקעך. זי מאַכט נאָך אַנדערע געלע אייעריקע טייגעכצן... די טעג ציען זיך פאַר מיר ווי אייביקייטן. אפילו דער טאָג פון ערעוו פּורים, כאָטשע מיר פאַסטן נישט, איז אַז אומענדלעך לאַנגער און אַ שווערער. מוישעלע סערקעס שטייט אַף דער פריזבע באַ זייער שטוב הינטערן פענצטער און קוקט אַריבער צו מיר. ער שוויינט, איך אויך... מיין מאַמע מיט סערקען זיינען דאָך באַרויגעז!... מוישעלע זעט אוים גרעסער, אויסגעוואַקסן. דאָס שמאָלע פּאָנעם איז נאָך דורכלויכטיק גריז, נאָר די גרינע אויגן זיינע שיינען. איך זע עס פון ווייטן. ס'בייעס גייט מיר אוים אַ שמועס צו טאָן מיט מוישעלען... צי ווייסט ער כאָטשע פון דעם גרויסן יאָנטעוו וואָס ס'וועט היינט זיין באַ אונדז... דער טאַטע ברענגט צו טראָגן אַ גרויסן לעבעדיקן קאַרפּ. ער האַלט אים פאַרן קאָפּ און דער עק שלעפּט זיך נאָך אָפּן פּאָל. דער קאַרפּ פּאַטשט מיט אים היז און צוריק. היצעלע נעמט צו דעם פיש פונעם טאַטנס הענט און לאַכט מיט אַ פול מויל מיט ציין:

— קיין בייז אויג, רעב הערש!... דער פיש וואַרפט זיך און איז שווער מיט רוכעס...

— אײדער פינף פונט שלעכטע פיש, איז בעסער צען פונט גוטע!....
— שמײכלט דער טאַטע.

מיר גײט נישט אײַן דער גאַנצער יאַנטעוו, די פרישע װײַסע פאָר־האַנגען און דער נײַער בלױער טול אויפן ענגלאַמפ... דער גרויסער אַרוים־געדרוקטער טיש מיט די געבעקסן... די שוועסטערלעך, פאַרפּוצטע אין גרינע װאָלענע קלײדער מיט װײַסע פאַרטעכלעך... זײ דרײען זיך אום שטײַפע, נישט דערגרײכבאַרע.. אין די װאָכעדיקע קלײדער האָב איך זײ ליבערשט, זײ מיך אויך... איצט קוקן זײ נישט צו מיר, זײ דרײען זיך גאָר צווישן די נאָר װאָס אָנגעקומענע געסט... אין זאַל איז אַ ראַש, מען קנאַקט ניס און מען טרינקט צוביסלעך בראָנפן... און אַט איז מאַכמעד אַרײַנגעקומען און עמזע און אַסאַן מיט נאָך עטלעכע טערקן... איצט, טראַכט איך מיר, איז מײַן רײ... נאָר די טערקן ציען די רויטע פעסקעס, ס׳ערשט פאַר דער מאַמען... די מאַמע טראָגט אַ װײַסע קאָפּטע מיט אַ הויכן קאָלנער, איר פּאָנעם איז פריש און ליכטיק, דאָס טיכל אויפן קאָפּ איז שטײף, די מאַמע אויך, אַ גלײַכע, אַ נישט דערגרײכבאַרע, שטעלט זי אוים קלאָשן מיט גע־בעקס אויפן טיש. מאַכמעד און די אַנדערע טערקן זיצן אויף נידעריקע בענ־קעלעך, די פעסקעס אויף די קעפּ, די שוואַרצע צעפלױגענע טראָלדן קימאַט אויפן טיש... עס שמעקן שטאַרק די פורים־פּעלדלעך, עס שמעקט דער זיסער געפּראָוועטער בראָנפן, װאָס איז צוגעגרײט פאַר די װײַבער, די מענער טרינקען דעם שטאַרקן, דעם נײַנציקער, זײ װעלן שיקער װערן... איך בין שוין שיקער, איך לויף אַרום צווישן די געסט, איך זוך אַ פּלאַץ לעבן די טערקן, לעבן מאַכמעדן... מאַכמעד זעט מיך גוט, אַ גלײַכער און אַ שײנער־דיקער, שטרעקט ער די הענט צו מיר:

— די אַל בונדאַ! קום אַהער!

נאָר איך קען מיך צו אים ניט צושלאָגן. היצעלע איז שטאַרק צעש־מײכלט, זי פּלעכט די הענט אַרום דער מאַמעס טאַליע און קוקט איר אין די אויגן:

— אָן אײער שאַדן, אויף מיר געזאָגט, אויף אַלע אידישע טעכטער, אַזאַ שטיק גאָלד װי אײער העַרש און אַזוינע יאַנטויווים װי איר מאַכט....

דער טאַטע זעט אוים אינגער, שענער, פרײלעכער, דאָס בערדל איז פאַרשווירן, די אויגן גרעסער, פול מיט פרײד, מיט טרערן... ער נעמט מײַן עלטערע שוועסטער פינקל אויף אַ האַנט און טראָגט זי אַריבער צו מאַכ־מעדן.... ער שעמט זיך גאַרניט, דער טאַטע, אַזאַ גרויסע מויד צו טראָגן אויף די הענט... פינקל שעמט זיך, זי מײַדט אוים מאַכמעדס צעשמײכלטע אויגן, װאָס באַוואונדערן זי, מיר פּלאַצט דאָס האַרץ פאַר קינאה... דער גאַנצער יאַנטעוו פאַלט אײַן באַ מיר אין די אויגן, װי אַ נײַער בנין אוועקגעשטעלט אויף אַ שלעכטן פונדאַמענט... מאַכמעד שטרעקט צו מיר זײַנע װײַסע הענט, װאָס זעען אוים נאָך װײַסער פון זײַן בלויען זײַדענעם

העמד אַרויס, נאָר איך פיל מיך שוין טיף באַליידיקט... „האָט זיך קוים דערמאָנט!...” היצעלע שלעפּט מיך צו אים:

— גיי, זאָגט מען דיר, ביק!...

איך רייס מיך קוים אַרויס פון אירע שטאַרקע הענט, מיט ברענענדיקן קאָפּ אַנטלויף איך אין אַלקער, הינטער דער טיר... איך האָב שוין כּאַראַטע, ניט באַדאַרפט אַנטלויפן, נאָר מיין ווייטיק איז גרויס... זאָל ער מיך קומען זוכן!.. און אין זאָל שטיין אַ געלעכטער, זיי לעכערן די סטעליע די געלעכטערס און מיין צעוויייטיקט האַרץ... און אַסאַך, אויך ער קומט ניט! און ריווקע — אויך ניט!... אַז איבעריקע בין איך, אַ פרעמדע, אַן אומגליקלעכע!... ווען איך קען זיי איצט אָפּטון אַ צולאָכעס!... אַ פאַל טאָן טויט!.. די מאַמע וועט זיך רייסן די האָר פונעם קאָפּ, זי וועט מיך באַוואַשן מיט טרערן, מיט די טייערסטע נעמען וועט זי מיך אָנרופן, נאָר איך — אַ מאַקע!... איך גיב ניט נאָך!.. דער טאַטע וועט זיך אומדרייען איבערן זאַל, ער וועט זיך אַלץ צופּן דאָס טשופּרינקעלע באַם שטערן און שווייגן אַ צעווייטיקטער... אַ מיצווע אַף אים... אַף ריווקען איז מיר אַ ראַכמאָנעס... זי וועט האָבן אַ פאַרשטערטן יאָנטעוו... אַד, וועט זי וויינען!... איז עפּשער בעסער איך זאָל אַריינפאַלן אין אַ הינער־פלעט... איך וועל זיי אַלע איבערשרעקן צום טויט און איך וועל הערן ווי זיי וויינען און קלאָגן און איך וועל שפּעטער עפענען די אויגן... אוי, וועל איך זיי פיקן די גאַל!... דערווייל וועל איך ליגן איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן דעקטוך, אַלע, אייגענע און פרעמדע, וועלן זיך שטופּן צו דעם אָרט, וואו איך ליג... איך דערפיל אַ פוסטקייט אַרום האַרצן. די טונקעלע שיין פונעם גרינעם נאַכטלאָמפּ פאַלט אַף די ווענט, אַף מיר... היטעלע קרעכצט אינעם גרינעם וועגעלע.... עפּשער שטאַרבט זי דאָרטן, אַזאַ עלנטע, אַזאַ איינזאַמע, ווי איך?...

איך רוק מיך אַרויס פונעם ווינקל און קלעפּ אָן אַ האַלבן פּאָנים אַף דער טיר פונעם זאַל. איצט איז דאָרטן ענג און אַ ראַעש, ווי אין באָד אַף דער אויבערשטער באַנק. דעם טאַטנס גוטע ברידער זיינען שוין דאָ; איצ־כאָקל דער וואַרשעווער, וואָס איז גרויס און ברייט, ווי דער שאַראַבאַר, די גראָבע באַקן הענגען באַ אים אַראָפּ ווי צוויי פעטע געגדזענע בייכער, דאָס פּאַרנאַשטע פּאָנעם זיינס פלאַמט, ער פרעסט אַף ביידע באַקן.. שאָלימל פּאַריקמאַכער מיטן לאַנגן גאָרגל, וואָס צופּט זיך דאָס בלאָנדע אויסגעקראָכענע בערדל. ער רעדט מיט זיינע לאַנגע הענט און שרייט איבער אַלעמענס קעפּ... מוישעלע דער פאַרד רעדט רואיק און גרויסהאַלטעריש, ער איז אַ מיטלוואוקסיקער, מיט אַ קיילכיק נעגידישלעך בייכל און אַ קיילכיק פּאָנים, אַ געזונטס און אַ ראָזעווע, נאָר מיט אַ שפּאַלט אַף דער אויבערשטער ליפּ... די מאַמע זעט שוין ווידער אויס טרויעריק און אומצופרידן, זי האָט פיינט דעם טאַטנס גוטע ברידער... אין שטאָט רופט מען דעם טאַטן און מוישעלען מיט שאָלעמען — די טריניזשקע... די מאַמע טיינעט, אַז די גוטע ברידער זיינען פאַלשע מאַטבייעס, זיי נישטשייען אויס

דעם טאַטן, ווי די פּיאַווקעס זויגן זיי דאָס בלוט זיינס, שפּעטער, ווען זיי אים אַוועקוואַרפֿן, ווי אַן אויסגעזויגענע פּייג... מוישעלע דער פֿאַרד האָט שוין טאַקע צוויי מאָל געכומען באַם טאַטן צו פּופּציק קערבלעך אַ גמילעם כעסעד און נישט אומגעקערט, פֿאַרן טאַטנס געלט האָט ער זיך געבאָדן אין לימאַן.... דער טאַטע אַליין ליידט פֿון אַ ביטערן רעוומאַטיז און פֿאַרלאָזט זיך אַף ניסים, אַף גאָטס באַראָט... פֿאַר רעב אייזיק יעקעלעס זאָרגט ער... וואָס אַן עמעס, האָט מוישעלע אַן אָפּענעם קאָפּ, דערפֿאַר טאַקע רופֿט מען אים פֿאַרד, ער האָט זיך אַליין אויסגעלערנט לייענען און שרייבן... ער איז אַ גוטער זון אויך, זיין מאַמע, מאַלקע די מעשוגענע, האָט אים געבוירן פֿאַר דער כאַסענע, מוישעלע האָט דאָס איר פֿאַרגעבן און ווען זי וויל נאָר ניט אַרומלויפֿן איבער די גאַסן, גיט ער איר אַ גאָלדענע היים...

די מאַמע נעמט איבער די צוגעשיקטע שלאַכמאָנעסן.

— זעט נאָר, ראַצע, ווי ווייך די פּלעדלעך זייערע זיינען! — רעדט היצעלע און דאָס פּאָנים פּלאַצט איר פֿאַר פֿרייד. — די פֿינגער קריכן אין זיי אַריין, ווי אין טייגעף... אַ גאָטס אַן אַווייגעע אונדזערע געבעקסן אויסצובייטן אַף זייערע, אַף די קוואַטשן!...

אַפֿילע נעכאַמע מוישע וואָלפּס, וואָס איז קאַרג אַף לויבן עמיצן און נאָך קאַרגער אַף אַ וואָרט עמיצן אויסצולאַכן, שמייכלט צו דער מאַמען:

— גאָלדענע הענט האָסטו, ראַצע!...

מיט אַ באַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט באַקוקט מען דעם שאַלאַכמאָנעס פֿון ריווע פּאַניעס. די פּאַניעכע איז אַ רייכע, אַן אַלטע באַלעבאָסטע. איר מאַן, יאָסל פּאַניעס, איז אַ רייכער מעל־שענקער. דער טאַטע קויפֿט באַ אים דעם מעל פֿאַרן טערקס בעקעריי... ריוועס פּלעדלעך זיינען אויך נישט קיין געראָטענע. איך דערקען דאָס אַף דער מאַמעס פּאָנים, וואָס האָט באַקומען אַ צופֿרידענע מינע. היצעלע פֿרעגט טאַקע דער מאַמען:

— אַ יאָ, ראַצע, די פֿאַרפֿל פֿון ריוועס פּלאָדן זיינען גראָב און געקאָכט אין ווינציק האָניק?...

— זעסט דען ניט אין דער ווייכקייט זייערער, היצעלע!...

אַף די שויבן פּוגעס זאָל קלעפּן אַ סאַך פּעניסמער מיט אַ סאַך צעפּלעטשטע נעז. מוישעלעס נאָז איז נישטאָ,סערקעס אויך נישט... קלעזמער, ציגיינער, פֿאַרשטעלטע, קומען אַריין, שפּילן אָפּ און קריגן באַצאָלט. דער טאַטע זעט איצט אויס ווי אַ פֿאַרשמייעט אינגל, פֿול מיט ווייכקייט רעדט ער צו דער מאַמען:

— ס'איז יאָנטעוו, ראַצע, מירן עפּשער אַ רוף טאָן סערקען מיט די קינדער... מען האָט זיך, כאָלילע, קינדער געהאַרגעט?... נאָכוואָס דער האָס?

די מאַמע קלערט אַ ווײַלע און פֿאַרציט מיט די ברעמען:

— טו ווי דו ווילסט... מען ווערט דיר דען?!...

דער טאַטע האָט אַריינגעבראַכט ניט נאָר סערקען מיט די קינדער, נאָר דעם מאַן אירן אויך, רעב כייעמען, מיט דער שוואַרצער געקנייטשטער

באָרד. אַ שטילער, צופרידענער שמייכל רוט אין רעב כייעמס אויגן, די טונקעלע און קלוגע. די מאַמע און סערקע קוקן זיך אין די אויגן, ווי צוויי העגער, נאָר באַלד פאַלן זיי זיך אַריין אין די אָרעמס און מען קושט זיך און מען וויינט... סערקע רעדט דורך טרערן:

— מיינע סאָנים זאָל דאָס לעבן זייערם אַזוי באַקומען, ווי דער גאַנ־צער נאַרישער רויגעז איז מיר באַקומען!... אַ גרויסער גאָדלעסניק איז דער זינדיקער מענטש....

איצט איז קיינער ניט גאָדלעסדיק... די געסט עסן און טרינקען, נע־מען זיך אַרום פאַר די טאַליעס, פאַר די אַקסלען, מען קנאַקט אויס אַ פריילעכס, אַז די פענצטער ציטערן. דער זאַל איז פול מיט מענטשן און פול מיט רויך פון ציגאַרן און רייכעס פון שאַרפן בראָנפן און וויין. די מאַמע שרייט איבער דעם גאַנצן צעכוואַליעטן עולעם:

— הערש, האָסט פאַרגעסן אינעם כאַזירניק;... ער וועט אונדז די פענצטער אויסזעצן!..

דער טאַטע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב און איז צוריקגעקומען אין דער באַגלייטונג פונעם כאַזירניק, דעם שאָכן פון דער באַשקע. ער פירט דעם לאַנגן פאַרגעלטן גוי בײַ אַן אַרבל פונעם ראָק און שלעפּט אים אין שטוב אַריין. די מאַמע טשעפּעט סערקען פאַר אַ האַנט:

— דער הערש מיינער, אַז ער צעהוליעט זיך, איז ניט איינצוהאַלטן....

אין שטוב איז געוואָרן שטיל, אַלע קוקן צו דער טיר, ווי דער גוי שטייט אַ צעטומלטער מיט דער קוטשמע אין דער האַנט און רירט זיך ניט פון אָרט...

פאַרוואָס איז דאָס קראַנקע פּאָנים זיינס ווי געפּייניקט?... בײַ אונדז איז דאָך אַ אידישע שטוב, פאַר וועמען האָט ער מוירע?...

— פּאַזוואָלטיע סיודאַ, גאָספּאָדין, יאַ וואַס פּראָשו! — שטרעקט מאַכמעד די הענט צום גוי, דעם צעטומלטן כאַזירניק.

מאַכמעד טרינקט לעכייעם צום גוי, דער טאַטע אויך. ביידע דריקן זיך פאַר די הענט, נאָר דער גוי האָט נאָך אַלץ מוירע.. וואָס דען זיצט ער אָפן ברעג פונעם בענקל און קלאַפּט מיט די פינגער אָפן טיש, און אויך דאָס מיט אַ האַלבן פּאָנעם און מיט איין אויג!.. דער טאַטע שלעפּט אים גאָר צום טאַנצן. דער גוי וויל ניט גיין, ער נויגט זיך פאַרן טאַטן ווי אַ קנעכט:

— מערסי, גאָספּאָדין טשאַרנאָפּוי!...

אַבי איך האָב געמיינט, אַז נאָר אַ גוי אַ כאַזירניק און אַ פּאַריץ זיינען גאָספּאָדינעס!...

אַ נייע כאַפּטע ציגיינער שטעלט אַוועק אַ קוטשמע אָפן טיש. מאַכמעד מיט עמזען וואַרפן אַהין אַריין אַ סאַך קופּערנע מאַטבייעס, דער טאַטע אויך. דער כאַזירניק דרייט איבער אַלע קעשענעס בײַ זיך און וואַרפט אויך עפּעס אַריין אין דער קלעזמערישער קוטשמע... — פון יענעם אָוונט אָן, ווען דער שאָכן זעט מיין מאַמען אָפן גאַניק, שאָקלט ער צו איר מיטן

קאַפּ: „זדראַסוואויטיע, מאַדאַם טשאַרנאַפּוי!...״ — היצעלע טאַנצט און שפּרינגט וויפל ס'האַרץ גלוסט איר: דער גוי זאָגט קיין דייעס ניט.... מאַכ־מעד נויגט זיך פאַר דער מאַמען, ער גיט איר איבער אַ קליין לעדערן קעס־טעלע. אין זאַל ווערט אַ טומל. די מאַמע קוקט ניכעדיק אַפּן פאַרמאַכטן קעסטעלע. מוישעלע פאַרד כאַפּט דאַס אַרויס בּאַ איר פון די הענט און שרייט איבער אַלעמענס קעפּ:

— גוטע פריינט, אַט זעט וואָס מאַכמעד האָט געבראַכט פאַר ראַצען — אַ מאַטאַנע צום היינטיקן יאָנטעוו!...

אַ לאַנגער זילבערנער גאַרטל, אַ געקייטלטער, האָט אַ שימער געטאָן אין מוישעלעס הענט און אַ קליין בייטעלע מיט אַ פלעשעלע אַף פּערפום, אויך זילבערנע און עמאַלירטע. דער טאַטע האָט דערלאַנגט דער מאַמען דרייצן זילבערנע בעכער — צוועלף קליינע און איינעם אַ גרויסן — אַלע באַגילדעטע. די מאַמע קוקט אַף מאַכמעדן און אַפּן טאַטן. דער טאַטע נעמט אַן אירע הענט און קוקט איר אין די אויגן. די מאַמע רעדט צו אים שטיל און באַשיידן:

— מיט פריילעכע הערצער, מיט אַ צופרידן לעבן, זאָלן מיר קויפן מאַטאַנעס די טעכטער אונדזערע...

איך וואָלט אַזוי געוואָלט אַ קוק טאָן אַף די מאַטאַנעס פון דער נאָנט, נאָר מיין באַליידיקטער שטאָלץ האַלט מיך אָפּ. מיינע שוועסטערלעך זיצן שוין באַם טיש צווישן די געסט. אַסאַ און דער קליינער מוישעלע אויך, זיי זיצן שטייפע, ווי די נאַראַנים קוקן זיי צו די גרויסע...

איינדרויסן קרייען שוין די הענער. אַזוי לאַנג און בייז קרייען זיי.... היצעלע לויפט פאַרביי דעם אַלקער מיט פולע פּאַלומיסקעס פיש און גע־בראַטענע קאַטשקעס. די פיש מיט די קאַטשקעס שמעקן, בעטן זיך צום עסן... דער הונגער מאַטערט מיך שוין, נאָר איך גיב מיך נישט אונטער.... איך דאַרף ניט זייער עסן, קיינעם דאַרף איך ניט!... מוציע, אונדזער אַלטע צויג, ציט זיך אויס אַפּן בויך, צעעפענט אַ ברייטן, פוילן פּיסק. איך לאָז מיך צו איר אַראָפּ און באַגראָב מיין פּאָנים אין אירן. מוציע וואָרטשעט און קלאַפּט מיטן עק אַפּן פּאָל. איר ליבשאַפט צו מיר רירט מיך ביז טרערן, נאָר איך פיל מיך איינזאַם און עלנט. מיינע טרערן, גרויסע און הייסע, גיסן זיך אַראָפּ אַף מוציעס פּאָנים, אַף אירע פאַרזשמורעטע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן. זי וואַרפט זיך אומרואיק און לעקט מיר דאָס פּאָנעם, וואָס ברענט מיר פון היץ און פון בושע, זי נעמט מיך אַרום מיט די פעדערשטע לאַפּעס און וואָרטשעט שטיל און וויינענדיק... מען האָט דאָך אונדז אַזוי ליב און מען פאַרגעסט אָן אונדז...

דער שענסטער, דער גליקלעכסטער יאָנטעוו בּאַ אונדז אין שטוב. איז פּייסעך.

ערשטנס, אַרבעט ניט דער טאַטע די גאַנצע אַכט טעג יאָנטעוו, צווייטנס, זיצט ער מערער אין שטוב. ער גיט אונדז נאָדאַ סאַך פאַרגעניגנס. דאָס

בעסטע איז בא מיר ווען דער טאַטע שפּילט מיט אונדז אין ניס. מען וואַשט גוט אָפּ דעם אַלטן פּאָל פונעם דאַשעק, מען פאַריכט אַפילע די לעכער זיינע און עס קומען צוגיין ברײנע סערקעס און מוישעלע... אַ סאַך קינדער פון אונדזער גאַס קומען צו אונדז שפּילן אין ניס. דער טאַטע שטעלט אַוועק אַ ניי פּייסעכדיק ברעטל צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט אונ־טערן פענצטער פונעם זאַל און מיר לאָזן די ניס לויפן איבערן ברעטל. ער אַליין שטעלט אַוועק דאָס „ריישל" און לאָזט ניט עמיצער פון אונדז זאָל צוגאַנווענען אַ פּרעמדן קאָן מיט ניס. גאַנווענען איז ניט געווינען — זאָגט דער טאַטע...

אַכוץ דאָס שפּילן אין ניס, האָב איך ליב די צווייערליי קליידלעך וואָס מעןמאַכט אונדז אָף פּייסעך, ציצענע און וואָלענע, און די שוואַרצע שטיוועלעך מיט די פּליטקע קאַלאָשעלעך וואָס מען קויפט אונדז. דעריקער האָב איך ליב דעם ערעוו פּייסעכדיקן ראַעש, איך מיט מיין ריווקען שפּרינ־גען מיר איבער די אָנגעוואָרפענע קישנס מיט די איבערבעטן, וואָס לופ־טערן זיך אָפן דאַשעק, מיר טוען וואָס מיר ווילן, די מאַמע איז פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן... זי קראַצט אָפּ דאָס אַלטע געמעל פון די ווענט און די אַלטע פאַרב פון די פענצטער און טירן. היצעלע, אונדזער דינסט, איז אַ פאַרשמייעטע, דעם קאָפּ האָט זי אַרומגעבונדן מיט אַ ווייסער שמאַטע און פוצט דאָס מעש מיט דעם קופּער און זינגט זיך אונטער אַ לידל פון אַ פאַרשעמטן דינסטמיידל מיט אַ שלעכטן טאַטן און אַ פאַלשן כאָסן. זי קאַשערט די פּייסעכדיקע דיישקע מיט די קליינע און שמאָלע הילצערנע קענדלעך...

ווען די ווענט שטייען שוין פאַרטיקע, אויסגעמאָלטע אָף גרין מיט זילבערנע בלעטער, וועקסלט די מאַמע ביידע פּאָלן און פּאָליטורט אַליין דאָס רויטע מעבל, — געבענטשט זאָלן זיין די הענט וואָס טוען אַליין — זאָגט די מאַמע. די מאַמע האָט ליב צו אַרבעטן. די קיך שמירט זי אָפּ אַליין טונקל־ראָזעווע מיט גרינע און בלויע שפּריצעלעך, און פירט אונטער די ווענט און דעם אויוון מיט אַ ברייטן שוואַרצן פּאַס, וואָס גלאַנצט ווי לאַקיר.

אינעם שוטפּעסדיקן פּירהויז איז אַן איבערקערעניש. טישלעך מיט בעקנלעך וואַלגערן זיך דאָרט, נעכאַמע מוישע וואָלפס סאַמאָוואַרן מיט די קופּערנע בעקנס. נעכאַמע און ברײנע פוצן זיי אַליין. אַלץ טוען זיי אַליין, נאָר דאָס געמעל אין די שטיבער מאַכט דער מאָלער.

איך קוק אַלץ צום אויסגעשניטענעם טירל אין דער סטעליע פונעם פּירהויז. דאָרטן אָפן בוידעם שטייט דאָס פּייסעכדיקע געפעס און די טעפּ מיט גענדזן־שמאַלץ. ווי דערלעב איך שוין דעם גליקלעכן טאָג, דעם ערעוו־פּייסעכדיקן!

און אָט איז ער שוין דאָ, דער טאָג פון ערעוו פּייסעך. די זון אינ־דרויסן שמעקט שוין פּייסעכדיק. עס שמעקן פּייסעכדיק די שטייפע פּאָר־האַנגען איבער די פענצטער און די געבלימלטע טעפּיכער אָף די געוועקסל־

טע פּאָלן, דער טיש מיט דעם זיידענעם סערוועט פאַרשפּרייט און די גע־בעטע סאָפע מיט די שטולן אָנגעצויגן אין ווייסע געקראָכמאַליעטע טשע־כאָלן. דער קרעדענץ איז באַשטעלט מיט ניי גלאָזוואַרג, וואָס די מאַמע האָט געקויפט בּאַ מינדעלע בעניאַמינס. בעסער ווי אַלץ געפעלט מיר די קיך. עס שמעקט דאָרט מיט פּייסעכדיקע קאַרטאָפליע־פלעצלעך און מיט אַ הייסער פּייסעכדיקער מאַהינע. די מאַמע גרייט שוין פאַר אונדז אַ פּייר־סעכדיקן מיטיק. דאָס פּייסעכדיקע געפעס איז שוין אויסגעפּאַקעוועט און שטייט שוין אין דער געמויערטער שאַפע. אָט שטייט דאָרט מיין קויסעלע, אַ קליינס אַ בלויס. איך וויל עס אָנטאַפּן. מיינע דריי קליינע טעלערלעך מיט די שמאָלע גאָלדענע רייפלעך קוקן צו מיר פון דער שאַפע אַרויס. זיי מוזן בענקען נאָך מיר. אַ גאַנץ יאָר ליגן זיי אָפן בוידעם, פאַרגעסענע... איך קריך אַפילע אַרויף אַמאָל אָפן בוידעם און שמעק אַרום דאָס ווינקל מיט דעם פּייסעכדיקן געפעס, נאָר אַזוי זעלטן, און איצט שטייט עס און וואַרט אַף מיר...

— וואוהין קריכסטו? — שרייט מיר די מאַמע אַנטקעגן מיט אַ שטרענג פאַרנומען פּאָנעם. — הוילע כאָמעץ ביזטו, ועסט מיר אָנמאַכן אַ טאַרפעס...

דעם טאַטן זאָגט די מאַמע גאָרנישט, וואָס ער שטייט אין קיך. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ קיישל מיט גרויסע שוואַרצע עפּל, ווינטער־עפּל און טרוקענע ציבעלעס און... אויך אַ לאָמפּ אַן אייזערנעם, אַף דריי הויכע אייזערנע פיסלעך.

גיי ווייס, אַז דער לאָמפּ טראָגט עפּעס אין זיך אַזוינס, וואָס שפּרייט אַ שאָטן צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען!...

איך מיט מיין ריווקען האָבן מיר נאָר געוואָלט מאַכן קוואַס אין אים... מיר פלעגן מאַכן קוואַס אין אַן אַלטן שעפער, האָשטאָנע מיט צוקער, אַרויסגעגאַנוועט פון דער צוקער־פושקע, און דאָס געבן אַן געלט...

דער טאַטע שטויסט זיך אַ פּאָנעם אָן פון וואָס איך קלער און ער רופט זיך אָן צו דער מאַמען:

— ראָצע, וועסט אַזוי גוט זיין און אָפּפאַרבן מיט בראַנז דעם לאָמפּ, ער קאָן דאָ פאַרלאָרן גיין, טו דאָס פאַר עטלען...

די אויפגעהייטערטע יאָנטעוודיקייט אַף מיין מאַמעס פּאָנעם איז מיט־אַמאָל איינגעגאַנגען, ווי עס גייט איין אַ שטיק זון אין אַ פריש אָנגעקור־מענער כמאַרע.

מיר געפעלט ער שוין נישט דער לאָמפּ. היצלען אויך נישט. זי לאָזט אַרויס פון די הענט די געשאָכטענע הון וואָס זי האַלט אין פליקן און קוקט דאָ אָפן לאָמפּ, דאָ אָפן טאַטן. היצלס פּאָנעם איז ווי פאַרשעמט, דער לאָמפּ אויך, מיר פילן אַז ער איז דאָ איבעריק... שפּעטער מיט יאָרן ערשט האָב איך מיר דערוואוסט, אַז די מאַמע האָט געאייפערט דעם טאַטן צו דער עטלען...

היצל האָט אַף גיך פאַרענדיקט קייען אַ לעצט שטיקל פּורימדיקן

פלאָדן, האָט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע פאַנאַנדערגערעדט און פאַנאַנדערגעזונגען, ווי עפּעס צו פאַריידן:

— אוי, ראַצע, אוי, ראַצע, אין זכוס פון עסן לעבט מען אַף דער וועלט, אוי ווי, פאַר אייערע פלאָדן אַ קאַפּאָרע ראָטשילד מיט זיין געלט, אוי ווי! איידער אַרויסוואַרפן, איז בעסער אַריינוואַרפן, האָפּ סטאָפּ, יאַ וואזמו פאַר מוירע!...

איך פאַרשטיי נישט וואָס היצל וויל נעמען „פאַר מוירע", נאָר זי נעמט זיך פליקן די הון מיט אַזאַ ברען, אַזוי אַן ראַכמאָנעס, אַז איך בלייב שטיין ווי אַ געפּלעפּטע.

דער טאַטע זעט אויך אויס ראַכמאָנעסדיק. די מאַמע פאַרקערט איז שטייפער געוואָרן, העכער, עס ווייעט פון איר מיט רוגזע. זי קוקט נישט צום טאַטן, דער טאַטע צו איר אויך נישט. דער טאַטע רעדט און קוקט צום לאָמפּ.

— איך האָב נישט געמיינט דיך צו באַליידיקן, ראַצע... עטל.. זיי זיינען אונדזערע גוטע פריינט...

— איך דאַרף נישט אַזוינע גוטע פריינט! — גיט אַ האַק אָפּ די מאַמע און בלאָזט אין די צעפּלאָמטע פייערן אַריין.

דער טאַטע גייט אַוועק אַ שווייגנדיקער און פונעם לאָמפּ טראָגן זיך אַזעלכע אומרואיקע און שלעכטע רייכעס, כאַמעצדיקע און אומריינע...

שפּעטער זיץ איך מיט מיינע בײדע עלטערע שוועסטערלעך אַף אַן אויסגעשפּרייטן פייסעכדיקן זאַק הינטער די פענצטער פונעם זאַל און מיר עסן פרישע קאַרטאָפליע־פּלעצלעך. איך עס לאַנגזאַם, נישט ניכעדיק. ריווקע און פינקל קוקן אַף די שמאָלע שטיקער זון, וואָס שפּילן זיך באַ זיי אַף די שיך און זאָקן און זיי קייען אויך נישט ניכעדיק, מיט פאַרמאַכטע מיילער. מיין ריווקע איז אַ נאַשערן, אַן אַנדערשמאָל האָט זי ליב צו עסן גיך און גרויסע שטיקער אַזוי ווי איך, אינדערפרי, באַם אַראָפּטראָגן ס'פּייסעכדיקע געפעס פונעם בוידעם, האָבן מיר בײדע אַרומגעשמעקט די טעפּ און געשריגן: „פּייסעכל, פּייסעכל, קום צו מיר, איך בין הונגעריק...."
און איצט עסן מיינע שוועסטערלעך אַזוי פריציש, מיט פאַרשנירעוועטע פּיסקלעך...

מיין מאַמע האָט דאָך גענומען פאַרבן עטלס לאָמפּ. צוויי קאָלירן מאַכט זי אין אים, איינעם אַ שוואַרצן און דעם צווייטן אַ טונקל קופּערנעם. דער מאַמעס פּאָנעם, דאָס שטילע און באַטריבטע, בייט זיך דערביי אין אַ סאַך קאָלירן...

היצל לייגט אַרויף אירע צוויי געטרייע הענט אַף דער מאַמעס אַקסלען און זיפצט שטיל:

— ראַצע, קאַזשדען סובי ראָבע!... — זאָגט זי אַף כאָכליש — וואָס איינער טוט, טוט ער פאַר זיך. גאָט וועט איר באַצאָלן, דער איישעם איש!..

די מאַמע בייגט זיך אונטער היצלס הענט, אונטער אירע טרייסטווערטער. זי איז דאַכט זיך קלענער געוואָרן, די מאַמע, און שטום...

נאָר אַט שטייט שוין די מאַמע ווידער אַ הויכע און אַ באַריידעוודיקע. זי שטייט אין זאַל לעבן סערקע די שוואַטשצקע, די נייטאָרקע וואָס האָט אונדז אָפּגעבראַכט די פּייסעכדיקע מאַלבושים. די אָנלעגנס פון דער געבעטער סאָפע און פון די שטולן זיינען באַהאַנגען מיט קליידלעך, העמדלעך און פאַרטעכלעך. סע שמעקט פון זיי דער נייער סיטץ מיט דעם וואָלנס.

סערקעס פּאָנעם, אַ טונקלס אַ מאַטעווע, שמעקט מיט טרויער, מיט דעם טרויער פון אַ פאַרוועלקטער רויז. זי שמייכלט צו דער מאַמען און קוקט צו די נייע מאַלבושים.

— ווער ווייסט, ראַצע, צי וועלן די מאַלבושים אפן צווייטן פּייסעך האָבן דעם אייגענעם כיין, צי וועלן זיי נייען די אייגענע הענט!...

— מיט גאָטס הילף וועט איר געזונט ווערן און דערלעבן נאָך אַ סאַך פּייסעכן — ענטפערט די מאַמע שטיל.

וואָלט מיין מאַמע נישט געווען אַזוי טרויעריק דערפון וואָס סערקע האָט איר געזאָגט, וואָלט איך זי געפרעגט, צי וועל איך נאָך היינט צום סיידער באַנייען מיינע פּייסעכדיקע מאַלבושים... ס'כייעס גייט מיר אויס דורכצושפּאַצירן זיך איבערן פּאָדאָשעק מיט די נייע געקנעפּלטע שטי־וועלעך אָנגעטאָן און מיט דעם נייעם שוסטער־פאַרטעכל...

איבער די דעכער שטייט שוין אַ רויט שטיק זון, ווי אַ צעגליט שטיק קופּער. אויסגעצוואָגענע אידן לויפן שוין פון דער באָד. דאָס כאָמעצדיקע וועש טראָגן זיי אונטער די אָרימס און פון זיי שמעקט מיט יאָנטעוו. טירן און לאָדנס פון געשעפטן פאַרמאַכן זיך שוין. אָרימע ווייבער טראָגן אַהיים פונעם מאַרק, פאַרשפּעטיקטע, אַ רעשטל ציבעלעס אָדער אַ ביליק פונט פיש צום סיידער...

אויך דער טאַטע איז שוין געקומען פון דער באָד. ער האָט זיך צו־געשוירן ס'בערדל. עס קאַפּען פון זיין בערדל גרויסע טראָפּנס באָד־וואַסער.

דער זאַל איז איצט ברייט און ליכטיק. דעם טאָטנס פּאָנעם — ניט. ער טוט זיך נישט אָן דעם נייעם אָנצוג וואָס די מאַמע האָט אים צוגעגרייט אַף צו גיין אין שיל אַריין. ער טוט נאָר אָן אַ ריין אויבערהעמד און אַנ־דערע הויזן.

מיר, איך מיט מיינע שוועסטערלעך, זיינען שוין אויסגעפּוצטע, אויס־געבאָדענע. נאָר צופרידן בין איך ווידער נישט... דער טאַטע איז עפּעס ברויגעז, ער גייט גאָר נישט אין שיל אַריין... וואָס זשע פּאַר אַ טאָאָם האָט שוין דער יאָנטעוו?... מאָרגן וועלן די קינדער פון גאָס מיר שרייען, אַז מיין טאַטע איז אַ יאָנטעוו־גאָי...

ניין, דער טאַטע איז נישט קיין גאָי... אָט איז אַ שיין קלאָר העסעבעט צוגעגרייט אַף דער געבעטער סאָפע. דער הענגלאָמפּ בליצט איבער דעם ווייסן טיש מיט די גרויסע זילבערנע לייכטער. נאָר אין דער מאַמעס אויגן איז דאָ אַ בליצל אַ שטילס, וואָס שרעקט מיך, ווי דער גרויסער שטילער טייך פון אונדזער שטעטל. אַ שטילע זעצט אונדז אוים די מאַמע אַף די

בענקלעך אַרום טיש און אַ שטילע דערלאַנגט זי דעם טאַטן אַ הימל־ווייסן קיטל מיט אַ יאַרמלקע און אַ נייע האַגאָדע.

אינעם קיטל מיט דער יאַרמלקע אַפֿן קאָפּ איז דער טאַטע שענער, כּאַשעוועער און שטילער. די האַגאָדע זאָגט ער אויך שטיל. די מאַמע זיצט בײַ זײַן זײַט אין אַ נייעם פּאַניאַר, וואָס פּאַסט איר צום שטילן, צום אָנ־מעטיקן פּאָנעם.

דער אָפּגעפּאַרבטער לאָמפּ שטייט אין אַ ווינקל, הינטער דער טיר, עס גייט פֿון אים אַ שרעק. אַזוי קאַלט איז ער און שוואַרץ... ווי שטאַרק ער טיילט זיך אויס פֿון דער יאָנטעווודיקער ווייסקייט! פֿינקל איז ערנסט. פֿאַר־וואָס איז זי אַזוי פֿאַרמויערט? פּלוצים רופֿט זי זיך אָן צום טאַטן:

— היינט, טאַטע, ביסטו אַ מײַלעך, די מאַמע אַ מאַלקע און איך מיט די איבעריקע קינדער — קליינע מאַלקעלעך...

היצל, די דינסטמויד, צעלאַכט זיך מיט אַ שטאַרק, ברייט קאָל. זי לאַכט, דאַכט זיך אומיסנע אַזוי הויך, וואָס איז דאָ פֿאַראַן צום לאַכן?.. און פֿאַרוואָס איז פֿינקל אַזוי רויט געוואָרן און צעטומלט?...

בײַם דערלאַנגען די מייכאָלים איז היצל ווידער שטאַרק פֿריילעך.

— איך וועל אַרײַנלאָזן עליאָהו האַנאָווי — זאָגט זי און גיט אַ צע־עפֿן די טיר.

— שפֿויך כאַמאַסכאָ... — הייבט אָן דער טאַטע און אין זאַל הערשט אַ טיפֿע און טויטע שטילקייט. אַלעמענעם, אויגן הענגען אויף דער אָפֿענער טיר. איך קוק צום קאָס מיט ווײַן, וואָס מען האָט אָוועקגעשטעלט פֿאַר עליאָהו האַנאָווי, נאָר איך דערקען ניט מען זאָל פֿון אים אַפֿילו געווען עפּעס אָפּזופּן. ווי אַזוי קען אַ נאָווי אויסטרינקען אַזוי פֿיל קויסעם פֿון אַלע סיידאָרים אין איין האַלבער שאָ?... ווי אַזוי קומט ער אָן פּינקטלעך צו אַלע אידישע סיידאָרים?... — אַלעווײַ — טראַכט איך — זאָל דער גוטער אַלטער נאָווי אַרײַנברענגען אַ נייעם שאָלעם צווישן טאַטע־מאַמע און דער יאָנטעוו זאָל מיר ניט פֿאַרשטערט ווערן...

מײַן געבעט איז ווידער נישט מעקוייעם געוואָרן.

גאַנץ פֿרי, מיר ליגן נאָך אויף די געלעגערס, היצל דערלאַנגט אונדז טיי מיט לימענע, די זון רוט אין אַלע ווינקלען מיט נייער פֿרייד און נייער דערוואַרטונג... נאָכמיטיק וועט דער טאַטע מיט דער מאַמען אונדז אויס־טיילן צו הונדערט ניס. עס וועלן אַרײַנקומען סערקעס קינדער, עס וועלן זײַן נעכאַמעס קינדער, דער טאַטע מיט דער מאַמען, מיר'ן שפּילן אין ניס... דער טאַטע האָט שוין אָנגעטאָן דעם נייעם אָנצוג, אַ גרויען, מיט אַ נייעם קאַפּעלוש, און די מאַמע ציט אים בײַם זוים פֿונעם רעקל און רעדט אינדערשטיל:

— דאָס רעקל איז באַגראָבן, צו קורץ... מיר האָבן דאָך קינדער... ווי גייט מען אַזוי אין אַ מאָקעם קאָדעש?..

דער טאַטע מאַכט זיך צו רעכט דעם שוואַרצן שניפּס און רעדט אין שפּיגל אַרײַן:

— ראצע, מאַך מיר היינט ווינציקער מייכאָלים, פּאַרטיק דיך אַפּ פּרי, באַלד נאָכן עסן וועלן מיר עגעץ אַרויסגיין...

— וואוהין, הערש, איז דער ערגעץ דיינער? — זייעט די מאַמע צוויישן די ציין.

— גרייט דיך צו און די קינדער אויך, וועלן מיר שוין זען..

— האָסט עמיצן צוגעזאָגט? — טוט די מאַמע אַ קנייפּ אַפּ אַ וואָרט און שווייגט ווייטער.

דער טאַטע קנייטשט דעם שטערן און קייט אַ שפּיץ פון אַ וואָנצע.

— מירן זיך אַדורכגיין אין גאַס. בעניי־ביי זיך אַריינכאַפּן צו עטלען...

די מאַמע גלייכט זיך אויס און רעדט מיט אַ שטיל פרעמד קאָל:

— איך האָב דאַרט נישט וואָס צו טאָן... גיי געזונטערהייט אַליין!...

— ראַצע, איך האָב דאָך צוגעזאָגט קומען מיט דיר, מיט די קינדער... אום יאָנטעוו אויך אַליין? וואָס בין איך, אַ באָכער צי אַן אַלמען?...

די מאַמע ענטפערט נישט. איר פּאָנעם וואָלקנט זיך מיט אַ טריבן ווייטיק.

— האָסט שוין אַריינגעלייגט אַ פינגער אין מויל, ראַצע? ס'שטייט דיך נישט אָן טשאָרנאָפּוי דער בעקער־יונג?!

די מאַמע קוקט אַף אים מיט גרויסע שטוינענדיקע אויגן און שווייגט. דער טאַקע ווערט אַ דערצאָרנטער, אַן אויפגעברויזטער.

— איך ווייס, ראַצע, וועסט שוין דיינס אויספירן.. אוי, דאָס שווייגן דיינס!...

אַ בייזער, מיט וואַקלענדיקע שפּאַן, גייט דער טאַטע אַוועק אין שיל. די מאַמע שיקט אים נאָך צוויי גרויסע אַקשאָנעסדיקע בליקן:

— איך וועל צו איר נישט גיין.

באַלד נאָכן פּייסעכדיקן אָנבייסן, ווען די זון אינדרויסן שטייט אינמיטן הימל, גייט גאָר די מאַמע שלאָפן און דער טאַטע וויקלט איין דעם אָפּגעפּאָרבטן לאָמפּ אין אַ גרוים פּאַפּיר און גייט מיט אים אַוועק איינער אַליין.

שפּעטער גייען מיר אַלע צו דער הוידעלקע. די מאַמע פירט אונדז, זי גייט צווישן ריווקען מיט פינקלען און פירט דעם פּאַטאָנדל מיט דעם קינד. דעם קינדס בלאָנד קעפּעלע הוידלט זיך אַפּן ווייסן קישעלע, ווי אַ ווייס מאַלעכל זעט עס מיר אויס.

באַ דער הוידעלקע זיינען דאָ נאָך ווייבער מיט אידן. יאָנטעוודיקע און פריילעכע שטייען זיי אַרום אַ ברייטן טאָנץ־פּלאַץ, צווישן אַ געדיכטן וואָלקן מיט שטויב. עס שפּילן די אייגענע ציגיינער וואָס באַ אונדז אַפּן פורימדיקן יאָנטעוו.

דער גאָישער יאָנטעוו איז מיר ניט געפעלן, מען שרייט נאָר און מען זשאָקעט. גרויסע צעפּאַליעטע שיקסעס מיט שקאָצים טאַנצן איין „גאָישקע" נאָך דער צווייטער. די טראָמפּייטן טרומייטן צום פּאַרטויבט ווערן. גאָיעס מיט טיכלעך אַף די קעפּ, פּאַרקויפן געפּאַרבטע אייער מיט געפּראַ־

זשעטע קערלעך און קאַקאַשעס... די מאַמע וועט סיי ווי נישט קויפן, ס'זיינען כאַמעצדיקע זאַכן...

ווייבער קוקן נאָך דער מאַמען. זיי עסן זי מיט קינעדיקע בליקן. די מאַמע גייט טאַקע אַזאַ בענימעסדיקע, אַ ניט דערגרייכבאַרע. איך פיל אַ גרויסן איראַס האַקאַוועד פאַר איר.

טעקלאַ די גראָבע, וואָס קאַכט באַ מאַכמעדן אין כאַרטשעווניע, לויפט אונדז אַנטקעגן מיט צענומענע הענט:

— ני וואַרקו, פאַני הערשטשיכאַ ס'דיעטמי!

זי טיילט אונדז איין צו צוויי אָפּגעפּאַרבטע אייער און לאַכט מיט אַ ברייט צעגאַוועדט מויל.

היצעלע, אונדזער דינסטמויד, שלעפּט מיך פאַר אַ האַנט, ווי איך וואָלט געוועזן אַ גאַנעוועטע אָדער געוואָלט אַנטלויפן... איך האָב מוירע פאַר די שקאַצים מיט די גויעס, וואָס שרייען אונדז נאָך „כריסטאָס וואָס־קרעס". די מאַמע זאָגט, אַז מיר טאָרן זיי גאָרניט ענטפערן און אַפילע קיין קוק נישט געבן אין זייער זייט, ווייל זיי ווילן אויסטראַכטן אַ בילבל אויף אידן און שפּעטער מאַכן אַ פּאָגראָם... איך האַלט פאַרשטשעמעט די ליפּן טאָמער כאַפּט זיך באַ מיר אַרויס עפּעס אַ וואָרט, פאַר וועלכן די גאָים וועלן שפּעטער מאַכן אַ פּאָגראָם... מען דערציילט, אַז אין קעשענעוו האָט מען אויך געמאַכט אַ פּאָגראָם, האָט מען דאָרט צעריסן די בייכער פון קליינע קינדער און זיי אָנגעשטאָפּט מיט פעדערן.. ווען מיין טאַטע זינגט דאָס ליד פונעם קעשענעווער פּאָגראָם, וויינט אין מיר דאָס האַרץ... ווי אויף צעלאַכעס מיר, שושקען אונדז אַריין די קליינע שקאַצימלעך אין די אויערן: זשיד פּאַרכאַטי, נאַש באָך, נאַש כריסטאָס וואָסקרעס...

די מאַמע מאַכט ברייטע שפּאַן. איר ברייטע כשיוועס ווערט אין זיי פאַרלוירן.

— הערסט, היצל, ווי זיי האָווקען? ס'רירט זיך מיר ס'האַרץ...

שיקערע גאָים קלייבן זיך אין גרויסע רעדלעך. זיי ליאַרעמען און טשעפען זיך איינער מיטן צווייטן, אידן און ווייבער רוקן זיך אוועק פונעם טאַנץ־פּלאַץ, שטעלן זיך אין מויל און אויערן. די מאַמע אויך. ערגעץ אין אַ ווינקל שלאָגן זיך צוויי שקאַצים. אַ שיקסע שרייט: ראַטויטיע!.. שיקסעס מיט שקאַצים קוויטשען אַראָפּ פון דער הוידלקע: „בעי זשידאָוו"! „זשי־דאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!" „די קלעזמער האָבן אויפגעהערט שפּילן... די זון שיינט און.. גרויסע טראָפּנס פאַלן פונעם הימל... מיר איז קאַלט אונטערן האַרצן, אין די געדערים.. איך וואָלט וועלן דערהאַרגעט ווערן די ערשטע: ווי וועל איך קענען צוקוקן ווי מען רייסט אויף מיין איטעלעס קראַנק בייכעלע!... ווי מען פייניקט מיינע עלטערע שוועסטערלעך!... ווי מען שניידט אָפּ די בריסטן באַ דער מאַמען, באַ היצלען?! די מאַמע כאַפּט אַרויס איטעלען פונעם פּייעטאַנדל און שרייט מיט אַ ווייגענדיק קאָל:

— קינדערלעך מיינע, האַלט זיך מיט מיר איינעם! מען האַרגעט אידן!...

צווישן טעמפע קלויסטער־גלאָקן און שיקערע גאַיעשע קוילעס, שניידן זיך אַריין די ווערטער: מען האַרגעט אי־אי־אידן!..

היצל לויפט און שלעפּט מיט זיך דאָס איבערגעקערטע פּייעטאַנדל, וואָס שפּרינגט איבער די ווייכע גרודעס ווי אַ קראַנקע גאַנדז אויף איין פיסל. איך האַלט זי פאַרן קלייד און קוק מיט ציל־לאָזע אויגן, וואָס זעען נאָר גאָים מיט גאַיעס...

הינטערן באַרג בלייבט די מאַמע שטיין. היצל אויך. זיי קוקן זיך ביידע אין די פאַרטרערטע אויגן און פּלאַצן אויס מיט אַ הילכיקן געלעכטער: „אַ שוואַרצער, וויסטער כאַלעם צו זייערע קעפּ דאָרטן!...” איצט גייען מיר שוין פאַמעלעך, נאָר דאָס האַרץ מיינס קלאַפּט שטאַרק: אַז מען האַרגעט ניט קיין אידן, נאָכוואָס זיינען מיר אַנטלאָפן אינמיטן דערינען? היצעלע זאָגט אויך דאָס אייגענע:

— ראַצע, מיר האָבן נישט באַדאַרפט אַנטלויפן. טאָמער האָט דאָרטן אַ כאַזער, אַ שיקערער גאַי, אַ וואָרטשע געטאָן, איז ניט פרי אין זאָדעק...

אין די אידישע געסלעך איז טאַקע רואיק. אידן שטייען פאַר זאַלמענס קלויז. מען הערט דעם באַלדאַרשן. זיי קוקן נאָך דער מאַמען און פרעגן:

— וואָס איז שוין דאָרט, אַ נייע סומאַטאָכע אויף זיי?!

היצעלע צעלאַכט זיך.

— אַ שיינער באַלדאַרשער, אַז מען קען הערן די גוואַלדן פון דער הוידלקע!..

— מיר שטייען דאָך אינדרויסן! — קוקן די אידן אויף זייערע אַלטע פאַרגרינטע קאַפּאָטעס.

איך פאַרשטיי שוין, אַז אין שיל קענען זיי נישט אַריינגיין, ווייל פאַר הערן דעם באַלדאַרשן דאַרף מען באַצאָלן.

אין דער היים טרעפן מיר דעם טאַטן. מיר טרעפן אויך פישל שמיל קאַליסערס מיט זיין ווייב עטל. די אידענע שטייט אין מיטן זאַל, אַ ברייטע, אַ צענומענע, און באַקוקט די פריש געמאָלענע ווענט.

פאַרוואָס איז דאָס געלע זיידענע טיכל איר אַראָפּגערוקט ביז צו די אויגן? זי מוז זיין אַ פרומע... פאַר וואָס זשע טראָגט זי אַ גאָלדן קייטל מיט אַ זייגערל אויף דער הויכער ברוסט צווישן די ווייסע זיידענע קרוזשעווען פונעם שוואַרצן זיידענעם ראָק? און פאַרוואָס האָט די פרומע אידענע אַזוינע גרינע לאַכעדיקע אויגן מיט אַזאַ ברייטן גייוועדיקן שטעל? אַ דאָר פּאָנעם, אַז אויסגעוווייקטס, באַדאַרף האָבן אַ פרומע אידענע...

עטל לאַכט מיט אַ פול מויל ציין. דער פעטער גווידער אירער ציטערט.

— איר זעט, ראַצע, ווי מיר שטייט יאָ אַז קומען צו אייך אין שטוב...

פאַרוואָס קוועטשט זי צום טאַטן מיט איין אויג?... מיר געפעלט דאָס ניט. די מאַמע זעצט אַריין איטעלען אין הויכן, שוואַרצן שטולכל און שמייכלט, פאַרלעגן, פרעמד. פישל שמיל קאַליסערס, עטלס מאַן, פאַרהויבט צו דער מאַמען אַ זייט פון זיין גרוי אויסגעקראַכן בערדל:

— הערש, האָסט אַ ווייבל, אַז אַנטיק!

מיר געפעלט ניט דער לאַנגער איך מיט דער לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע און מיט דעם קיילעכדיקן שטריימל אויפן קאָפּ. עס פּאַסן אים גאַרנישט די בלויע ברילן אויף זיינע קליינע קאַלמוטנע אויגן.

איך טו אַ צופּ מיין ריוועקן באַם מיזינדיקן פינגערל און פרעג זי אויפן אויער:

— דיר געפעלן די צוויי געסט? ניין? מיר אויך ניט. זאָלן מיר זיי אַ נאָמען געבן, ריוועקע?

ריוועקע באַקוקט זיי זייער ערנסט און זאָגט מיר אַזוי שטיל, אַז אַלע אין שטוב הערן דאַכט זיך:

— ער, לאַנגער נאַר. זי, אייזערנער לאָמפּ...

ריוועקע איז אַ כאַכעמעס, אין איין שמיי־דריי האָט זי אויסגעפונען צוויי שיינע נעמען. אויף דער מאַמעס פּאָנעם שפּרייט זיך אַ שמייכל אַ זיי־גערישער, אַ זאַטער. היצעלע שאָקלט צו אונדז מיטן קאָפּ און ווינקט מיט די אויגן. איך ווייס שוין, וואָס זי מיינט, ריוועקע אויך.ביידע אַפּאַמאָל שרייען מיר אויס:

— לאַנגער נאַר! אייזערנער לאָמפּ!

איך דערשרעק מיך פאַר מיין אייגענער געוואַגטקייט, פאַר אַזאַ גרויסער כוצפּע, ריוועקע אויך. מיר קוקן דערשראָקן אַרום זיך און מיר רירן זיך ניט פון אָרט.

עטל לאַכט מיט אַ ברייט מויל אַ הונגעריקס, זי עסט, דאַכט זיך מיר דעם טאַטן.

— הערש, אין וועמען איז דאָס פּאַרל דיינס געראָטן?

דער טאַטע שמייכלט נאַכגיביק און בעט זיך באַ דער מאַמען:

— וועסט זיך מאַטריעך זיין, ראַצע, גיב עפּעס צום טיש.

די מאַמע שטעלט צום טיש אַ גרויסן שטאָף מיט רויטן וויין און אַ קלאָש נים מיט ווינטער עפּל. זי ברענגט אַ טעלער מיט כרעמזלעך, געלע פּייסעכדיקע בייגל און נים־קעזל.

מיר איז אַ שאָד די אַלע גוטע זאַכן. ווען איך בין אַ מאַמע, עס איך אויף אַלצדינג אַליין, נישט די געסט און נישט די קינדער וואָלט איך געגעבן.

עטל קוקט נאָך דער מאַמעס גלייכע פיגור, אירע רואיקע שפּאַן, וואָס קלאַפּן אָפּ מיט ווירדע און אויסגעהאַלטנקייט.

די מאַמע זעצט זיך ניט צום טיש. זי באַשעפטיקט זיך לעבן איטעלען, וואָס קוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אויף דער פרעמדער אידענע...

עטל רעדט מיט אַן אָנגעשטאָפּט מויל. זי פרעסט אויף ביידע באַקן.

— הערש, וועלכע איז באַ דיר דער וויראָדעק?

דער טאַטע פירט מיך צו צום טיש.

— זאָג, ווי רופט מען דיך?

— זאָג, וועמען האָסטו אָנגערופן אייזערנער לאָמפּ און לאַנגער נאַר?

איך פֿיל מיך פֿאַרלוירן. קיין ליגנס, ווייס איך, טאָר מען נישט זאָגן, מעווייעש שטעלן אַ מענטשן — אויך נישט. אָפּגעשניטענע יאָרן האָט מען דערפֿאַר... און דעם טאַטן טאָר מען דאָך אַוודע ניט אָפּנאַרן... און איך זאָג דעם עמעס. פֿול מיט שרעק איז מײַנע מאַכשאָוועס, שטעל איך אָן בײדע ווײַז־פֿינגער אַף עטלעך מיט איר מאַן. אין שטוב ווערט אַ גע־לעכטער. עטל כיכיקעט מיט אַ דין שמאָל קעלכל. זי איז רויט ווי אַ בעריק. אַ מיצווע אַף איר — טראַכט איך — זי עסט אויף ס׳גאַנצע גע־בעקס מיט די פּרוכטן.. — פֿישל קוקט אַף מיר מיט דעם שפּיץ פֿון זײַן מיעסן בערדל און עטל קנײַפּט מיר אָן די באַקן און דערלאַנגט מיר עט־לעכע ניס:

— זאָלסט קומען צו מיר מיטן טאַטן דײַנעם! ווויראָדיק! טשאָרנאָ־פּוץ!..

איך דאַנק גאָט וואָס די קינדער פֿון דער גאַס הערן ניט. ווען ניט, שרײַען זיי מיר באַלד: גאָלדע טשאַרנעפּוץ...

פֿישל קריכט מיט די בלינדע אויגן איבער דער מאַמען:

— נישקאָשע, ראַצע, סע מעג אייך אָנשטיין די שטוב מײַנע אָנ־צוקוקן...

נאָר ניט די מאַמע און ניט איך האָבן מיר דעם פּייסעך אָנגעקוקט די שטוב פֿונעם לאַנגן נאָר מיט דעם אײַזערנעם לאָמפּ. בײדע טעג יאָנטעוו זײַנען מיר שוין אין ערגעץ ניט געגאַנגען.

ס׳איז מיר אומעטיק. נאָך אומעטיקער ווערט מיר דעם ערשטן טאָג כאָלעמויעד, ווען האַרט צו דער שטוב איז צוגעפֿאָרן אַ גרויסער פֿייעטאָן און מײַן גרויסע שוועסטער האָט זיך אַהין אַרײַנגעזעצט און היצעלע, אונ־דזער דינסטמויד האָט איר נאָכגעטראָגן אַ הילצערן קעסטעלע מיט מאַל־בושים און אַ ווײַס בינטעלע מיט עסן. זי גייט אָנגעטאָן אַ נײַ שעוויאָטן בלוי מענטעלע, מײַן שוועסטער פֿינקל, מיט אַ ברייטן קײַלכיקן קאָלנער. אַף דער גאַלערײַע שטייען נעכאַמעס קינדער און פּאַכן צו פֿינקלען מיט די הענט:

— פֿאָר געזונט, פֿאַניטשקאַ, פֿאַרברענג פֿריילעך!...

די מאַמע שאָקלט צו פֿינקלען מיטן קאָפּ און שמײכלט דורך טרערן.

שפּעטער ווער איך געוואָר, אַז מײַן שוועסטער פֿינקל איז אַוועקגע־פֿאָרן קיין ליפּקאַן צו דער מאַמעס מישפּאָכע. איך ווײן: „מיך לאָזט מען אינדערהיים, ווי אַ הונט!... די מאַמע שטופּט מיך אַרײַן אין האַנט אַ געלן קופּערנעם זעקסער:

— נאַ, גאָלדע, קויף דיר עפּעס און באַלד דעם ערשטן טאָג כוילאַ־מויעד שוויעס, פֿאָרסטו בא מיר אַרײַן קיין ליפּקאַן נאַשפּיץ!...

ז. — מײַן טאַטע שלאָגט זיך...

נאָך פּייסעך איז מיר ווידער גוט. די טעג זײַנען וואַרימע און איך קען שוין אַרומלויפן באָרוועס. איך שפּיל מיך לעבן מאַכמעדס בעקערײַ און זאַפּ אײַן אין מיר דעם פרישן רייעך פון צוויט אַף די דינע ביימלעך וואָס פאַר דער קלייט. מאַכמעד איז נישטאָ אין דער היים. באַלד נאָך פּורים איז ער אַפּגעפאָרן קיין טערקיי. דער טאַטע מוז איצט זײַן אין דער בעקערײַ גאַנצע טעג און נעכט. ער טרייבט מיך אַהיים. ס'איז דאָס ערשטע מאָל אַז מײַן טאַטע וויל מיך נישט האָבן לעבן זיך...

אין שטוב דרייט זיך די מאַמע ווידער אום איבער די ליכטיקע צימערן. פרייַ פון דער יאַנטעוודיקער אָנגעצויגנקייט און קליינע רויגעזן, איז דאָס פּאָנעם אירס שטיל און אויפגעהייטערט. מײַן קראַנק שוועסטערל שפּילט זיך שוין אַפן פּאָל. זי פאַרייסט דאָס בלאָנדע קעפּל און שטעלט אַז אירע גרויסע בלויע אויגן אַף דער מאַמען, אַף מיר. די מאַמע לאַכט איר אין די אויגן אַרײַן:

—וועסט שוין עסן אין סוקע, היטעלע, דער זומער וועט דיך ראַטעווען.

פון דער גאַס דערטראָגן זיך פלוצים קוילעס, טעמפּע, אָפּגעריסענע. די מאַמע שטעלט אַז אן אויער צו דער טיר. זי ווערט געל ווי וואַקס. נעכאַמע קומט אַרײַן. אַן אויפגעראַמטע, אַ באַזאָרגטע קוקט זי אַף דער מאַמען:

— פאַרליר דיך ניט, ראַצע!... עס איז דען באַ אים ס'ערשט מאָל?...

מײַן שוועסטער פינקלט אויגן עסן זיך אײַן אין דער מאַמען און אין די אָפענע פענצטער פון דעם זאַל. אויך נעכאַמע ווערט אומרואיק. די קוילעס פון גאַס הערן זיך קלאָרער, שטאַרקער. נעכאַמע רעדט ווידער צו דער מאַמען:

— נישקאָשע, ס'וועט אים דאַרט גאַרנישט שאַטן!... אַ מענטש זאָל דיר זײַן אַזוי גרינג אַף דער האַנט!.... אַ מעציע, דער מאַן דײַנער!...

פונדרויסן הער איך דאָס געוויין פון אונדזער דינסט היצעלע:

— ראַצע, טייערע, זיי וועלן אים דערהאַרגענען... אידן סדאַמניקעס, ניט קיין מענטשן!... זיי לאַכן ווען מען דערהאַרגעט אַ טאַטן פון פיר ווערים...

די מאַמע כאַפּט זיך אַז מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און לויפט אַרויס פון דעם זאַל. זי שיט זיך אַראָפּ פון די טרעפּ איך ווער ווי געליימט פון שרעק. די מאַמע מישט זיך קיינמאָל נישט אינעם טאַטנס געשלעגן. ווען דער טאַטע שלאָגט זיך מיט עמיצן, פאַרשליסט זי די טיר און פאַרמאַכט אַלע פענצטער. מיר גייען דעמאָלסט ניט אַרויס אַפילע אַף דער גאַלערייע. די מאַמע האַלט אונדז דעמאָלט אַרום זיך און האָט אונדז ליבער ווי אַלעמאָל. פול מיט ראַכמאָנעס קוקט זי אונדז אין די פּענימער און זיפצט, אירע ווייכע שטילע רייד רופן באַ מיר אַרויס טרערן. באַ די עלטערע שוועסטער אויך.

— קינדער מײַנע, שוואַלבן אומגליקלעכע, זאָל די מאַמע אײערע אָפּקומען פאַר אײַך, פאַר אַלע מײַנע ליבע, פאַר אַלע אידישע טעכטער...

איך פאַרשטײ איצט אַז די געפאַר איז אַ גרױסע, װאָרום װאָס דען האָט זיך די מאַמע אַראָפּגעשאָטן פון די טרעפּ און איבערגעלאָזט מײַן קראַנק שװעסטערל אָפן פאַל מיט אױסגעשטרעקטע הענטלעך?...

דאַנקען גאָט! מען האָט דעם טאַטן נישט דערהאַרגעט! פונדערװײַטן הער איך דאָס קאָל זײַנס:

— ביז מאַכמעד קומט נישט צוריק, טרעט איך נישט אָפּ פון דאַנען, ביז איך אָרעװ פאַר אַלץ!...

איך קען מיך נישט דערשלאָגן צו דעם פּלאַץ װאו דער טאַטע שלאָגט זיך. אַ סאַך מענטשן, אידן און װײַבער, שטופּן זיך אײנער פאַרן אָנדערן, טרעטן מיר אָף די פיס. זײ לאַכן:

— זאָלן זײ אים אָנלערנען, דערהאַרגענען, אַ שײנע רײנע קאַפּאָרע פאַר אַ געגנדזענעם הינטן...

די מאַמע רײַסט זיך אַרײַן צװישן אױלעם.

— פאָרט אַ װײַב! — זאָגן די אידן און די װײַבער — קראָװ ניע װאָדאַ!...

די מאַמע רײַסט אַרױס דעם טאַטן פון צװישן אַ קנױל מיט שלעגער. איך דערקען אים ניט. דער טאַטע איז געװאָרן קלענער, אײַנגעבראָכן... פונעם קאָפּ און פונעם האַלדז באַ אים ציען זיך ריטשקעס בלוט געדיכטע, זײ ציען זיך איבערן װײַסן אַרבעטס־העמד, איבערן גאַנצן גוף, ביז צו די שיך. מענטשן לױפן אונדז נאָך. אַלע װילן אַ קוק טאָן דעם טאַטן אין פּאָנעם אַרײַן.. אַן אַלטע אידענע זיפצט אים אַנטקעגן:

— אַ װײַב מיט קינדער האָט דער הערש, איז ער זײ נישט װערט!...

אַן אַנדערע קלאַפּט זיך איבערן מױל:

— דער הונט איז װערט דעם שטעקן!.. זאָל ער דאָרטן גריסן שײנע מעניעם קעלבל!...

איך װײס ניט פאַרװאָס די װײַבער רײדן אַזױ פון מײַן טאַטן, איך װײס נאָר, אַז דער טאַטע לערנט אונדז נישט שלאָגן אַ צאַרבאַלעכײעם... ס׳איז אַ כילעל האַשעם!... װאָס זשע, אַ מענטש איז דען נישט קײן צאַרבאַלעכײעם?... דעם טאַטן קען איך עס איצט נישט איבערפרעגן. ער װײסט אפילע נישט צי איך לױף אים נאָך באַגלײך מיט אַנדערע צענדליקער פרעמדע קינדער. נאָר איך בין, זײער טרױעריק, אומגליקלעך, אַ קאַלטער װײטיק פרעסט דאָס האַרץ מײַנס, איך קען ניט װײנען. די פרעמדע קינדער רינגלען מיך אַרום, זײ קוקן אָף מיר מיט ראַכמאָנעס, מיט מיטגעפיל.

— מײדעלע, פאַרװאָס װײנסטו נישט, מען האָט דאָך געשלאָגן דײַן טאַטן, נעבעך!... דו װילסט, מײדעלע, מיר זאָלן װערן דײַנע כאַװערטעס? אָף דיר איז אַ ראַכמאָנעס!...

די גוטסקײט פון די מײדעלעך, זײער מיטגעפיל אין אַ מינוט װען גרױסע מענטשן לאַכן און זען מיך ניט, פונקט װי זײ זען ניט װי מײַן

טאַטנס בלוט באַפאַרבט די גאַנצע גאַס, האָט צערודערט מײַן פּלוצימדיקע טעמפּקייט. מיר ווערט וואַרים אַפּן האַרצן און טרערן גיסן זיך מיר פון די אויגן. איך שעם זיך ניט מער מיט מײַן טאַטן דעם שלעגער. די קינדער ווישן מיר די טרערן פון די אויגן און טרייסטן מיך:

— ווײַן נישט מיידעלע, גאָט וועט סיי ווי שטראָפן די שלעכטע מענטשן!..

איצט פיל איך מיך שוין אַ יאָכסנטע, דערהויבן און שטאָלץ. אָט זײַנען מײַנע ביידע עלטערע שוועסטערלעך, פינקל — אַ ווײַסע, אָן איין טראָפּן בלוט אין איר איינגעצויגן פּאָנעם. ריווקע — אַ פאַרווײַנטע און דאָס פּאָנעם איז באַ איר רויט געשוואָלן. זי לויפט צו צו מיר, כאַפּט מיך אָן פאַר די הענט:

— קום, גאָלדעלע, טו אַ קוק וואָס מען האָט געטאָן מיטן טאַטן!.. נאָך אַביסל בלײַבן מיר איבער יעסוימעלעך!...

פינקלס מאַנדל־אויגן גיבן אַ פלאַם אויף און לעשן זיך ווידער אויס. אַ סאָך דינע ווײַנענדיקע שמייכעלעך באַווײַזן זיך באַ איר אַפּן פּאָנעם. זי לויפט צו דער מאַמען מיט דעם טאַטן. איך מיט ריווקען לויפן איר נאָך. דער מאַמעס פּאָנעם פלאַמט ווי אַ שטיק פײַער. זי ווײַנט ניט, נאָר די אויגן פליען איר שיר פון קאָפּ אַרויס ווען מיר פאַלן צו צו איר:

— ווײַנט ניט! — זייעט זי צווישן די ציין.

איצט לעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, ליגט שוין ווידער דער פאַרכעד אין מײַנע ביינער. איך ווענד מיך צו ריווקען:

— וואוהין גייען מיר איצטער?

— מיר גייען אַלע צום סליעדאָוואַטעל, מיר דאַרפן אים אַלץ דערציילן. איך וועל ווײַנען און אים בעטן ער זאָל נישט לאָזן שלאָגן דעם טאַטן, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן אַף אים...

דער סליעדאָוואַטעל איז אָבער אַ שלעכטער. דער גוי וואָס היט דעם סליעדאָוואַטעל מיט זײַן גאָרטן, איז אויך אַ שלעכטער. פאַרוואָס דען איז ער אונדז אַקעגנגעלאָפן און צום טויער געפּאָכעט מיט אַ לאַנגן שטעקן:

— טשעהאָ ווי טוט כאָטשעטע, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! פאַרכאַטע, פאַרשיווצע!..

נאָר די מאַמע האָט פאַר אים ניט קיין מוירע. זי פרעגט אים זייער שטיל:

— גאָספּאָדין סליעדאָוואַטעל דאָמאָ?!

דער גוי ציט אויס זײַן לאַנגן האַלדז, מיט זײַן גאַנצער נארישער לענג.

—יעסט, זשידי פאַרכאַטע, סוקיני סיני!...

אין גאָרטן איז שטיל. די ווײַסע רויזן אַף נידעריקע ביימלעך, זײַנען אויך שטילע. עטלעכע טויבן זיצן אַפּן דעכל פונעם טויבנשלאַק. זיי וואָרקען נישט. זיי קושן זיך אין די שנאָבלען. מען מעג דען זיך קושן? טויבן

עפּשער יאָ?.. איצט װעל איך דאָס סײ װי נישט פרעגן דעם טאַטן... סײ װי קוש איך דאָך מאַכמעדן..

די קלײנע װײַסע פענצטער פונעם סליעדאָװאַטעלס שטוב זעען אױס איבערגעזעטיקט און צופרידן. די װײַסע בענק לעבן די טרעפּ — אױך. נאָר דער סטאָראָזש איז בײז, ניט צופרידן. װאָס האָבן מיר אים דען גע־טאָן?... פאַרװאָס טוט ער אַ כאַפּ דעם טאַטן פאַרן קאַרק און שטופּט אים צו דער פאַרמאַכטער טיר?... דער טאַטע גלײַכט זיך אױס און קוקט אַרום זיך אַ צעטומלטער, מיט דינע רױטע, אָדערלעך אין די אומהײמלעכע אױגן. דאָס זײַנען נישט דעם טאַטנס אױגן, די שײַנענדיקע און קלוגע!... דער טאַטע טוט אַ דריק די קנאַפּקע בײַ דער טיר. פון אינעװײניק דערהערט זיך אַ פעסטע מענערישע שטימע:

— מאָזשנאָ!...

דער סליעדאָװאַטעל איז אַ הױכער, אַ ברײטער. מיט צענומענע פּיס שטײט ער אינמיטן צימער און האַלט די הענט אינעם גאַרטל פון זײַנע בלױע הױזן. ער קוקט אױפן טאַטן, אױף אונדז. נײן, אַ סליעדאָװאַטעל איז נישט קײן גוטער מענטש... קװידעס, קלאַפּט מיר שטאַרק ס'האַרץ. איך קען גיט קוקן אין זײַנע שפּיציקע אױגן, װאָס שנײַדן װי די מעסערס. אַפילו זײַנע שמאָלע, אױף אַרויף פאַרדרײטע װאָנצעס, זײַנען בײז, שנײַדנדיק. ער בלאָזט אָן אַ פּאָר באַקן און הױדעט זיך לײַכט:

— דאַ, דאַ, עטאָט סאַמי טשאַרנאָפּױ!... עטאָט סאַמי בונטאָװשטשיק!...

די מאַמע רעדט מיט אַ געבראָכן קאָל:

— גאָספּאָדין סליעדאָװאַטעל, עטאָט טשעלאָװעק מאָי מוזש, אָן ני־קאָקױ בונטאָװשטשיק! עטי דיעװאָטשקי נאַצי דאָטשקי!...

דער סליעדאָװאַטעל רעדט מיט זײַן גלאַט פלײשיק פּאָנעם צו די גרױסע בילדער פונעם קײסער מיט דער קײסערינע, װאָס הענגען איבער זײַן שרײַבטיש:

— עטאָט טשאַרנאָפּױ באָלשאָיאַ סװאָלאָטש! באָלשױ בונטאָװשטשיק! מי יעװאָ נאַ קאַטאָרגו סאָשליאָם!

ער קוקט אַרײַן אין די װאָונדן בײַם טאַטן אױפן קאָפּ און רעדט װידער צו די קײסערלעכע בילדער:

— כאָראָשאָ! עטי יעװרעי, סוקיני סיני! כאָראָשאָ, כאָראָשאָ...

די האָר אױפן טאַטנס קאָפּ זײַנען צונױפגעקלעפּט מיט פאַרגליװערטע בלוט, װי מיט אַ ברױנעם פּלאַסטער, פאַרגליװערטע טראָפּנס בלוט פאַלן אַראָפּ צום פּאָל. פאַרשעמטע, באַלײדיקטע קוקן זײ צום סליעדאָװאַטעלס סאָלדאַטסקע שטיװל און צו די פרומע פּענימער פונעם קײסער מיט דער קײסערינע...

צוריקװעגס שװײַגט דער טאַטע, ער גײט גיך, ער אײַלט זיך. פּלוצים בלײַבט ער שטײן און האַלט זיך אָן בײַם פּלױט פונעם סליעדאָװאַטעלס גאָרטן. מיט רױטע אױגן קוקט ער אױף אונדז:

— ראַצע, מײַן װײַב, ביזט לעבן מיר?

די מאַמע נעמט אים אונטער אַ האַנט און קוקט אים צאַרט אין די אויגן:

— הערש, גאָט איז מיט דיר!.. קינדער מיינע, זיי האָבן אים צע־קלאַפּט די געהירן אין קאָפּ!

— ראַצע, וואו זיינען די קינדער, וואו איז פּינקל, די גרויסע מויד?...

די מאַמע נעמט אונדז אַרום מיט אירע גרויסע אויגן, וואָס זעען איצט אויס ווי צוויי גרויסע פאַרגליווערטע טרערן.

— הערש, די קינדער זיינען לעבן אונדז! לעבן דיר!.. זעסט זיי באַ־לילע נישט?...

דער טאַטע האַלט זיך אָן אָן דער מאַמען און ווי צוויי פאַרבלאָנדזשע־טע גייען זייביידע.

דער טאַטע רעדט צו איר שטיל:

— האָסט געהערט, ראַצע, אַ לאָשן פון אַ סליעדראַוואַטעל?.. ווי גע־פעלט דיר די גערעכטיקייט זיינע?.... זיי האָבן אים אונטערגעקויפט, די דושעהובניקעס, גאָטס גאַנאָווים... דעם סטאַראָזש אויך באַשמירט.... ווען איך לאָז מיך פון אים אריינוואַרפן צום סליעדראָוואַטעל, ווער איך אַרעס־טירט פאַר גוואַלד קעגן דער מאַכט...

איך ווייס ניט וואָס דאָס באַטייט. נאָר שפּעטער האָב איך דאָס פאַר־שטאַנען, ווי איך האָב פאַרשטאַנען אַ סך אַנדערע זאַכן וואָס דער טאַטע האָט אונדז נאָכדעם, נאָכן געשלעג, דערציילט, און זיי האָבן אים דערהויבן און באַליבט געמאַכט אין מיינע אויגן, ווי אין די אויגן פון מיינע שוועס־טערלעך און פון היצעלען דעם דינסטמיידל. בייזווילקע און אויך טעמפּע מענטשן ווילן מיין טאַטן אומברענגען... איך האָב מיך מער נישט געשעמט ווען קינדער האָבן מיר געשריגן, אַז מיין טאַטע איז אַ בעקער, אַ שלעגער, אַ גאַנעוו, אַ... טשאַרנאָפּוי... אַז איך וועל גרויס ווערן, וועל איך מיך אויך נישט לאָזן באַהערשן פון מיינע סאָנים, אַזוי ווי מיין טאַטע!... איך וועל מיר ראַנגלען מיט אַלע קויכעס מיינס צו דערגרייכן, אַזוי ווי מיין טאַטע!..

עס איז שוין פאַרנאַכט. דער טאַטע ליגט אין שלאָף־צימער אויף דער לעצטער סאָפע. די קישעלעך באַ אים צוקאָפּנס זיינען וויים, נאָך ווייסער זיינען די מערלינע באַנדאַזשן אַרום זיין קאָפּ. דער דאָקטער זילבערמאַן, אַ נידעריקער מיט אַ ווייסן קיילעכיקן פּאָנעם, האָט אויסגעשניטן אַ סאַך האָר פונעם טאַטנס קאָפּ און אים צוגעניית עטלעכע וואונדן. אַכצן לעבער האָט מען אים געמאַכט... איצט קען דער טאַטע ניט איינשלאָפן... ער רויכערט אַ סאַך און איז אומרואיק.

דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז מיין טאַטע האָט אַ סאַך בלוט פאַר־לוירן, זיין האַרץ איז שטאַרק ווי אייזן, ווען נישט, גייט ער קאַפּוט, פּאַשען ציגן אויף יענער וועלט.. מיין מאַמע זאָגט דאָך גאָר אַז אויף יענער וועלט איז דאָ אַ גאַניידן, איז ווי קומען ציגן אין גאַניידן אריין? און פאַרוואָס עפּעס זאָל מיין טאַטע ווערן דאָרט אַ פּאַסטעך? ניט אַנדערש ער איז אַ גוטער דער דאָקטער זילבערמאַן, ער ווייסט נישט, אַז די ציגן קענען נאָך דאָרטן

אַנשיטן מיט ביבקעס, אַזוי ווי באַ אונדז אַפן דאָשעק... אַ גאַניידן איז נאָך קאַשערער פון אַ שיל, איז ווי קומען אַהין ציגן?... מיין טאַטע איז יאָ ווערט דעם גאַניידן, גאָט זאָל אָף אים ראַכמאָנעס האָבן...

די מאַמע האָט אויך ראַכמאָנעס אָף אים. דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט זיצט זי צופוסנס זיין געלעגער. די גרינע שאָטנס פונעם נאַכט־לאָמפּ גריי־נען אויס דער מאַמעס גרין פּאָנעם. מיין קראַנק שוועסטערל גייט ניט אַראָפּ פון אירע הענט, זי וויינט אַלעמאָל און קוקט צעשראָקן צום טאַטן. אין צימער איז שטיל ווי עס וואָלט דאָ קיינער נישט געווען. איך בין אויך אַ שטילע, אַ גוטע, און פאַרוואָס זאָל איך זיין אַ שלעכטע, אַז דער אָפּ־דערנאַכט דינט מיר צו...

טאָמיד ווען ס'טרעפט עפּעס אַן אומגליק באַ אונדז אָדער ווען דער טאַטע שלאָגט זיך, ווערט די מאַמע אינגאַנצן אַן אַנדערע, אַ בעסערע, אַ שטילע, אַ צעוואָרפענע. אונדז לאָזט זי טאָן וואָס מיר ווילן. די איינגע־מויערטע שאַפע אין קיך, וואָס איז פול מיט אויבסט און געבעקס, שטייט דעמאָלסט אַן אָפענע, אַ העפקערדיקע. און אַפילע זי זעט ווי איך מיט מיין שוועסטער ריווקע טראָגן פון דער שאַפע זשמעניעס מיט נאַשוואַרג, שאָקלט זי אונדז צו מיטן קאָפּ און זיפצט:

— טוט, קינדערלעך, וואָס איר ווילט! סיי ווי האָבן פרעמדע רוכעס האַנאָע פון אייער טאַטנס האַרעוואַניע...

פינקל איז אַן אַנדערע, זי שווייגט און איז בלייך ווי די וואַנט, זי נעמט זיך נישט אַליין קיין עסן. דער הונגער שטייט אין אירע שיינע מאַנדל־אויגן. זי וואַרט די מאַמע זאָל זיך דערמאָנען אָן איר.

איך מיט מיין ריווקען האָבן זיך יאָ אינזינען. מיר האָבן אַפילע אינ־זינען די אַלטע בעטלערס וואָס זיצן לעבן דעם טערקס קלייט און פיאָדאָר דעם לאַנגן. פאַר אַ שטיקל לעקעך קוקן זיי אונדז אָף די דלאָניעס און טרעפן אונדזער צוקונפט. פיאָדאָר זאָגט, אַז איך מיט ריווקען וועלן מיר לעבן צו הונדערט מיט צען יאָר.

ס'איז שוין שפּעט. די מאַמע האָט שוין לאַנג פאַרשלאָסן די טירן. איך האָב פולע קעשענעס מיט ניס און מיט קומיסברויט. איך זעץ מיך אַריין צווישן דעם בעט און דער סאָפע און קוילער ניס איבערן פּאָל. די מאַמע זיפצט:

— טוט, קינדערלעך, וואָס אייער האַרץ גלוסט!.. האָט איר כאָטשע אַביסעלע פרייד!...

— שעמסט דיך ניט, גאָלדע, אינזינען צו האָבן דיינע שטיק? ווען מען שלאָגט דיך, גייט דער טאַטע אויך שפּילן אין ניס? קום, זעץ דיך לעבן טאַטן.. — רעדט צו מיר דער טאַטע. — און דו, ריווקע, נישטער אַביסל ווייניקער אין קיך!.. זאָרג דיך נישט פאַר די בעטלער, באַרדאָעס מיינער!... שעם דיך!

איך שעם מיך טאַקע פאַרן טאַטן. איך שעם מיך אויך פאַר מיין שוועסטער פינקל. זי איז בעסער פון מיר, קליגער. דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט

איז זי לעבן טאַטן. זי שווייגט ווי אַ טויטע, אַזאַ שטילע, אַזאַ ווייסע, ווי אַ טויב. זי הערט זיך גוט צו וואָס מען רעדט אין שטוב. נעכאַמע מיט די קינדער גייען אַרויס און אַריין. זיי ריידן שטיל און סוידעסדיק. נעכאַמע זיצט אַפן זוים פון דער מאַמעס בעט און רופט זיך אָן צו מיין עלטערער שוועסטער:

— האָסט היינט געגעסן, פינקל?

די שוועסטער ענטפערט ניט און גייט אַרויס פון שלאָף־צימער אין זאַל אַריין. דער טאַטע רופט איר נאָך:

— גייסט שוין שלאָפן, פינקל?

— יאָ, טאַטע.

— פאַרוואָס עפּעס אָן אַ גוטע נאַכט, אָן עסן?

— גאָרנישט, טאַטע, פּאַשעט אַזוי...

— און דעם טאַטן זאָגט מען גאָרנישט? גרויסע טאָכטער מיינע!..

— דער טאַטע זוכט זיין טשופּרינקעלע פון פאָרנט באַם שטערן. ער געפינט עס ניט. דער דאָקטער האָט דאָס אַריינגעבונדן אין די בינדעס. אָן אומעט ציט זיך איבערן צימער. די מאַמע רופט זיך פּלוצים אָן:

— הערש, מיר מוזן פונדאַנען אַנטלויפן!.. מען וויל דיר אומברענגען... אונדז אַלע ווילן זיי אומברענגען... סיי ווי וועט דיך קיינער ניט פאַרשטיין... מען גלויבט דיר סיי ווי נישט... פאַר מיר דאַרפסטו דאָס טאָן... פינקל איז אַ שטיק זייד, אַ מאַלעד, — טוט די מאַמע אַ וווּנק מיט דער האַנט צום זאַל.

—פאַרוואָס עפּעס, ראַצע, זאָלן מיר פונדאַנען אַנטלויפן? ווען מיר האָבן שלעכטס געטאָן און באַ ווען מיר עפּעס צוגענומען? האָבן מיר עפּעס וועט אַ רועד אין זייערע טרייפענע הערצער, צוויאַקעס, פּראָצענטניקעס, גאָטס גאַנאָווים!... שטיקער וועט פליען פון זייערע שאָפענע קעפּ... נאָר זיך ניט אונטערגעבן! אַרויסווייזן פּאַכדאָנעם — אַ פייג! ניט באַ מיר, ראַצע!...

— וואָס זאָגט איר צו מיין אומגליק, נעכאַמע טייערע, ווי אַ מענטש וויל דאָס איבערמאַכן אַ וועלט!... אַ מענטש שאַפט זיך אַ וועלט מיט סאָנים און פאַר ווען? פאַר פרעמדע, פאַר אייזעק רעב יעקעלעס!..

באַ דער מאַמען גיסן זיך טרערן פון די אויגן און נעכאַמע רופט זיך אָן צום טאַטן:

— הערש, האָסט אַ ווייב מיט קינדער, ביזט זיי ניט ווערט! אַ ראַכמאָנעס אַף זיי, נעבעך!..

אַפן טאַטנס אַפּגעגעלטן פּאָנעם צעליגט זיך אַ ברייטער שמייכל, אַ קלוגער און אַ קראַנקער, וואָס שניידט זיך אַרום זיינע מויל־ווינקלען, ווי אַ שאַרפער אומברענגערישער ווייטיק. איך ליג לעבן מיין טאַטנס פּלייצע און כ׳הער ווי זיין האַרץ קלאַפּט. ווי קומט דאָס האַרץ צו דער פּלייצע?.. איך וואָלט מיך וועלן אָנעמען פאַרן טאַטן און אַרויסטרייבן נעכאַמען.

פארוואס טוט דאס ניט די מאמע?.. די מאמע שווייגט, נעכאמע רעדט ווייטער:

— איך קום דא אריין צוליב דער ראצעז דיינער, דיך האב איך פיינט!..

דער מאמעס אויגן ווערן גרעסער, טרוקענער:

— הערש, פארוואס שווייגסטו? מענטשן מעגן וויסן וואו דער פייגער ליגט באגראבן... נעכאמע וועט דיך יא פארשטיין.. טו דאס פאר די קינדער... ס'איז דאך מיידלעך!...

דער טאטע טוט א קליינעם הוסט. א סימן, אז ער האט אראפגעשלונגען א ווארט, א נישט ארויסגעזאגטס. איך קען שוין מיין טאטן. נעכאמע זיפצט בעניטעסדיק. איר ברייט נעגידיש פאנעם איז פארדייגעט:

— נעם דיר ניט צום הארצן, ראצע, ביזט א וואונדער, ניט קיין מענטש!... און דו הערש, באגייסט א גרויסן פעלער, ביזט א ביטערער אקשן, ווילסט דיך נישט איינפארשטיין מיט קיינעם...

דער טאטע זוכט ווידער דאס טשופרינקעלע אפן קאפ. ער רעדט אומרואיק:

— מענטשן זיינען בלינד, זיי זעען נישט די ערד אונטער זייערע פיס, זיי פילן זי נישט... דעם עמעס פארשטייען זיי אויך נישט, זיי ווילן נישט פארשטיין... איז מען אן אקשן! סע וועט קומען א צייט, נעכאמע, ווען מענטשן וועלן די אויגן עפענען, וועלן ניט זיין אזוי טעמפ.. איך וועל עס שוין נישט דערלעבן... מיינע קינדער — יא;.. דער גרונט פון דער זאך איז א ברייטער, א גרויסער, ס'איז שוין צו שרייבן אין א בוך, אבער ריידן — נאכוואס? אן ארויסגעווארפענע טירכע.

פאר נעכאמען האט טאקע דער טאטע גארנישט דערציילט, נאר פאר אונדז האט ער א סאך מאל דערציילט. אין די שאבעסדיקע אינדערפריען, ווען מיר זיינען נאך געלעגן אין די געלעגערס אדער געזעסן איינגעקלאמערט אינעם טאטנס פלייצע און אים נישט אפגעלאזט:

— דערצייל טאטע, ס'איז שיין... ס'איז טראווערדיק... נאר צום הארצן!...

און דער טאטע האט דערציילט א סאך מאל דאס אייגענע. נאר אלע מאל שענער און געשמאקער.

ח. — מיין טאטע דער בעקער - יונג, וואס קען קיין אולעם ניט ליידן...

דער טאטע איז פון בריטשאן. א קליין שטעטל אין בעסאראביע. טשארנאפוי רופט מען אים אפן נאמען פון דעם דערפל שערעמפעי, וואו זיין פאטער, דער זיידע כאים, איז געבוירן געווארן. אלע אונדזערע קרוווים רופט מען דערפאר די טשארנאפוים. דער זיידע כאים איז א איד מיט א

לאַנגער רוסיאַווער באָרד, ער איז „פּאָמאָטשניק“ פונעם קאַזיאָנע ראָוו אין בריטשאַן, אַ פרומער און אַן אָרנטלעכער. דער טאַטע האָט אים ליב, ער זאָגט וועגן אים, אַז „ער פירט נישט קיין פאַלשע ראָלע“. קיין פּאַרנאָסע האָט ער נישט געהאַט פון זיין „שטעלע“. די פּאַרנאָסע־געבערן איז געווען די באָבע פינקל. זי האָט געהאַלטן אַן אַכסאַניע. דער זיידע איז געזעסן און געלערנט. איר כאָלעם איז געווען איר מאַן זאָל ווערן ראָוו און אויך מיין טאַטע, איר עלצטער זון, זאָל לערנען אַף ראָוו. ביז אַכט יאָר האָט מיט אים געלערנט דער זיידע. דערנאָך האָט די באָבע געזאָגט, אַז באַם פאָטער האָט ער ס׳געגנאַר און האָט אים געשיקט אין כיידער, צו אַ געמאָרע־מעלאַמעד.

ווען מיין טאַטע איז ניין יאָר אַלט געוואָרן, איז די באָבע געשטאָרבן. דער טאַטע האָט געמוזט בלייבן אינדערהיים אַכטונג געבן אַף זיינע צוויי קלענערע ברידערלעך און אַ שוועסטערל, און ער לערנט ווידער באַם זיידן. נאָר דער זיידע האָט אינגיכן כאַסענע און ברענגט אַריין אין שטוב פאַר די קינדער אַ שלעכטע שטיף־מאַמע, אַ פּאַרזעסענע עלעגאַנטע מויד, אַ „גע־בולבעטע“ וואָס טראָגט ווייסע זיידענע קאָפּטעס, מיט גאָלדענע זאָפּינקעס אין די אַרבל. דער זיידע איז אין איר פאַרליבט און גיט איר אַלץ נאָך און מיין טאַטע מוז איר אַרויסהעלפן אין דער אַכסאַניע. זי האָט אים פיינט און ער האָט זי פיינט. זי שלאָגט אים און גיט אים קיין עסן ניט, דערנאָך פאַרקלאָגט זי אים פאַרן זיידן, אַז ער גאַנוועט ס׳עסן פון דער שאַפע.. שטייט דעם זיידן נישט אָן, וואָס זיין עלצטער זון איז קיין לייט נישט און ער שלאָגט אים אָן ראַכמאָנעס.

נאָך ערגער איז דעם טאַטן געוואָרן, ווען די שטיף־מאַמע האָט גע־בוירן אירן אַן אייגענעם זון, אַ שיינעם און אַ געראָטענעם. זי פאַרגעסט שוין אינגאַנצן אינעם זיידנס קינדער פונעם ערשטן ווייב און — דער זיידע אויך. דער טאַטע איז דער עלצטער און מוז פאַר זיי זאָרגן און זיין יונג האַרץ ווערט פול מיט פאַרדרוס, מיט נישט געשטילטע טיינעס. נאָר אין די באַנאַכטן, ווען זיין שטיף־מאַמע שלאָפט שוין, זעצט ער זיך צו צו די געסט, וואָס פאַרזיצן זיך באַ אַ שמועס, און ער דערוויסט זיך, אַז אַף דער וועלט זיינען פאַראַן רייכע און אָרימע, גליקלעכע און אומגליק־לעכע, אַזעלכע ווי ער, און ער טרייסט זיך, אַז ווען ער וועט זיין אַ גרויסער וועט ער אויך זיין אַזוי ווי די געסט, אַ רייזנדער, וואָס זעט אַ סאַך און ווייסט אַסאַך.

אין איינער אַ ווינטער־נאַכט, האָט אים די שטיף־מאַמע אַראָפּגעריסן פונעם געלעגער ער זאָל גיין אַריינברענגען האָלץ פון דעם פאָדער־הויז. ער איז מיד פון אַרבעט און ס׳איז אים קאַלט, אים גלוסט זיך נישט גיין. דע־מאָלסט שלעפּט אים די שטיף־מאַמע אַראָפּ פונעם געלעגער און שלאָגט אים׳ איבערן קאָפּ, איבער די הענט און איבער די פּיס.

— ווערסט גיין? דו גאַנעוו!..

— ניין! ביזט נישט מיין מאַמע!...

און זי האָט אים אַרויסגעוואָרפן אינעם פּאָדערהויז און האָט פאַרשלאָסן די טיר פאַר אים.

דער זיידע איז שוין באַם טילים. אינדרויסן שטייט אַ בלויער פאַרטאָג, ס׳שיט אַ גראָבער שניי. דער טאַטע שטייט אינעם הויל׳ן קינדערהעמדל, קלאַפּט אין דער טיר און וויינט. אַ צונויפגעדרייטער פון קעלט און פון פּאַכער, קריכט ער אַריין אין אַ ליידיקן פאַס פון וויין, וואָס שטייט אין פּאָדערהויז און זינגט דאָרט דורך טרערן.

אַ שאָכן האָט דערהערט זיין זינגען, איז ער אַריינגעקומען אין פּאָדערהויז און האָט אים אַרויסגעשלעפּט פונעם פאַס.

— הערשעלע, ווי קומסטו אַהער?

— מיין טאַטע האָט אַ נייע מאַמע, האָט זי מיך אַרויסגעוואָרפן...

און דעמאָלט איז מיין טאַטע געוואָרן אַ בעקער־יונג.

דער שאָכן האָט אים אָוועקגעפירט אין אַ טאָנטער בעקעריי אים אַנטוואָרימען, האָבן די בעקער־יונגען אַף אים ראַכמאָנעס געהאַט, געשאָנקען אַן אַלט ווינטערדיק לייבל מיט אַ פּאָר אַלטע שיך און אים אַרויפגעזעצט אַפן אויוון. ס׳אָנגעפּרוירענע, צעשלאָגענע לייב ברענט, שטעכט ווי מיט נאָדלען און אַ גרויסע שרעק ליגט באַ אים אין האַרצן: זיין טאַטע וועט אים קומען זוכן און וועט אים שלאָגן. אויך פאַר די בעקער־יונגען שרעקט ער זיך: העפקערדיקע מענטשן, מיט גראָבע רייד און קויטיקע שפּאַסערייען... באַלעבאַטישע מענטשן זאָגן אַפילע ניט אַזעלכן אַ גוט־מאָרגן.

באַטאָג קומט אַהין צו לויפן דער זיידע. ער קלאַפּט מיט זיין גראָבן שטעקן און שרייט:

— אַהיים, פונדאַנען, שייגעץ! פּערע אָדעם! וואוהין ביזט פאַרקראָכן?!

דעם זיידעס צעפלויגענע באָרד און פייעס, זיין בלייך־געוואָרן פּאָנעם, וואַרפן אַף אים אַן אַ שרעק: אָט דאָ קומט זיין סאָף... פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט אַהערברענגען?!...

איינער פון די בעקער־יונגען, יאָסעלע נענעס, מיט גרויסע הענט און פיס און מיט גרינע אויגן אונטער אַ טיפן שטערן, — וואָס שפּעטער מיט יאָרן האָב איך אים געזען באַ אונדז אין שטוב — האָט זיך צעשריגן אַף מיין זיידן:

— וואָס סקאַוואָטשעסטו, דו אַלטער באַלאַווירעניק? צוויאַק! ווער האָט דען דעם טאַכשעט דיינעם אַהער גערופן! ווי לאָזט מען עס אַ קינד אַף העפקער, צוליב אַן אַלטער פּעל דאָרטן!.. אַ שמאַטע ביזטו, נישט קיין טאַטע!...

און אַ שפּיי געטאָן דעם זיידן פאַר די פיס און זיך אָוועקגעדרייט אַן אַ זייט.

דער טאַטע האָט אויפגעשווידערט. ווי מעג מען עס, אַזעלכע מיעסע ווערטער, צו אַן אַלטן אידן, צו זיין טאַטן, דעם קאַזיאָנע פיד־ראַבינער!...

און דער זיידע איז אַנטלאָפן, פון די גראָבע בעקערישע רייד און פון זיין [illegible] דעם פאַריאַסעמטן.

דער טאַטע וויינט. אים דאַכט זיך, אַז זיין מאַמע, די פרומע מיט דעם ווייסן פּאַנעם און מיט די שטילע בענימעסדיקע שטראַף־רייד, גלעט אים מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן אירע: — וואָס האָסטו געטון קאַדיש מייַנער!.. פאַרוואָס קומט דאָס מיר!...

, דאָס גלעט גאָר יאָסעלע נעבן דעם טאַטנס קאָפּ און מיט זיין גראָבער באַס־שטימע פרעגט ער אים:

— ווילסט בלייבן מיט אונדז, דו קליינער מאַמזער? צי דו ווילסט גיין אַהיים צום טאַטן, דעם פרומאַק?...

מיין טאַטע האָט מוירע אַפּצוזאָגן, זיי קענען אים נאָך אויספּאַטשן.. און קעגן זיין ווילן, רופט ער זיך אָן:

— כ'וויל זיין דאָ!...

הער דיך איין, דו קליינער שעד! אויב דו האָסט פאַר אונדז מוירע, גיי דיר אַהיים. בעסער דער ערשטער רויגעז... ציטערסט, ווי צווישן וועלף. ווי פאַר נישט גוטע.. נאָר האַרץ וועסטו געפינען דאָ, נישט באַ דיינע פיינע לייט.

דער באַלעבאָס פון דער בעקעריי, אַן איידעלער איד, וואָס דאַוונט אַלע טאָג און האָט אַ מייער באַל האַנעם פושקע איבערן ווייבס בעט, האָט אויך ראַכמאָנעס אַף מיין טאַטן און לאָזט אים שלאָפן אַפן אויוון צווישן די בעקער־יונגען.

פאַר דעם בעסעד, מוז דער טאַטע פאַרוויגן דער באַלעבאָסטעס קינד, קנייטן לים אַף צו שמירן די ערד, אָנטראָגן וואַסער און צעטראָגן דאָס געבעקס צו די קוינים. קיין געצאָלט באַקומט ער ניט. קיין עסן אויך ניט. אַביסל מילך גיט מען אים מיט איינגעווייקטן ברויט אָדער אַ שטיק מאַלאַי, קוכן פון קוקורוזע־מעל.

ס'עסן גייט אים נישט איין, אַפילע נישט דאָס עסן וואָס די בעקער־יונגען רוקן אים אונטער, ער קלערט פון זיינע ברידערלעך און פון זיין שוועסטערל, ער וויל זיי העלפן. כאַפּט ער זיך אַרויס אין גאַס און צעטראָגט באַ אַן אַנדער בעקער ברויט און בייגל. צוויי קאָפּיקעס נעמט ער פאַר אָפּטראָגן אַ זאַק מיט ברויט. וואָס מער מיט אַ זאַק, מער צוויי קאָפּיקעס פאַר זיינע ברידערלעך מיט דעם שוועסטערל....

דער טאַטע האָט שוין אַ פּאָר אייגענע שיך אַף די פיס און אַ פּאַרוסינען רעקל מיט הויזן. ער איז גליקלעך, שטאַרק און דערהויבן באַ זיך. ער פרוווט שוין אויך זאָגן אַ וואָרט אַן אייגנס. די בעקער־יונגען האָבן שטאַרק פיינט זייערע באַלעבאָטים. ערשטנס, פאַר די גראָשנס וואָס זיי צאָלן און צווייטנס פאַר זשאַלעווען דעם ביסן. גאַנווענען זיי דערפאַר אַרויס די פּאַסטראָמע פונעם פרימעסט און אַ פעטע הון פון דער שטייג אַרויס. די באַלעבאָסטע שעלט זיך און באַקומט אַזש די נעכפּע. מאָרגן ווידער דאָס אייגענע. דער בעקער־יונג נעמט נעקאָמע... איצט, עסט שוין ניט דער טאַטע פון די גענאַנוועטע זאַכן, ער האָט שוין זיין אייגן פאַרדינסט... די מאַמע

זיינע שטייט אים קעסיידער פאר די אויגן: „הערשעלע, קאדיש מיינער, פארשעם ניט די מאמע אינעם קייווער...

ער פארשעמט זי טאקע ניט. ער זאגט נאך איר קאדיש ווען ער האט יארצייט און טראגט ליכט אין שיל אריין. די בעקער־יונגען האבן אים ליב, זיי לערנען אים ס'פאך. כוצדעם, קען דער טאטע שיין זינגען. אלע טאג און אפילע אין די נעכט, מוז ער פאר זיי זינגען לידער. און יאסעלע נענעם איז פאר אים די קאפארע, ער שטעלט אים אונטער א קעסטל אונטער די פיס און דער טאטע באקט שוין בייגל.

ער וויל אבער געלט פאר זיין ארבעט.... נאך אין דער אכסאניע בא דער שטיף־מאמען האט ער געהערט, אז אין אדעס און אין קיעוו, איז אן ארבעטער אויך א מענטש און נעמט גענוג געלט פאר זיין ארבעט... ער, דער טאטע, איז שוין אויך א מענטש, ער האט שוין א מעלאכע, ער וויל מען זאל אים צאלן...

נאר די באלעבאטים שרייען אף אים:

— אט דערפאר גיט מען דיר פרעסן ווי א ביק, א ווארים געלעגער?...

היימלאזע באכערים, שקאצים, טעמפע און פארלוירענע מענטשן, וואלגערן זיך ארום צווישן די בעקערייען. ווינטער זיינען זיי פאראן גאר אסאך. אפגעריסענע און בארעוועסע, וואלגערן זיי זיך אף די בעקערישע אויוונס, האקן אן האלץ, ברענגען וואסער, טראגן די זעק מיט מעל, אפילע קנעטן שטעלט מען זיי, נאר זיי טוען עס אן קענטעניש און אן ווילן. קומט אן די וועסנע, ווען די ערשטע זומער־שוואלב באוויזט זיך, פליען אוועק די אומזיסטע בעקער־ארבעטער, קיינער ווייסט ניט וואו זיי זיינען אהינגעקומען, ביז צום אנדערן ווינטער... און אז די אומזיסטע ארבעטער ווערן נעלעם, ווערט דער היימישער בעקער־יונג, דער איינגעזעסענער באלמעלאכע וואס האט ווייב און קינדער, ווידער א יאכסן. זיי מאנען א הויסאפע, מער מיט א ברויט אף דער וואך און מער מיט א קוילעטש אף שאבעס...

דער טאטע קען נישט ווארטן ביז וועסנע. גאנצע טעג שטייט ער פאר די הורטאוונע קלייטן און נעמט איבער די דארפישע אידן וואס דארפן ברויט מיט בייגל. ער פארדינט מעקלעריי פון צוטראגן די זעק מיט ברויט. די בעקער־יונגען לאזן אים ניט באליידיקן, א האנט אף אים ארויפלייגן. זיי נעמען אים מיט אין די שענקען, אין די קארטן־שטיבלעך. דער טאטע האט זיי אויך ליב. א בעקער־יונג איז נישט קיין צוויאק, נישט קיין גראשנדיקע נעשאמע.. ביזטו צו אים ערליך, וועט ער דיר די נעשאמע פון זיך אוועקגעבן, פארקערט, נארסטו אים אפ, מעגסטו פייגערן ווי א הונט אף דער גאס, וויל ער פון דיר נישט וויסן... ער האט פיינט א ליגנער און א מאסער... זיי האבן ליב דעם טאטן אויך דערפאר וואס ער היט אפ דעם יארצייט פון זיין מאמען. בא די רויע און פראסטע מענטשן שטעלן זיך טרערן אין די אויגן ווען דער טאטע טראגט אוועק די ליכט אין שיל אריין...

איינמאל נאר איז דער טאטע געשטרויכלט געווארן פון א גראבער

בעקערישער האַנט, און טאַקע פון יאָסעלע נענעם. ער איז אַ בייזער, דער יאָסעלע, און האָט נישט ליב, אַז מען זאָגט אים אָפּ. ער איז דער „גאָט" פון די בעקער־יונגען. דער טאַטע מוז אים צוטראַכטן לידלעך און זינגען. איין מאָל איז אַ באַנאַכט האָט דער טאַטע זיך אָפּגעזאָגט צו זינגען, ער איז מיד, האָט יאָסעלע געכאַפּט אַ גרויסע שקראַבישקע, אַן אייזן, וואָס מען שאַבט דערמיט אָפּ דאָס טייג פון די קאַריטעס, און זי אים געוואָרפן און אויפגעשניטן בײַ אים די רעכטע ליטקע.

יאָסעלע האָט באַלד כאַראַטע געהאַט. ער האָט געכאַפּט דעם טאַטן און אַוועקגעטראָגן צום פעלדשער, האָט געקאָכט פאַר אים יאַכלעך פון יונגע הינדלעך. נאָר דער טאַטע האָט שוין מוירע פאַר אים. ער האָט מוירע פאַר זיין אומגעצוימטן קאַס און פאַר זיין אומגעצוימטער געטריישאַפט. יאָסעלע מערקט דאָס און וויל צוריקגעווינען דעם טאַטנס צוטרוי.

— הערש, — רופט ער זיך איינמאָל אָן צום טאַטן — זאָל איך אַוועקלאַקכענען דער באַלעבאַטעס טשאָלנט פונעם אויוון, צי זאָל איך פרעסן קרענק מיט קאַדאַכעס און נישט גאַנווענען...

דער טאַטע איז צופרידן, וואָס יאָסעלע פרעגט אים אַזאַ אייצע און ער גיט אים צו פאַרשטיין.

— איך אָף דיין אָרט וואָלט דעם טשאָלנט נישט געגאַנוועט. מען ווערט פון אים נישט געהאָלפן. מיר שטייט נישט אָן מען זאָל מיך היטן און קוקן אָף מיר ווי אָף אַ באָד־יונג. מאַן באַ זיי נאָך אַ פּאָר קערבלעך אָפן זמאַן, וועסטו נישט דאַרפן גאַנווענען ס׳עסן...

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט האָט יאָסעלע צעבלאָזן דעם טאַטנס ווערטער צווישן אַלע בעקער־יונגען. זיי האָבן געוואָרפן די אַרבעט און געמאַנט אַ העכערונג. די באַלעבאַטים האָבן געדונגען גאָים זיי זאָלן שלאָגן די בעקער־יונגען, יאָסעלע האָט געסטראַשעט מיט אונטערצינדן די בעקערייען, די גאַנצע שטאָט... מען האָט אים גערופן צום ראַוו, צו פיינע אידן, נאָר יאָסעלע טיינעט זיינס: „מירן אייך די קישקעס אַרויסלאָזן, די שטיבער אונטערצינדן, מיט די ווייבער און קינד׳ער... און די בעקער־יונגען האָט ער געוואָרנט: ווער ס׳ע גיט זיך אונטער, ווער ס׳ע פאַרכאַפּט עמיצנס פּלאַץ, ווערט ער דערשטאָכן ווי אַ הונט!...

אין שטאָט ראַעשט זיך, מען רעדט פון די בעקער־יונגען, די גאַזלאָנים, וואָס ווילן נעמען געלט אומזיסט און אומגישט, און פון דעם פּיד־ראַבינערס זינדל, דעם בונטאַוושיק, יאָסעלעס רעכטע האַנט... און צווישן די בעקער־יונגען שיינט דער נאָמען זיינער: ער וואַקסט אַ יונג אַ כוואַט! אַ מענטש מיט כאַראַקטער!

נאָך דעמאָלט, ווען דער טאַטע פלעגט צעטראָגן ברויט און בייגל פון די בעקערייען, האָט ער זיך אויסגעצייכנט פון אַנדערע לערן־אינגלעך. עס איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך, אַז אַ לערן־אינגל זאָל פאַרשפּילן דאָס איינגעמאַנטע געלט, ער האָט דאָס געלט פאַרלוירן, די קעשענע איז באַ אים צעריסן. די באַלעבאַסטע זוכט אַרום באַם אינגל אין די קעשענעס, פּאַטשט

אים אויס, גיט אים מער קיין סכוירע נישט, ווערן די אינגלעך פארבי־טערט, האסן די באלעבאטים און גאנווענען טאקע. מען גאנוועט צו א לײדיקן זאק, א לעפל, א מעסער און באנאכט טראגט מען ארויס א סלעץ מעל... בעקער־יונגען נעמען נעקאמע דערמיט, וואס זיי לאזן איבערזיצן ס'ברויט אין אויוון אדער איבערגיין די ראשטשינעס אין די מולטערס...

דער טאטע האט אויך פיינט געהאט די באלעבאטים, נאר קיין שאדנס האט ער זיי נישט געטאן. ער וויל ווערן א גוטער ארבעטער און מאנען וואס אים קומט... יאסעלע נענעס איז שוין נישטא אין בריטשאן, נאר די בעקער־יונגען בונטעווען זיך ווייטער. זיי ווילן שוין נישט קיין טיי מיט ברויט אף וועטשערע, זיי ווילן געקעכטס... און שולדיק אין אלץ איז דער טאטע, זאגן די באלעבאטים, ער בונטעוועט די בעקער־יונגען, ער פירט זיי איבער, און זיי ווילן אים דעריבער נישט צולאזן צו דער ארבעט... דער־מאלט פלאקערט אויף באם טאטן אין הארצן א שטארק נעקאמע־געפיל, א גרויסע אמביציע אנצולערנען די בעקערס.

ער גייט ארײַן ארבעטן צום טערק, אין דער טערקישער בעקעריי פאר א טרעגער־אינגל. באם טערק ארבעטן זיינע פלימעניקעס. זיי ארבעטן אן געלט, דער פעטער זאגט זיי צו יערושע, ווארטן זיי דער פעטער זייערער, דער אלטער איזמאעל, זאל שטארבן און די בעקעריי זאל ווערן זייערע... דערווייל אבער, היטן זיי נישט די ארבעט און דאס געבעקס זייערס האט נישט קיין גוטן נאמען. עס פארקויפט זיך שווער. פויעלט בא זיי דער טאטע זיי זאלן אים צולאזן צום אויוון, זיך לערנען. און ניט נאר האט ער זיך אויסגעלערנט דאס פאך, נאר ער האט געשטעלט די בעקעריי אף די פיס. די בעקעריי האט באקומען א סאך קוינים, גאים און אידן, און דער באלעבאס מאכט אים פארן ערשטן ארבעטער.

דעם טערקס פלימעניקעס געפעלט עס נישט, זיי זוכן זיך צו אים, ווילן אים אפסאמען, פארטרייבן, נאר דער טאטע מאכט זיך דערפון נישט וויסנ־דיק און פארקערט, איז מיט זיי גוטברודער, טיילט זיי פאפיראסן און הויבט זיי אן אויפקלערן, אז אומזיסטע ארבעט טויג נישט און ווארטן אף יערושע איז קיין פלאן נישט, זיי זאלן בעטן באם פעטער געצאלטס. דער פעטער וויל דערפון נישט הערן און באם טערק ווערט א „סטאטשקע”. ס'איז געווען דאס ערשטע מאל וואס אין בריטשאן האט מען געהערט דאס דאזיקע ווארט, וואס האט שוין באטייט נישט ווילדן בונט און געשלעג, נאר ארגאניזירטן שטרייק. און דעמאלט האט מען אנגעהויבן קוקן אפן טאטן גאר אנדערש, מיט מוירע אבער אויך מיט דערעכערעץ. אפילע איז־מאעל דער טערק, דעם טאטנס באלעבאס, וואס האט געמוזט נאכגעבן די פאדערונגען פון זיינע פלימעניקעס די „סטאטשעטשניקעס”, די „זאבאס־טאווטשיקעס”, האט מוידע געווען, אז דער טאטע איז געווען גערעכט. זיינע פלימעניקעס האבן אויפגעהערט גאנווענען, קוקן נישט מער ארויס אף זיין טויט און טראגן נישט מער קיין מעסערס אין די אויגן, ווען ער גייט ארײַן אין בעקעריי.

דער זיידע כייעם נאָר קען אים נישט מוחל זיין און וויל פון אים נישט וויסן. ער איז שוין לאַנג אַפּגעזעסן שיווע נאָך זיין זון. פונדעסט־וועגן שיקט ער אים נישט צוריק דאָס זילבערנע קערבל, וואָס דער זון שיקט אַריין יעדן דאַנערשטיק מיט זיין קלענערן ברידערל. ווען דער טאַטע שטעלט זיך איין און קומט צו אים אין שטוב אַריין, נעמט ער אים אויף קאַלט און גיט אים אַנצוהערן, אַז ער שעמט זיך מיט אים, מיט דעם זון דעם בעקער־יונג...

דער טאַטע וויל צוליב טאָן דעם זיידן און באַשליסט אַוועקצופאָרן פון בריטשאַן. ער וועט אַוועק אין דער גרויסער וועלט, קיין קיעוו, קיין אָדעס... איזמאַעל, דער בעקער, האָט אים נישט געוואָלט אַפּלאָזן. צום סאָף האָט ער בּאַ אים געפּויעלט ער זאָל פאָרן קיין יעדינעץ, צו זיין אינגערן ברודער מאַכמעד, וואָס דאַרף אַ גוטן אַרבעטער.

און דאָ הויבט זיך אָן פאַרן טאַטן אַ נייער קאַמף מיט נייע מענטשן, מיט מאַכמעדס קאָנקורענטן.

מאַכמעד פלעגט קויפן מעל בּאַ זיינעם אַ אידישן שאָכן, אַ רייכן מעל־סויכער, וואָס האָט אויך געהאַלטן אַ בעקעריי. נאָר בּאַם אידן פלעגט דאָס ברויט זיין געראָטן און בּאַם טערק נישט. דעם סויכערס וויַיב, ברײַנדל, פלעגט זאָגן, אַז מיסטאָמע טויגן זיינע אַרבעטער אָף קאַפּאָרעס, זיי טוען אים צולאָכעס. איצט האָט מאַכמעד טיינעס צום טאַטן, אַז ער איז פּונקט אַזאַ טויגעניכטס ווי יענע....

— גיב מיר גוט מעל — זאָגט צו אים דער טאַטע — וועסטו האָבן גוט געבעקס — אַז ניט פאַר איך שוין אַוועק פונדאַנען...

און מאַכמעד האָט איבערגעגעבן די זאַך אַפּן טאַטן. — קויף מעל וואו דו ווילסט, נאָר גיב מיר גוט געבעקס...

אַזוי איז געווען. דער טאַטע איז אַוועק צו אַן אַנדער מעל־שענקער און האָט מיט אים געשלאָסן אַ קאָנטראַקט אָף אַ יאָר צייט, נאָך פאַר ביליקער, און דאָס טערקישע געבעקס באַקומט אַ נאָמען, מאַכמעדס זעמ־לען, זיינע סדאָבנעס און קוילעטשן נעמען אָפּ די שטאָט... דער טאַטע הייסט אים העכערן דאָס געהאַלט די אַרבעטער און ער פאָלגט אים...

ברײַנדל ברענט פון צאָרן: אַנגעוואָרן אַ קוינע אָף מעל און אויך די קוינים אָף ברויט צעלויפן זיך... ער מאַכט אומגליקלעך אידן, דער ברי־טשאַנער בעקער־יונג, אירע בעקער־יונגען ווילן אויך אַ העכערונג...

אַלעמאָל קומט מען פון פּאָליציע אַרעסטירן דעם טאַטן, ברײַנדל האָט אים פאַרמאַסערט בּאַם פּריסטאַוו אַז ער איז אַ בונטאָווטשיק, נאָר מאַכ־מעד איז גוטברודער מיטן פּריסטאַוו און דער פּריסטאַוו באַפרייט אים. אַז ס'העלפט ניט דער פּריסטאַוו, גייט זי צו קאַהאַל; געקומען אַ בעקער־יונג פון בריטשאַן, אַ מעשומעד, וואָס האָט זיך אונטערגענומען ברעכן אידן פון ברויט... לויפט ברײַנדל מיט אַ מאַכנע אידן, פאַשעטע אידן, וואָס זי האָט געפונען אין שיל בּאַם טילים־זאָגן, צום ראָוו...

— סטייטש, ווי איז עס געהערט געוואָרן, אַ איד אַ מעשומעד האָדעוועט אַ שטאָט מיט טרייפענעם געבעקס!...

איז דער טאַטע אַוועק צום ראָוו און אַרויסגענומען בײַ אים אַ העכער אַפּן טערקישן געבעקס. דער ראָוו קוקט אַ פּאָר מאָל אין וואָד אין דער בעקעריי און זאָגט ס'איז קאָשער... דער ראָוו האָט דערפון אָז האַכנאָסע, נאָר ס'איז קעדאַי, די בעקעריי וואַקסט.

דער טאַטע האָט סאָנים, אָבער אויך גוטע ברידער קלעפּן צו אים, מען קען זיך לעבן אים פּאָזשיווען... כאַפּן זיי איינמאָל אַ קאַצאַפּ, וואָס האָט זיך געקליבן שלאָגן דעם טאַטן און זיי ברעכן אים די ביינער אַזוי לאַנג ביז ער זאָגט אויס, אַז ברײַנדל האָט אים צוגעזאָגט גוט באַצאָלן...

איינמאָל קומט צו מאַכמעד צום טאַטן און זאָגט צו אים:

— הערשקע, ווען איך קום אָן און טרעף דיך מיט ביידע הענט בײַ מיר אין טישקעסטל, וואָלט איך געזאָגט, אַז נישט דו ביסט עס. גאַנצע דריי יאָר האָב איך דיך געהיט ווי מען היט אַ גאַנעוו. מיר האָבן דיר אונטערגעשטעלט אַ טישקעסטל מיט געלט באַם געלעגער און ס'האָט קיין גראָשן נישט געפעלט. מיר האָבן איבערגעוואויגן די זעקלעך מעל, וואָס דו האָסט געקויפט. מיר זיינען צו דיר אומגערעכט. די אויערן האָבן מיר דיר געדעכנט אַפּצושניידן. אַלץ דיינע אידן, זיי רוען נישט, ברײַנדל קומט אַלעמאָל דערציילן וועגן דיר דאָס ערגסטע... וויל איך דיר דערפאַר געבן אַ שיינע מאַטאָנע....

דער טאַטע וויל נישט קיין מאַטאָנעס, ער בעט נאָר ער זאָל אים דערלויבן ברענגען זיינע צוויי קלענערע ברידערלעך, ער וויל פון זיי מאַכן אַ לייט, מאַכן זיי פּאַר אַרבעטער...

נאָר די אַרבעט איז נישט לייכט און דעם טאַטנס ברידערלעך זיינען געוואוינט צו זאָגן ליגן און צו גאַנוועגען דעם ביסן און קיין מאַמען האָבן זיי נישט און דער פרומער טאַטע זייערער האָט זיי געלאָזט אַף העפקער. פאַרשוואַרצן זיי דעם טאַטן דאָס פּאָנעם און גאַנוועגען. אַ גאַנץ היטל צוקער האָבן זיי איינמאָל אַרויסגעטראָגן פון מאַכמעדס „באַרטשעווניע" און אַ פּעקל הייוון. איז אַ באַנאַכט זיינען דעם טאַטנס ברידערלעך איינייגעם מיט מאַכמעדס צוויי פּלימעניקלעך נעלעם געוואָרן פון דער בעקעריי, איז דער טאַטע אַוועק זיי זוכן און האָט זיי געטראָפן אַריבערוואָרפן אַ זאַק מעל צו ברײַנדלען אין הויף אַריין... ער רופט אַרויס מאַכמעדן: וואָס פאַר אַ שטראָף גיט מען זיי?...

— ווען האָסטו פאַרמאַסערט, הערשקע?!..

— איך האָב זיי נישט געמאַסערט — זאָגט דער טאַטע — איך האָב זיי געראַטעוועט.

דער טאַטע האָט פאַרשפּאַרט זיינע ברידער אין אַ פינצטערן קאַמער און לאָזט צו זיי נישט צו קיין עסן און טרינקען. ס'העלפט נישט מאַכמעדס בעטן, ביז דער טאַטע ווערט געבראָכן פון ווייטיק און ראַכמאָנעס צו זיי.

די שלעכטע געוואוינהייטן פון זיינע ברידערלעך איז מיין טאַטע ביי־

געקומען, נאָר נישט דעם האַס פון די אידישע בעקער און דעריקער פון דער קרומער בריינדל. זי הערט נישט אויף מאַסערן מיין טאַטן צו דער פּאָליציי, אונטערשיקן ווייבער גאַבעטעס צו מיין מאַמען בעטן פאַר דער אָרימער בריינדל נעבעך, זי שיקט פּראָשעניעס אין דער גובערנסקע שטאַט, נאָר די פּאָליציי קען שוין דעם טאַטן און קען שוין בריינדלען און זיי לאַכן נאָר: וואַשי יעווריעי, סוקיני סיני!...

איצט, בעיס דעם לעצטן געשלעג, איז מאַכמעד אין טערקיי. בריינדל איז ווידער געוואָרן אַן איינגייערן אין מאַכמעדס בעקעריי און זי רעדט איין זיינע פּלימעניקעס, אַז מיין טאַטע וויל בלייבן דער באַלעבאָס פון מאַכמעדס בעקעריי...

די פּלימעניקעס האָבן זיך געלאָזט איינריידן און זיי פאָדערן פון אים ער זאָל אוועק פון דער בעקעריי. אַן מאַכמעדן, זאָגט דער טאַטע, וועט ער נישט אוועקגיין. האָבן זיי גדעונגען קאַצאַפּעס זיי זאָלן שלאָגן דעם טאַטן. די קאַצאַפּעס שלאָגן אים און אידן לאַכן. זיי דערלעבן זיך אַ נעקאָמע...

נאָר אויסגעפּירט האָט דער טאַטע, נישט בריינדל. דריי טעג נאָכן געשלעג האָט מען אים ווידער גערופן צו דער אַרבעט. אין די הייסע אויגן באַ אים טוקט זיך אַ שאַרף פּייערל, אַ קראַנקס, ער איז קעסיידער אויפגערייצט. מיט מיר רעדט ער קיין וואָרט נישט. מען זעט אים ווייניק אין דער היים.

ט. — אַ שאַבעס אַזאַ

אין די פרייטיק-צונאַכטסן קומט דער טאַטע אַהיים פרי, אַ שטילער, אַ פאַרקלערטער. אין שול אַריין, צו קאַבאָלעס שאַבעס, גייט ער נישט. זיין „לכו נרננה", ווי זיין קידעש און זיין „כל מקדש", באַ וועלכע ער פלעגט פריער אַרויסווייזן זיין קאָל נעגינע, זיינען איצט שטילע, ברומענדיקע, דערשטיקטע...

די מאַמע איז שוין גאָר שטיל, נאָר אירע גרויסע אויגן ריידן. זיי פאָלגן נאָך דעם טאַטנס טריט, זיינע באַוועגונגען, זיין נישט ניכעדיקן זינגען.

— וואָס וועט זיין? — רופט זי זיך אָן — לאָמיר אוועק פונדאַנען. מיר האָבן קינדער — מיידלעך!..

מיר איז שווער אַזאַ לעבן. אין שטוב איז טאָמיד טרויעריק. נעכאַמעס קינדער קומען צו אונדז נישט. די מאַמע מיידט זיי אויס, לאָזט אונדז ניט גיין צו זיי. אַפילע אַף נעבאַמעס גאַניק לאָזט זי אונדז נישט שפּילן זיך. מיר גייען אינגאַנצן נישט אַפן גאַניק. די מאַמע לאָזט אונדז נישט.

ס'איז היים, די זון ברענט און די גאַלערייע טרוקנט, זי קנאַקט. אונדזער דינסט היצעלע פּראַכט ווי אַ פּעטע גאַנדז. אין די אָפּדערנאַכטן נאָר גייען מיר אַלע אַרויס צום וואַלד, צו די ווערבעס, צום טייך. די מאַמע

זעצט זיך אַפן בערגל באַם טייך און פאַרטראַכט זיך. זי שלינגט מיט די אויגן דאָס וואַסער, וואָס שטייט דאַכט זיך. אויך אַ שטילס און אַ זילבערנס.

אַ לייכט ווינטל צעוויגט די כוואַליעס. מיר ווערט אומהיימלעך. דער מאַמען — נישט. זי זאָגט אַז די ביימער האָבן נעשאָמעס, זיי גיבן דעם מענטשן טרייסט. דער טייך אויך, מען קען פאַר אים אויסדערציילן ס׳ביי־טערע האַרץ. איך קען ניט צוזען דער מאַמעס אויגן, זיי ציען זיך דאַכט זיך צום וואַסער. מיר קלאַפּט דאָס האַרץ, איך ווייס נישט פאַרוואָס. מיין עלטערע שוועסטער פינקל זיצט טאָמיד נעבן דער מאַמען. זי האַלט זי אונטער דער רעכטער האַנט און שווייגט. מיין שוועסטער ריווקע זאָגט מיר:

דאָ, אין דער שטיל, איז בעסער ווי אין גאַס. דאָרטן טשעפּען אונדז די קינדער, זיי שרייען אַז דער טאַטע גאַנוועט מעל באַם טערק און דערפאַר זיינען מיר רייך...

מיר טוט באַנג נאָך יענע גליקלעכע טעג ווען דער טאַטע איז געלעגן אין בעט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. עס פלעגן קומען אַסאַך בעקער־אַרבע־טער, מיך נעמען אַף די הענט און מיר געבן אַ קאָפּיקע אָדער אַ פירער אַף נאַשוואַרג. דער טאַטע און די מאַמע האָבן מיר ליב געהאַט...

נאָר לאַנג דויערט נישט און עס קומט נייע פרייד און... נייע שרעק.

אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט. אידן מיט צעפּאַרעטע בערד לויפן פון דער באָד, ווייבער לויפן אַהיים מיט קוישלעך שאַבעס אויבס, מיט געפּראַזשעטע קערלעך. אויסגעצוואָגענע און אויסגעפּוצטע מיידלעך שפּאַצירן שוין אַפן מיטן וועג מיט שקאַרמיצלעך קערלעך אין די הענט. אַ האַלבע לעוואָנע, אַ ווייסע, קוקט אַראָפּ פונעם הימל, וואָס גליט איבערן באַרג. זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר פרי. אַ קוק טאָן אַפּאָנעם ווי אידן נעמען אויף דעם שאַבעס אין יעדינעץ. און אָט רייסט זיך טאַקע אַ לאַנגער איך דעם גאָרגל: „אידן גייט אין שול אַריין!״

קומט צולויפן היצעלע, אַ צעשיינטע, אַ צעפּלאָמטע און אַ פאַרסאָפּע־טע, מיט אַ קוישל עפּל און אַ טאָרבע הייסע קערלעך, וואָס דער טאַטע האָט אַהיימגעשיקט פון דער בעקעריי און אין איין האַנט האַלט זי אַ גרויסן בוטל, אַן איינגעמויערטן אין אַ געפלאָכטענעם קוישל:

— מאַכמעד האָט געבראַכט פאַר אייך, אָט די פלאַש...

די מאַמע שטייט באַם שאַבעסדיקן טיש מיט די אָנגעצונדענע בענטש־ליכט. זי ציט אָפּ דעם אָטעם:

— וואָס רעדסטו, היצעלע?!

עס קומט אָן דער טאַטע. די מאַמע שטעלט אָן אַף אים אַ צערודערטן פּאָנעם און דערשטוינטע אויגן.

— הערש, ווי איז דאָס מעגלעך? אַזוי גיך?

— איך האָב אים טעלעגראַפירט, באַלד נאָכן געשלעג. צוליב דיר, צוליב די קינדער, האָב איך געדענקט אַוועקצופאָרן פונדאַנען. נאָר מאַכ־

מעד לאָזט וועגן דעם אַפילע אַ וואָרט נישט פאַלן. ער וויל גאָר מיר זאָלן עפענען אַן אייגענע בעקעריי לעבן אים....

די מאַמע טוט אַ שפּאַן אַף צוריק ווי זי וואָלט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט.

— הערש, דו פליסט שוין ווידער אין די הימלען?!

— צעדריי מיר ניט די גילדיע, ראַצע, וועסטו הערן וואָס נאָך מאַכמעד וויל טאָן מיט מיר. ער זאָגט, אַז אויב איך וויל, שיקט ער מיך אַוועק קיין טערקיי, איך זאָל דאָרטן ווערן אַן אויפזעער איבער זיינע גיטער... פונדאָרטן קענען מיר אַריבערפאָרן קיין ערעץ איסראָעל... דו ווילסט זיין אין ערעץ איסראָעל?.... דאָרט קאָכט מען אַ באָרשט פון מאַראַנצן מיט פייגן און מיט טייטלען... קאַרטאָפליעס זעט מען דאָרט אַפילע פאַר די אויגן נישט....

אַף דער מאַמעס שאַבעסדיקן פּאָנעם צעגיסט זיך אַ וואַרימע פרייד. זי טוט אַ קוק אַף די שאַבעסדיקע ליכט, אַף דעם ווייס געדעקטן טיש און רעדט מיט גרויסע פאַרבידעשטע אויגן:

— הערש, שטעל דיר פאָר אַ שאַבעס אינעם הייליקן לאַנד! דאָרטן רוט די שכינע, די הייליקע אָוועס אַווראָם, איצכאָק און יאַנקעוו — פאַלט זי אַריין אינעם טאָן פון דעם שאַבעסצונאַכטיקן „גאָט פון אַוורָאָם" — און פון די אימאָעס סאָרע, ריווקע, ראָכל, לייע — רעכנט זי אויס די הייליקע מוטערס, וואָס זי האַלט זיי פאַר די אויגן באַם ליכט־בענטשן... — איך בין דיר מויכל די קאַרטאָפליעס, זאָל זיין מאַראַנצן!... אָבער אין טערקיי, וואָס וועל איך טאָן?... טאָמער פעלט מיר נאָך אַ פוירהעננגל אויפהענגען אַפן פּאָנעם!... באַהיט זאָל מען ווערן!.. וועסט נאָך דאָרטן איינפירן אַ האַרעם באַ זיך, מיט זיבן ווייבער... — פאַרענדיקט זי מיט אַ שפּאַס. — דו הערסט, הערש, וואָס איך וועל דיר זאָגן — בייט זי איבער דעם טאָן — דאָס בעסטע וואָלט געווען צוריק אין דאָרף אַריין צו אונדז... אַלע גאָיִם קענען מיך דאָרטן, די שטיינער פון דער ערד קענען מיך! אַן איינפאָרהויז וואָלטן מיר דאָרטן געמאַכט, אַ גאָלדן לעבן וועלן מיר האָבן!... זאָל זיך דיר דאַכטן מאַכמעד איז געשטאָרבן, אַריין אין דער ערד...

דער טאַטע שלינגט אַראָפּ די סלינע און ענטפערט אומרואיק און ניט ניכעדיק:

— פאַרוואָס עפעס צוליב טאָן די סאָנים? די צוויאַקעס, די דושעהובניקעס! אַ רועד איז זייערע טרייפענע הערצער אַריין!

דער מאַמעס שאַבעסדיקע פּאָנעם פאַרלירט די הייטערקייט, די מענוכע.

— הערש, שטענדיק וועלן מיר שוין פירן אַזאַ לעבן, נישט ווי באַ לייטן?...

— און באַ אונדז, ראַצע, איז דען נישט ווי באַ לייטן? אַדעראַבע, ווער איז שולדיק? — רעדט דער טאַטע אומרואיק. — דו ווילסט פונדאַנען אַנטלויפן און מאַכמעד וויל מיך גאָר מאַכן פאַר אַ שטיקל נאָגיד... צוביסלעד

וועלן מיר אים אויסצאָלן... איך האָב אים שוין געגעבן האַנט־געלט....

די מאַמע ווערט רויט און באַלד בלייך.

— איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין דאָס כאַפּעניש דיינס! און דאָס ווייב דאַרף מען נישט אַ פרעג טאָן: הונט, טייוול, ווי אַזוי זאָל איך האַנדלען?

— וואָס הייסט איך פרעג דיך ניט? און דאָס וואָס איך זאָג דיר איצט, איז אַ הונט?... מאַכמעד שטעלט אַוועק אַ נייע בעקעריי, דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג, צו ביסלעך וועלן מיר אים, מיט גאָטס הילף, אויסצאָלן...

די מאַמע עפנט אויף אַף אים צוויי צעטומלטע אויגן און רעדט מיט ביטערניש:

— און אַ שטיקל „קופּטשע", אַ פּאַפּיר? האָסט דאָך געגעבן האַנט־געלט אַף דיין שטוב!...

דער טאַטע שמייכלט מיט אַ פול מויל ציין און אַ סאַך כויזעק אין די אויגן:

— מאַכמעדן זאָל איך נישט גלויבן? שעמסט זיך נישט צו ריידן וועגן אַ באַוואָרעניש?

— איך האָב נישט מוירע פאַר קיינעם, ווינציקער פאַר מאַכמעדן, נאָר מען דאַרף זיך פירן ווי בא לייטן... ס'אַנדערע, וואָס טוען מיר, די שאַ זאָל נישט זיין, מאַכמעד פאַרמאַכט אַן אויג! זיינע פּלימעניקעס וועלן דיר די אויגן אויסבראָטן, קענסט זיי נאָך ניט?... הערש, ווען וועסטו אויפהערן זיין אַ קליין צעפּלאָמט אינגל?... דער גאַנצער וועלט גלויבסטו אַפן וואָרט... און אַז ס'איז שוין נאָך נילע, שרייסטו און שעלסט זיי אין טאַטן אַריין...

דער טאַטע דרייט זיך שוין זיין טשופּרינקעלע **און דרייט זיך** אַוועק פון דער מאַמען:

— די גאַנצע וועלט קען ניט זיין אַזוי ווי דו... אַף איר, מיינט זי, שטייט שוין די וועלט!...

— וואָס האָסטו צו מיין לעבן, הערש! — שרייט שוין די מאַמע— האָסט מיך פיינט, גיב מיר אַ געט! גאָט וועט מיך ניט פאַרלאָזן, נאָר לעבן אַזוי קען איך ניט!...

דער טאַטע גייט צו צו דער מאַמען, פול מיט וואַרימקייט און מיט הויכשעצונג קוקט ער אין איר שטאַלצן פּאָנעם:

— ראַצע, איך בין דיך מעקאַנע מיט דיין פּראַקטישן סייכל!... מיין ווייב, נעם און האַרגע מיך, קען איך נישט זיין אַזוי ווי דו!... איך קען נישט טראָגן קיין סינע!... די אַפּמאַכן וואָס איך מאַך מיט מיר אַליין, זיינען ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי... איך וועל שוין פייגערן מיט דעם נאַרישן כאַראַקטער מיינעם... מיינסט, די נאַרישע טערקלעך קריכן מיר נישט דורך די נעגל?.. נישטאָ אַף וועמען בארויגעז צו זיין... און וועגן אַ קופּטשע, מירן אַפּצאָלן די שטוב, וועלן מיר זי מאַנען...

די מאַמע איז ווידער באַזאָרגט. זי זיפצט און אָפּגעהאַקט:

— הערש, דו טאָרסט נישט אָנהויבן מיט ברײנדלען. מאַך דיר נישט קײן בעקערײ לעבן איר, בלוט װעט זיך װידער גיסן... װעסט דיך מוזן אונטערגעבן... געדענק װאָס ראַצע זאָגט דיר!...

די מאַמע שװײגט צעװײטיקט. די שמאָלע פּלעמלעך פון די שאַבעסדיקע ליכט טוקן זיך אַף דערשטיקט צו װערן. דער טאַטע רעדט מיט אַ דערשטיקט קאָל.

— פּאַכדאָנים האָב איך פײנט! אירע טרײפענע הענט לױערן אַף מאַכמעדס שטוב. ער װיל איר די שטוב נישט פאַרקױפן, ער האַסט זי!... זי איז נישט דער גובערנאַטאָר פון שטאָט! זאָל זי מוירע האָבן פאַר מיר, ברײנדעלע די כצופע! ס'אַנדערע װאָס איז איר דער כילעק, צי איך װעל עפענען די בעקערײ צי דער רועך װײסט װער?..

איך געדענק שױן נישט צו דער טאַטע האָט דעמאָלט געזאָגט „לעכו נעראַנענאָ” און „שאָלעם אַלײכעם”. ס'האָט זיך שױן סײ װי נישט געקלעפּט צו דעם װאָכעדיקן און פאַרביטערטן שמועס. אין שטוב איז דאַכט זיך פינצטער, כאָטשע ס'ברענט דער גרױסער לאָמפּ און די ליכט אַפן טיש און באָב עסן פרעגט נישט די מאַמע צי ס'געפעלט דער לאָקשענער קוגל און צי דער קאַרפּן־קאָפּ האָט גענוג פעפער... אַלץ איז אַזױ נישט ניכע... נאָר דורך די אָפענע פענצטער קוקט אַרײן דער ברײטער און טיפער הימל אַן אױסגעשטערנטער און סע שמעקט אַרײן דער בלױער צװױט און די פרישקײט פון די אַרומיקע פעלדער.

איך װאָלט אַזױ געװאָלט אָנקוקן מײן מאַכמעדן, װאָס איז צוריקגעקומען פון טערקײ!...

שאַבעס אינדערפרי איז דער טאַטע־אױפגעשטאַנען פריער װי טאָמיד. ער האָט זיך אָנגעטאָן שאַבעסדיק און ברומט אונטער אַ טערקישן ניגון. דער טאַטע גײט נישט אין שיל אַרײן, ער גײט צו מאַכמעדן. איך אױך. ער פוצט מיך אױס. שאַבעסדיק. אינדרױסן זיצן שױן װײבער אַף די פריזבעס און אַף די גאַניקלעך און קוקן אונדז נאָך. די גאַס איז ברײט און אױסגעקערט. אַפן מיטן װעג נאָר ליגן קופּקעלעך מיסט און שטרױ. קינדער פון גאַס פאַרלױפן מיר דעם װעג. מאַכמעד אױך.

ער גײט מיט בײדע הענט פאַרלײגט אַף הינטן, אַ גלײכער, אַ בױגיקער, און אַ צעשמײכלטער. אַװאַדע שמײכלט ער צו מיר... ער טראָגט אַ נײע פעטע אַפן קאָפּ, אַ רױטע מיט אַ שװאַרצן טראָלד. אַ פּאָר שאַבעסדיקע אידן, מיט געהאַקטע אױסגעגרינגטע קאַפּאָטעס, שאָקלען אים צו מיט די בערדלעך און מיט די אַלטע שװאַרצע היטלען. ער שמײכלט צו זײ.

ער כאַפּט מיך אַף די הענט און קושט מיך. — איך דיך ליב! — רעדט ער צו מיר אַף זײן אידיש. — דו שײן, דו גוט, דו זיס!...

מיר איז טאַקע זיס אין אַלע מײנע אײװורים. איך װיקל אַרום די הענט אַרום זײן האַלדז. מאַכמעד איז װידער אין יעדינעץ! װער איז צו מיר גלײך!

די שאַבעסדיקע אידן קומען צו זײערע אידענעס, ברײטע מיט רױטע

געקליבענע אונטערקליידער און גרויסע סטאַניקעס אַף די ווייסע העמדער מיט די לאַנגע אַרבל. פּול מיט שפּיציקן נייגיר קוקן זיי אַף מאַכמעדן. זיי שפּאַנען אונדז נאָך, שטעקן אַריין דעם קאָפּ אין דער אָפענער טיר פון דער נייער שטוב, וואָס וועט זיין אונדזערע, און טוען אַ זיפץ:

— טשאַרנאַפּוי גאַנעוו וועט שוין ווידער אָפּלעקן אַביינדל...

צוויי גאָים שטייען אין קלייט און קלאַפּן די ראַפּטן צו די ווענט. אָפּן פאַל ליגן פרישע הובליוועקעס. ס'פילט זיך אַ זויערקייט, אַ טעמפּע שטיקנדיקע פייכטקייט. די ווענט פונעם צימער הינטער דער קלייט זיינען טונקל־רויטע און אָפּגעריבענע. דורך אַ שמאָלן פענצטער מיט גראַטעס פאַלט אַריין אַ שטיקל שיין און ציגל־שטויב שטייט אין דער לופט. דאָ פילט זיך פריש געקנאַטן ליים און אַ רייעך פון שטאַרקן ספּירט. וואַסיל דער מוליער וואָס מאַכט דעם נייעם אויוון, איז אַ שיקער, איך קען אים, ער רעדט אַרויס פונעם ציגל־שטויב:

— הערשקאָ, ברענג אַ שקאַליק!

דער טאַטע ענטפערט אים.

— טרינק וויניקער, וואַסיל, וועסטו האָבן פון וואָס צו טרינקען שפּעטער...

איך דערמאָן מיך אין מיין מאַמעס ווערטער ,אַז ברײַנדל וועט נישט לאָזן דעם טאַטן ווערן איר שאָכן. איך דערמאָן מיך אויך, אַז מיין פעטער שמועל, וואָס וואוינט שוין איצט אין אַלעקסאַנדרען לעבן בעליץ, האָט שוין דאָ געהאַלטן אַ בעקעריי און איז אַנטלאָפן פון די געשלעגן מיט ברײַנדלען... אַ סאַך מענטשן, געדענק איך, זיינען זיך דעמאָלט אַנגעלאָפן אין דער אויסגעליידיקטער שטוב און געשריגן, אַז דער פעטער שמועל האָט צוגענומען געלט און דער טאַטע האָט טאַקע געמוזט באַצאָלן פאַר אים הונדערט מיט פופציק קערבלעך... איך בין אומרואיק. די שטוב, זאָגט מען, האָט שיידים, לייצים וואוינען אָפן בוידעם...

מאַכמעד גראָד איז רואיק. זיין שמאָל אויסגעאיידלט פּאָנעם שיינט מיט אַ וואַרימער גלאַטקייט, מיט פרייד. ער באַקוקט אַלע ווינקעלעך פון דער בעקעריי, פונעם הויף. ער קוקט אַריין אינעם אויסגעטרוקנטן ברונעם, וואָס שטייט הינטערן פענצטער. די שטיינער זיינען באַוואַקסן מיט גרינעם שימל, די קאַרבע איז אַרויסגעריסן, קיין שטריק איז נישטאָ. געפייגערטע קעץ און הינט שטינקען אַרויס פון דער טיפקייט. דער טאַטע איז פאַרטראַכט, מאַכמעד רעדט צו אים אין טערקיש און ווייזט אָן מיט דער האַנט אָפן פלויטל, וואָס גרענעצט אַפ דעם הויף פון ברײַנדלס.

איך טו אַהין אַ קוק און דערזע אַ גרויס געקאַרבט פּאָנעם און צוויי לאַנגע זיידענע שפּיצן פון אַ שאַבעסדיקער פאַטשיילע. דאָס פּאָנעם האָט אַ ברייט מויל מיט שמאָלע קנייטשן און שפּעלטעלעך אַף דער אויבערשטער ליפּ און סע שרייט:

— ווי לאַנג קרענקסטו, טשאַרנאַפּוי גאַנעוו, צי דו וועסט מיינער אַ

שאַכן ווערן! אַ בראָד וועסטו גיכער האָבן נאָכן ווייב נאָך דײַנעם דער קורווע, נישט קיין אייגענע בעקעריי!...

מאַכמעדס אויגן שפּריצן מיט פֿײַער:

— פֿאַשאָל וואָן, סוקאַ!...

פֿאַר דער קלייט וואַרט שוין אַף אים ווידער די אידענע. זי טראָגט אַ שוואַרצע שאַבעסדיקע קאָפּטע מיט אַ גראָבן סידער אונטערן אָרעם. איך קען עס נישט פֿאַרשטיין: אַז זי איז אַזאַ פֿרומע, אַן ערלעכע אידענע, פֿאַר וואָס רעדט זי אַזעלכע מיעסע רייד און זאָגט אַזעלכע מיעסע זאַכן אַף מיין מאַמען?... די מאַמע זאָגט דאָך, אַז אַף מענטשן טאָר מען נישט ריידן קיין שלעכטס און פֿאַר מיעסע רייד שטראָפֿט גאָט! וואָס־זשע, ברייינדל האָט נישט מוירע פֿאַר גאָט?! איך — יאָ! פֿאַר ברייינדלען האָב איך אויך מוירע. די גרינע אויגן אירע אונטערן שטעכן אַזוי ווי מעסערס. בעאיים זי גייט, העצקעט זי זיך, קיין פֿיס זע איך נישט באַ איר, זי טראָגט אַ לאַנג קלייד, אַ ברייטס ,אַ געפֿאַלדעוועטס. ס'איז דערפֿאַר וואָס זי איז אַ קרומע. גוט אַזוי!... מיין מאַמע איז שענער, זי האָט גלייכע פֿיס און טראָגט שיינע שיך מיט זאָקן. ברייינדל רעדט אַריין דעם טאַטן גלייך אין פּאָנעם אַריין:

— ראַצע די פּאַדלע, ראַצע די...

דער טאַטע מאַכט אַ ברייטן שפּאַן און כאַפּט זי אַן פֿאַרן קאַרק און רעדט, איר אויך אַריין אין איר געקאַרבן און בייזן פּאָנעם אַריין:

— צוויאַטשקע! גיי צו מאַכמעדן אין דער ליעדאַווניע!...

ברייינדל הייבט אויף אַ געשריי, אַ ליידיקס און אַ קוויטשיקס:

— אוי אידן בעניי ראַכמאָנים, וואָס האָט זיך דער גאַזלען אָנגעזעצט אַף מיין לעבן, נעבעך! אידן, וואָס שווייגט איר! ווערט ער אַ שאַכן מיינער, זיינען מיר פֿאַרלוירן! די גאַס לאָזט ער נישט דורכגיין!...

ווייבער מיט סטאַניקעס לויפֿן זיך צונויף פֿון די אַרומיקע געסלעך:

— טשאַרנאָפּוי שלאָגט ברייינדלען!... אַ דיבוק, נישט דאָ געדאַכט, זיצט אין אים!...

דער טאַטע פֿאַרייסט דעם קאָפּ, ער שרייט אַריבער די ווייבער, איבער דער גאַנצער גאַס:

— איך טרייפֿענע נעשאָמע וועל איך אַרויסלאָזן, די!...

אַ פּאָר שאַבעסדיקע אידן מיט אויסגעקעמטע בערד, שרייען אויס פֿון צווישן דעם בינטל ווייבער:

— הערשעלע, ס'איז נישט סדאָם...; וועסט נישט זיין אַזאַ יאַ טעביע דאָם!... קיין סיביר וועלן מיר דיך פֿאַרשיקן, נישקאָשע, מען ווייסט, גאָט צו דאַנקען, ווער סע האַלט שאַבעס און ווער סע עסט טרייפֿענע וואַרעניקעס!...

דער טאַטע פֿאָכעט זיי אַקעגן מיט אויסגעשפּרייטע הענט:

— צוויאַקעס, גאַטס גאַנאָווים, פּראָצענטניקעס! ס'וועט אַ רועד אין

אייער טאַטנס פּערעסטאַטנס טאַטן אַריין! מיט ווייבער זיך פאַרבאַריקאַדירט!...

די טירן פון ברײַנדלס קלייט צעפּראַלן זיך. עס דערהערט זיך אַ קוויטשען פון קינדער. צוויי גרויסע שקאָצים, ברייטע, מיט שוואַרצע צעריסענע העמדער און קורצע צעריסענע הויזן לויפן אַרויס. זייערע אויגן בליצן מיט רעציכע. זיי וואַרפן זיך אַפן טאַטן. דער טאַטע איז איצט ניט אַליין, מאַכמעד כאַפּט אַרויס אַ מעסער פון דער הינטערשטער הויזןקעשענע און פאָכעט מיט דעם פאַר די נעז, פאַר די פּויערשע קעפּ, עמזע און ענסער לויפן אויך אָן. זיי פעכטן מיט אַזעלכע קורצע שווערדלעך, שפּרינגען אונטער לייכט און צעטרייבן דעם אַרומיקן אוילעם. די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן. די קוילעם טראָגן זיך ווייט איבער אַלעמענס קעפּ און דרינגען אַריין אין אַלעמענס הערצער:

— טשאַרנאָפּוי שלאָגט זיך!...

קאָליע, דער קיעווער שייגעץ, שלאָגט זיך אויך. די שקאָצים סאָפּען, זיי דערלאַנגען קולאַקעס און קריגן צוריק. זכאַריע און הערשל, יאָכוועד דער מילכיקערס זין, וואָס דער טאַטע האָט זיי אַריינגענומען צו מאַכמעדן אין בעקעריי, שלאָגן זיך אויך. ווי אייגענע קינדער זיינען זיי באַם טאַטן, זיי ווען ניט לאָזן דעם טאַטן שלעכטס טאָן... יאָכוועד די מאַמע זייערע, שרייט און וויינט: — דערהאַרגעט נישט די קינדער מיינע!...

מען האָט קיינעם נישט דערהאַרגעט. אַף דער ערד פאַרן טערקס קלייט ראַנגלען זיך עטלעכע מענטשן. קריכן איינער איבערן צווייטן. עס פאָכן איבער זיי שווערדלעך, מעסערס און קלינגען איבער זיי, נאָר זיי רירן זיי נישט אָן.

מיר איז שווער אַפן האַרצן: דער טאַטע וועט שוין קיין בעקעריי נישט האָבן... די מאַמע וועט נישט דערלאָזן!...

י. — ברײַנדל רוט נישט...

אויסגעפירט האָט נישט ברײַנדל און נישט די מאַמע. דער טאַטע האָט אויסגעפירט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין זיין אייגענע בעקעריי געעפנט.

אַלץ איז דאָ ניי און פריש. די טירן מיט די לאָדנס זיינען אָפּגעפאַרבט אַף גרין, די באַנק פאַר דער קלייט — אויך. דאָס פרישע ברויט אין די ראַפּטן שמעקט. עס זעצט פון זיי אַ וואַרעמקייט ווי פון היצלעם באַקן און פון אירע גרויסע אויגן, ווען מאַכמעד טוט צו איר אַ שמייכל. עס שמעקט מיט קימל און מיט פרישע הייוון. עס שמעקט די פרישקייט און די ריינקייט פונעם געמעל. אינדערמיטן אַף דער סטעליע הענגט אַ גרויסער לאָמפּ, פּונקט אַזעלכער ווי דער וואָס די מאַמע האָט אָפּגעפאַרבט פאַר עטלען... אַפן פאַרקויף־טיש שטייט אַ נייע מעשענע וואָג מיט נייע אייזער־

נע געוויכטן. די מאַמע ווישט זיי אַלעמאָל זיי זאָלן נישט זשאַווערן. ווייבער וואַרפן איבער די ברויטן אין די ראַפּטן, זיי דינגען זיך מיט דער מאַמען... די מאַמע איז די פּאַרקויפערן, ווייל דער טאַטע האָט קיין צייט נישט צו שטיין אין קלייט, ער מוז איצט אַרבעטן אין ביידע בעקערייען, אין מאַכ־מעדם און אין אונדזערער. לויפט ער טאַקע אום פון איין בעקערײַ אין דער אַנדערער. ער זעט אויס פאַרטראַכט און ווייסט טאַקע נישט וואָס בײַ אונדז אין קלייט קומט פאָר...

שוין עטלעכע מאָל, פּונקט ווען דער טאַטע איז אין קלייט נישטאָ, שטעקט אַריין ברײַנדל דאָס פּאָנעם אין דער אָפענער טיר און זייעט צווישן די ציין:

— פאָר בעסער קיין בעלז, ראַצע, דאָרט איז דאָ אַ סאַד הייזלעך... דו אייזערנע זאַך!...

די מאַמע ענטפערט איר נישט, נאָר איר פּאָנעם ווערט פאַרגליווערט, עס גליווערן אויך די נישט אויסגעוויינטע טרערן אין אירע אויגן. די מאַמע וואָרנט מיך איך זאָל נישט דערציילן דעם טאַטן. זי לאָזט מיך נישט אָפּ פון דער האַנט. איך זי אויך נישט. עס מוטשעט מיך אַ שלעכטער פאַרגע־פיל: טאָמער גיי איך אַוועק, האַרגעט מען די מאַמע... אַסאַן, מאַכמעדם קליין פּלימעניקל, קומט אַלעמאָל צו לויפן. מיר שפּילן זיך און מיר צעקריגן זיך. די מאַמע איז נישט בייז אָף מיר, זי איז דאַכט זיך אָף קיינעם נישט בייז. זי שווייגט, זי טראַכט אַ סאַך, עפּשער פון מיר מיט אַסאַנען און עפּשער פון ברײַנדלען...

די הייסע זומער־טעג עסן זיך מיר אײַן אין דער נעשאָמע. די מאַמע גייט נישט, מער זיך באָדן אינעם פּאָנסקע טײַך און איך אויך נישט. צו וואָס זשע טויג מיר דער זומער? אַזוי גייען אַוועק די טעג, ביז זיי ווערן קילער, די זון שוואַכער, גאַנצע פירן אין שטאָט אַריין גרויסע וועגענער פאַר־געלטן טשערעט, סכאָך אָף צו דעקן די סוקעס... מיר האָבן נישט קיין סוקע בײַ דער שטוב. דער טאַטע לאָזט עס איבער אָף נאָך יאָנקיפּער. מיר דאַכט זיך גאָר אַז דער טאַטע איז געוואָרן אַן אַפּיקוירעס און מיר וועלן גאָר קיין סוקע נישט האָבן. און מיך גייען אַוועק די כייעסן צו עסן אין אַ סוקע!...

פונדעסטוועגן פיל איך אַ נײַע פרייד אין האַרצן. די יאָנטויווים קומען. אויך די מאַמע איז פרייליכער געוואָרן. איך זע שוין נישט דעם קאַלטן גליווער אָף איר פּאָנעם, אירע גרויסע אויגן קוקן שוין נישט ערגעץ אין דער ווייט און ווי פרעמד. איצט קוקן זיי אָפּן טאַטן, אָף מיר, אָף מײַנע שוועסטערלעך, פול מיט ווייכקייט, מיט מעכילע און מיט ליבע. זי שמייכלט שוין אָפילע, בעיים זי זיצט הינטער דעם פאַרקויף־טיש און נייט אויס גרויסע פייגל אָף לייוונטענע האַנטוכער און טישטוכער. ווייבער, קוינעטעס, וואָס וואַגן קיינמאָל נישט עפּעס צו פרעגן בײַ מײַן מאַמען און קוקן אָף איר מיט דרעכערעץ, זײַנען איצט נענטער מיט איר און פרייער. זיי באַטאַפּן

די אויסגעניטע אַרבעט און סמאַטשקען מיט די ליפּן: — אַף דער װיס־טאַװקע אויסצושטעלן!...

אויך דער טאַטע איז אַן אַנדערער, ער שפּאַנט רואיק און געמאָסטן. אַ באַלעבאָס. אַ רואיקײט שװעבט באַ אים אַפן פּאַנעם און אין זײַנע אויגן. עס קומען אַרײַן גוטע ברידער אין קלײט, מען נעמט אַ טרונק בראַנפן און מען בײַסט צו מיט גענזענע פּופּיקעס, װאָס דער טאַטע שיקט קויפן באַ שמיל זעליקן אין שענק.

אַ איד מיט אַ קײַלכיקער שװאַרצער באָרד רוקט זיך אַרײַן און שמײכלט דעם טאַטן אין פּאַנעם אַרײַן:

— אויסגעפּירט דײַנס, הערשעלע!...

דער טאַטע שטעלט אװעק ס'גלעזל פון דער האַנט און פרעגט באַ אים:

— איר װילט עפּעס, רעב נאַפּטאַליע?!...

— גאָרנישט, גלאַט אַזױ, אַ שאַכן, קומט מען אַרײַן אַ קוק טאָן, אַפּװינטשן!...

אַרום טאַטנס מויל שנײַדט זיך אַ בײזער שמײכל. אַרום די אויגן אויך:

— װעמען, רעב נאַפּטאַליע, פּאַרציט איר דעם נאָמען? דעם כאָסיד צי דעם אַפּיקוירעס? איך, רעב נאַפּטאַליע, בין אַ בעקעריונג, אַן אַפּיקוירעס, װײסט די גאַנצע װעלט, נאָר אַז אַן אָרימאַן דאַרף אַ קערבל אַף שאַבעס, לײַ איך אים און אַז ער גיט מיר ניט אָפּ, װײסט אויך קײנער נישט; איר, אָבער, אַז איר לײַט אַ אידן אַ קערבל אַף שאַבעס, נעמט איר באַ אים אַ מאַשקן די שאַבעסדיקע לײַכטער און דערנאָך בלײַבן זײ באַ אײַך פאַרן פּראָצענט...

אַפן אידנס פּאַנעם טוקן זיך נאַרישע שמײכעלעך, ער דרײט זיך אַף אײן אָרט און שעמט זיך פון דער קלײט אַרױסצוגײן.

שפּעטער, װען דער איד האָט זיך װי עס איז אַרױסגערוקט, בעט זיך די מאַמע באַם טאַטן:

— הערש, צו װאָס טוסטו עס? װעסטו זײ דען איבעראַנדערשן? זאָרג פאַר דײַן אײגן גליק!..

דער טאַטע לאַכט מיט אַ פול מויל װײַסע צײן:

— זאָלן זײ נישט קומען צו מיר מיט קײן פאַלשע מינעס. ער קומט מיר װינטשעװען... איך שטײ אים שױן אַן!... אַזאַ ניװזעניק!.. אַ באַלמע־לאָכבע האָט זיך געעפּנט אַ געשעפט, קומט ער אַ שמעק טאָן צי ס'איז נישטאָ קײן פײַגער!... אַ פּעגירע װעט נאָך אַף זײ קומען! אַ װיסטער סאָף!..

די מאַמע דערשרעקט זיך פאַר אים.

— הערש, — קוקט זי שטיל אַפן טאַטן — ס'איז דאָך ערעװ יאָנ־טעװו, דו װײסט עם כאַטשע?...

דער טאַטע װערט טרױעריק און ענטפערט איר באַלײדיקט:

— װאָס זשע, פאַר יאָנטעװו טאָר מען נישט זאָגן אַ פּאַרדריפּעטן

פּראָצענטניק ווער ער איז!... מיד שאַנעוועט עמיצער?... אַפילע מיין ווייב אויך נישט!...

נאָר די מאַמע האָט עפּעס אַנדערש געמיינט, די מאַמע האָט געמיינט, אַז ערעוו יאָנטעוו פּאָדערט אַ אידישע שטוב אַ באַלעבאָסטע און זי איז דאָ צוגעבונדן אַ גאַנצן טאָג צו דער קלייט. און פון דעמאָלסט אָן איז זי דעם ערשטן האַלבן טאָג אינדערהיים און דער טאַטע שטייט אין קלייט.

ערעוו יאָנטעוו איז אַפילע ברײַנדל רואיקער געוואָרן. מען הערט זי נישט אַזוי שרייען און קריגן זיך מיטן מאַן און מיט די קינדער. די ווייבער פון דער גאַס זיינען אויך שטילער געוואָרן, זיי זיצן ווינציקער אַף די פּריזבעס און קריגן זיך נישט, אַ יאָנקיפּערדיקע זאָרג ווייעט פון זיי. זיי לויפן אין די הוילע הינטערקליידלעך אין די שפּייז־קלייטלעך און טראָגן פון דאָרט גרויסע שקאַרמוצן מיט איינגעקויפטע זאַכן, מיט פּעקלעך טיי־ און רייפּטלעך צוקער און גרויסע סטעאַרינענע נעשאָמע־ליכט. די מאַרק־אידענעס שילטן זיך נישט, די קאַצאָווים פון אונדזער גאַס ריידן נישט קיין מיעסע רייד... אַ גאַניידן באַ אונדז אין גאַס! אַ הימל!

נאָר מיר האָט זיך אַפּאָנעם אַזוי אויסגעדאַכט. ברײַנדל קען ריידן מיעסע רייד און פאַלט אָן אַפן טאַטן און אַף דער מאַמען נישט נאָר ווען זי גייט שאַבעס מיטן סידער אין שיל אַריין, נאָר אַפילע ערעוו יאָמים נויראָים, ווען זי גייט אַפן הייליקן אָרט וויינען אַף איר מאַמעס קייווער, און בעטן באַ איר אַ טויט אַף די סאָנים...

איינמאָל אין אַ באַטאָג האָט די מאַמע באַדאַרפט אַריינגיין אין הויף אַף באַדערפעניש און מיר האָט זי אָנגעזאָגט איך זאָל נישט אַרויסגיין פון דער קלייט ביז זי וועט צוריקומען.

אַן עלטערע אידענע איז אַריינגעקומען מיט אַ טאַלעס־שאַלכל אַפן קאָפּ, געטאַפּט די ברויטן אין די ראַפּטן און ווי אַריינגערעדט אין זיי:

— לײדיק איז דאָ ווי אין אַ באָד!... וואו איז די מאַמע, קליינע?...

פלוצים העצקעט צו ברײַנדל צו דער טיר און זי רעדט גיך און בייז:

— וואוהין לויפט איר קויפן? צו אַ גאַנעוו, צו אַ מויכער־טרייפעניק?... מיינע געבעקסן זיינען דאָך טאָרטן!.. — איך שטעל אָן די אויגן אַף אונדזער שכיינע, פון שרעק שטורעמט מיר ס׳האַרץ און ס׳שטיקט מיר אין האַלדז. איך שטיי מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און מיט אַ פאַרקלעמט מויל, ווי אַ געלײמטע. ברײַנדל גיט אַ העצקע אַריין אין קלייט אַריין און איר ברייט פּאָנעם, דאָס צעקנייטשטע און בייזע, שטייט שוין באַ מיר אונטער דער נאָז:

— ברענען זאָלסטו ווי אַ פייער, מאַמזערעס, מיט דער מאַמען דיינער, דעם טערקס!... ווי די הינט שטומען זיי קעסיידער!...

איך ווער שוין ריידעוודיק. איך שריי שוין. איך רוק מיך אַרויס פון דער בעקערײַ הינטן אַרום און קוויטשע ניט מיט קיין מענטשלעך קאָל:

— מאַמעע! מאַאַמעע!...

די מאַמע שרײַט אויך. זי קוקט דורך אַ שפּאַרע פֿונעם הילצערנעם טירל.

— הערש! הערש!

איך נעם לויפֿן צו דער מאַמען, טוט מיר אַ פֿלי אַ שטײן איבערן קאָפּ און קלאַפּט זיך אָן אינעם טירל פֿונעם אָפּטריט. די מאַמע זעצט זיך אַראָפּ און װײנט שטיל:

— האָט ראַכמאָנעס אַף מײַנע פֿיר קלײנע װערים! הערש!...

איך װײס נישט צי דער טאַטע האָט דערהערט מײַן געשרײ, צי די אידענע, װאָס איך האָב איבערגעלאָזט אין קלײט, האָט אים גערופֿן. אַ בלײכער, אַ צערײצטער, טוט ער זיך אַ װאָרף צום פּלײטל, פֿונװאַנען עס זײַנען געפֿלױגן די שטײנער:

— אַט װעל איך אײַך װײזן, פּאַכדאָנים, דושעהובניקעס! אַ מאַמען פֿון קינדער װילט איר אומברענגען... מײַן ראַצען!...

די מאַמע שלעפּט דעם טאַטן פֿאַר די אַקסלען, זי רײַסט אים פֿונעם פּלײטל:

— הערש, װי גאָט איז דיר ליב! נעם דיך אין די הענט אַרײַן! מען װעט דיך פֿאַרשטײנען!... ברײַנדל װעט האָבן אַ זכות, נישט דו!... איך װעט מען געבן גערעכט!...

עס לויפֿן מענטשן און שושקען זיך:

— אַ מענטש זאָל זיך ראַק מוזן שלאָגן!... אַזאַ כאָלאָס באַ אים!..

די מאַמע כאַפּט מיך אַף די הענט און אַנטלויפֿט מיט מיר אַהײם. די גאַס איז פֿול מיט אידן און װײַבער, טרעקן און גאַים, אַ געמיש פֿון קלאָלעס און זידלערײען הענגט איבער אונדזערע קעפּ.

איך בין דעם גאַנצן טאָג אומרואיק, דערשראָקן. אָפּדערנאַכט איז דער טאַטע אינדערהײם. איך ליג אַף דער געבעטער סאָפֿע, דער הענג־לאָמפּ ברענט. אַלץ איז גרין, די װענט, די פּענימער, מער װי אַלץ די פּענימער פֿונעם טאַטן מיט דער מאַמען. זײ שטײען לעבן מיר און שװײַגן פֿאַר־זאָרגט. מײַן שװעסטער ריװקע דערלאַנגט מיר אַ שמאַטענע ליאַלקע און קוקט אַף מיר מיט גרױסע דערשראָקענע אױגן. װײַזט אויס, אַלע אין שטוב באַ אונדז האָבן זיך דערשראָקן... איך זע דאָס אַף זײערע פּענימער. איך װיל נישט דער טאַטע זאָל אַריבערגײן צו דער אַרבעט, מען װעט אים נאָך דערהאַרגענען!...

— איך האָב מוירע, טאַטע — קלאָג איך פֿון האַרצן — גײ נישט אַהין!...

דער טאַטע זעצט זיך לעבן מיר אַװעק און קלעפּט צו זײַן שטערן צו מײַן צעפֿלאַמטן פּאָנעם, ער פֿירט מיטן װײַזפֿינגער באַ מיר אַפֿן האַלדז און זינגט מיר אַ ליד, װאָס ער אימפּראָװיזירט. אַ ליד מיט גראַמען.

שלאָף מײדעלע, שלאָף מײַן קינד,\
האָב פֿאַר קײנעם נישט קײן מוירע,\
לאָז מיך צו דער אַרבעט גײן,

עס זאָל נישט פעלן קיין סכוירע.
ווייל דיין טאַטע איז אַ בעקער
באַקט ער בייגל און באַקט ברויט,
ווער עס וועט דיך וועלן שלאָגן,
מאַכט דיין טאַטע אים אַ טויט...

ער גראַמט וועגן די שפּילעכלעך וואָס ער וועט מיר קויפן און אַז ער וועט פאָר מיר אין פּייער לויפן און מיר געפעלט עם זייער שמאַרק, זיי געפעלן אויך דער מאַמען און מיינע שוועסטער ריווקען און פינקל, אפילע נעכאַמעס קינדער און ברײַנע סערקעס זינגען דעם טאַטנס גראַמען. ער מאַכט גראַמען אָף די פּרומאַקעס, גאַטס גאַנאַווים און ליגנער, וועגן די בעקער־יונגען מיט די באַלעבאַטים און אַפּילע פונעם וואָלד מיטן טייך. אַכוצדעם זינגט ער אַ סאַך אַנדערע לידער. ער זינגט דאָס ליד פונעם קעשע־נעווער פּאָגראַם: „און דו גאָאָט אין הימל, האָב שוין ראַכמאָנעס אָף אונדז, זע נאָר דעם ראָש מיט דעם טימל, וואָס דו האָסט אַראָפּגעלאָזט אָף אונדז..." ווען ער זינגט דאָס ליד פונעם פּאָגראָם, ווערן אים די אויגן פייכט און דאָס פּאָנעם ווערט איין קניימש. ער זינגט אַ ליד פון האָמענען מיט אַכאַש־ווייראַשן און דער מאַלקע וואַשטי וואָס האָט הערנער אָפן ווייסן לייב... אַ ליד פון אַן אַלטן אַפּיקוירעס מיט אַ פּרומאַק... דער טאַטע מאַכט נאָך דעם פּרומען אידן, ער מאַכט מיט די הענט און זעצט אַריין דעם קאָפּ אין די אַקסלען און אין שטוב ווערט מען צעגאַנגען פאַר געלעכטער.

געוויינלעך זינגט מיין טאַטע אין די פרייטיק צונאַכטסן נאָכן עסן. דעמאָלט צעעפנט מען באַ אונדז די פענצטער, עס שמעקט אַריין די נאַכט, עס שמעקט אַריין דער שאַבעס. דער טאַטע זינגט, עס העלפט אים אונטער די מאַמע, די שוועסטערלעך. ער לערנט זיי זינגען די לידער און לערנט זיי אויך טאַנצן. די גאַלערייע ווערט דעמאָלט פול מיט ווייבער און מיידן, וואָס קוקן אַריין אין די אָפענע פענצטער און סוידען זיך...

איצט וויינט ער גאָר, דער טאַטע. ער זינגט און וויינט מיט צוגע־מאַכטע אויגן. איך נעם אים אויפרייסן די צוגעמאַכטע אויגן־דעקלעך:

— וויינסט, טאַטע?...

דער טאַטע שמייכלט גאָר דורך די טרערן: — פאַר וואָס זאָל דער טאַטע וויינען, קלאָווטע?... — ער קושט מיינע פאַרבלאָטיקטע הענט, די פּוכקע, און שמייכלט: — בייך און באַרים, בי געבראָטן באַסער...

דאָס מאַכט ער נאָך הערשל יאַכוועד דער מילכיקערנס, וואָס רעדט אַזוי און זאָגט אַז מיינע הענט זיינען ווייך און וואָרים ווי געבראָטן וואַסער...

אַלע האָבן מיך איצט ליב...

באַנאַכט שלאָף איך אומרואיק. מיר דאַכט זיך אַלץ אַז מען שלאָגט זיך, אַז מען וואַרפט שטיינער פון יענער זייט פּלויט און מען טרעפט מיר און דער מאַמען און ברײַנדלס פּאָנעם דאָס בייזע און דאָס קוויטיקע מיט

די שפּיזיקע אויגן צעוואַקסט זיך אומגעהויער גרויס באַ מיר פאַר דער נאַז...

יא. — אום יאָנקיפּער...

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אַ שטיק אַפּן טאָג. אַ פרישע און אַ באַ־נייטע. די זון אין די פענצטער איז אויך אַ פרישע, אַ נייע, גאָרנישט ווי ערעוו יאָנקיפּער, זי ליגט אין אַלע ווינקעלעך פונעם צימער און אַפּן הויכן קאָפּנשטיק פון דער מאַמעס הילצערן בעט. עס רייסט זיך אַריין אַ געש־מאַקער רייעך פון גריוון און געפּרעגלטן אָף. דאָס גרייט שוין די מאַמע פאַר אונדז די פּופּקעלעך מיט די לעבערלעך און די אָנגעפּילטע העלדז־לעך פון די געשאָכטענע קאַפּאָרעס. מאָרגן איז יאָנקיפּער. ס'עט שוין זיין וואָס צו נאַשן און קיינער וועט מיר קיין דייע נישט זאָגן! מאָרגן זיינען מיר אַליין די באַלעבאָסטעס!... דער טאַטע טראָגט מיך אַריין אין זאַל אינעם הוילן סטאַן און זעצט מיך אַוועק אַפּן ברעג פונעם ווייס־געדעקטן טיש.

— וועסט טרינקען אַביסעלע בראָנפּן נאַסטאַסיע די שיקערטע? — קוקט ער מיר אין די אויגן.

אַפּן טיש שטייען צוויי גרויסע פלעשער נייַנציקער בראָנפּן. די בע־כערלעך זיינען אויסגעשטעלט און אַ גרויסע טאַץ מיט אָנגעשניטענעם קאָרן־לעקעך. די זון שפּילט זיך איבער די פלעשער מיט די בעכערלעך און מיר דאַכט זיך ווי זי וואָלט זיך אַרויפגעוואָרפן אַפּן לעקעך אים אויפ־צועסן. איך וויל אָנכאַפּן מיט די הענט די קופּער רויטע פעדים וואָס ציען זיך דורך די שויבן און קען נישט...

די מאַמע זעט איצט אויס העכער און שטילער. אַפּן אויסגעצערטן פּאָנעם שוועבט אַ פרומע רו, זי קוקט זיך אַרום איבערן זאַל, קוקט צום טאַטן:

— הערש, איך בעט דיך לעקעך!... און גאָט זאָל אונדז אויספירן פונדאַנען!...

דער טאַטע גיסט אָן אַלע בעכערלעך מיט בראָנפּן, ער קייט נישט ניכעדיק אַ שטיקל לעקעך און קלאַפּט אָן זיין בעכערל אָן דער מאַמעס:

— ראַצע מיין ווייב, איך בעט דיך לעקעך און ווינטש דיר אַ גוט געזונט יאָר!

מיינע עלטערע שוועסטערלעך שטייען לעבן דער מאַמען גלייכע און ריינינקע. ווי די מאַלאָכים קוקן זיי צום טאַטן און שווייגן פרום און גע־האָרכזאַם. די מאַמע רופט זיך אָן צו זיי מיט אַ ווייכקייט אין קאָל, מיט אַנערקענונג פאַר זייער לייטישן האַלטן זיך באַם טיש:

— קינדער, בעט דעם טאַטן לעקעך!

היצעלע, די דינסט, טאַנצט אַרום דער מאַמען אַ פאַרשמייעטע, אַ צופרידענע און אַ פאַרשטענדיקע.

— ראַצע און רעב הערש, גאָט זאָל אייך מעמאַלע זיין פאַר אַלע אייערע צאָרעס, פאַר אייערע גאָלדענע הערצער, אייערע סאָנים זאָלן אייך קיין שלעכטס נישט קענען טאָן... איך בעט אייך לעקעך!

זי קייט דעם לעקעך מיט אַ פול מויל און טרינקט פולע בעכערלעך בראָנפן.

נעכאַמע מיט די קינדער, קומען אויך בעטן לעקעך. עס קומט אַריין סערקע די נייטאָרקע מיט אירע קינדער. רעב דאָוויד, אונדזער אַלטער וואַסערפירער, איז אויך דאָ. אַ יאָנטעוודיקער, מיט פרישן דיאָכט אַף די אַלטע יוכטענע שטיוול און מיט דער אַלטער אויסגעגרינטער קאַפאָטע, אַ געהאַקטע און אַ פאַרלאַטעטע, קוקט ער מיט גוטע ברוינע אויגן אַף דעם טאַטן און אַף דער מאַמען.

— קינדער מיינע, איך בעט אייך לעקעך! איך מוז האָבן אַ נייע סיקע אַפן ווינטער!...

אַ שמייכל, אַ גוטער און אַ קינדישער, בלייבט הענגען אַף די טיפע קנייטשן אַרום זיינע אויגן און רוקט זיך אַראָפ אַף זיין ברייטער באָרד.

דער טאַטע טוט אַ קלאַפ רעב דאָווידן אַף דער פלייצע?

— גייט, רעב דאָוויד, צו יודע־לייב דעם באָדנער, באַשטעלט וואָס איר דאַרפט!..

דער איד קוקט אַפן טאַטן, טרערן שטייען אים אין די אויגן. ער טרינקט אַסאַך בעכערלעך בראָנפן און קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען.

די מאַמע רופט זיך אָן:

— דאָס יאָ, הערש, רעב דאָוויד איז עס ווערט!...

אַוואָס דעם שאַמעס, מיטן רויטן איבערגעקערטן אויג, גיט מיט די מאַמע די יאָנקיפּערדיקע לעכט אין שיל אַריין און שטופט אים עפעס אַריין אין דער האַנט.

דער איד טרינקט אַ סאַך און שיט מיט כאָכמעס.

עס קומען אַריין מוישעלע פאַרד און שאַלעמל פאַריקמאַכער. מען עסט און מען טרינקט. זיי זיינען פריילעך ווי די קליינע קינדער.

די מאַמע זעט נישט אויס צו זיין פריילעך. פאַרנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך אַראָפ, ווערט זי נאָך אומעטיקער, שווייגנדיקער. אין זאָל איז אויך שטיל. דער זיידענער סערוועט אַפן טיש, די ווייסע פאַרהאַנגען אַף די פענצטער, זיינען אויך יאָנקיפּערדיק שטיל. אַ שטילער פאַכעד ווייעט פון זיי און טראָגט זיך איבער צו מיר אין האַרצן. דער טאַטע איז שוין אָנגעטאָן. אַ שטילער, מיטן טאַלעס אונטערן אָרעם, שטייט ער מיטן פאַנעם צום פענצטער. ער וואַרט אַף דער מאַמען.

די מאַמע זעט אויס עלטער, פרומער. אַן אומרו שוועבט אַף איר בלייך אויסגעמאַטערטן פאָנעם. נאָך פרימער און צעפייניקטער ווערט איר פאָנעם באַם ליכט־בענטשן. די פלעמלעך פון די ליכט זיינען דינע, בלייכע

און פול מיט געוויין. פון בלייכן הימל קוקט אריין דער ערשטער שטערן, אויך אזא דינער און בלייכער ווי די פלעמלעך פון די בענטשליכט, און א וויינענדיקער, ווי דער מאמעס גרויסע פארוויינטע אויגן.

מיט דער טונקלקייט פאלט צו אין שטוב אלץ מער דער קאלנידרע־טרויער, מיט א מין מאדנע שיין, ווי אנגעזאפט מיט דעם געוויין און געבעט פון געפייניקטע אידן און אידענעס פון אייביק אן...

דעם ערשטן מאל אין מיין לעבן הער איך מיין מאמען וויינען אזוי בא ליכט־בענטשן, איר געוויין קריכט מיר אין אלע אייוורים און נעמט מיך דורך און דורך. אלע ווינקלען אין זאל זיינען דורכגענומען מיט דעם געוויין און מיר אויך...

דער טאטע רעדט אריין אינעם פענצטער:

— גענוג, ראצע!

איצט גייען מיינע טאטע־מאמע איינס לעבן אנדערן, זיי מישן זיך אוים מיט אנדערע יאנטעווודיקע אידן און אידענעס... — מען שלאגט זיך נישט...

דער הימל איז טיפער, געמיטלעכער ווי טאמיד. די שטערן פינקלען בלוי, אויפגעריסן און שארף, ווי די אויגן פון מיין קליין קראנק שוועס־טערל היטעלע.

אויך היטעלעס פענימל דאס ווייסע און איר קורץ גראב נעזעלע אין יאנקיפערדיק, דערשראקן. זי באהאלט איר געקרויזט בלאנד קעפל אף היצעלעס ווארימער ברוסט און זיפצט טיף פונעם הארצן. מיינע שוועס־טערלעך ריווקע און פינקל זיצן הינטערן פענצטער פונעם זאל און היצעלע דערציילט זיי מאיסעס. בריינע נעכאמעס זיצט אויך אף דער גאלעריע. צו איר קומען ארויף א סאך מיידלעך, גרויסע, מיט ביכלעך אין די הענט. זיי ריידן זייער שטיל. אויך זייערע פענעמער זיינען באזארגט, ערנסט.

בריינע סערקעס און איר ברודערל מוישעלע שרייען אריבער צו מיין שוועסטער:

— פינקל, קום אריבער צו אונדז! מיר קענען נישט לאזן אליין די שטוב! ס'גייען אום גאנאווים!...

איך זיץ לעבן מיין שוועסטער ריווקען. פון די ארומיקע קלויזן הערט זיך א טיף בעטנדיק געזאנג, וואס רייסט זיך פון דארט ארוים ווי א געשריי צום הימל: א־א־א־...

— ווי דערלעב איך שוין דעם מארגן!... דער יאנקיפערדיקער טאג איז אויך נישט קיין פריילעכער, אבער דערפאר א פרייער, איך עס וויפל איך וויל פופיקלעך מיט לעבערלעך און גרויסע קרענצלעך וויינטרויבן און קיינער זאגט מיר גארנישט....

פון קאלנידרע קומען דער טאטע מיט דער מאמען אנגעלאדענע מיט זארג, מיט פאכעד. איך פיל דאס ארוים פון זייער שווייגן באם אויסטאן זיך, פונעם זיפצן זייערן אף די געלעגערס. דער לאמפ ברענט נישט. עס

שיינען אַריין די שטערן פונעם הימל, זיי ווינקען צו מיר און זאָגן מיר צו, אַז מאָרגן וועט זיין פריילעכער ווי איצט אין דער קאָלנידרע נאַכט.

אויפגעשטאַנען בין איך גאַנץ פרי. אין שטוב הערשט אַ ליידיקע שטילקייט. טאַטע־מאַמע זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען אין שיל. איך גיי אַרויס אַף דער גאַלעריי. היצעלע זיצט דאָרטן מיטן קינד אַף די הענט. פינקל איז באַ ברײנע סערקעס. מיידלעך איינגעשלאָסענע אונטער די הענט שפּאַצירן אַפּן מיטן דער ברייטער גאַס.

ברײנע נעכאַמעס זיצט אַף דער גאַלעריי. זי שמעקט פון אַ קליין פלעשעלע מיאַטנע טראָפּנס. זי פאַסט, אַפּאָנעם. איך וויל אויך פאַסטן, נאָר עס ציט מיך צום אָנגעגרייטן עסן. סיי ווי זאָגט די מאַמע אַז איך האָב צייט מיטן פאַסטן ביז דרייצן יאָר... אַלע אַווײרעס וואָס איך טו אָפּ, גע־הערן איצט צו דער מאַמען... מיך אַרט דאָס ניט. ראָשאַשאָנע גייט די מאַמע צו טאַשליך און שיט אַריין די אַווײרעס אינעם ברייטן סעמינאַריע־טייך. איך קער דעמאָלט אויך אויס אַלע קעשענעס מיינע באַם ברעג טייך... ווי אַ זאַך מאַכט זיך, לאָמיר זיין זיכער!...

מיין שוועסטער ריווקע טרעף איך שוין באַ דער מאַקרעטע מיט די קאַלטע פופּיקלעך און געפּילטע העלדזלעך. מיר פאַרדריסט דאָס. שפּעטער טיילן מיר זיך גלייך אַף גלייך. אַלץ געהער צו אונדז ביידן...

ברײנע סערקעס מיט מיין שוועסטער פינקל קומען אַריין אין קיך, זיי דערזעען מיך מיט ריווקען און לויפן גיך אַרויס: זיי פאַסטן אויך. פינקל איז נאָך קיין דרייצן יאָר נישט אַלט. מיך בריט דאָס אַזש באַם האַרצן. נאָך מער בריט מיך די קינאָ ווען פינקל מיט ברײנען שטעלן אַרויס זייערע צינגער און רייצן זיך מיט אונדז:

— טוט אַ קוק אַף אונדזערע צינגער — ווייסע, טרוקענע — ווייל מיר פאַסטן!... און אונדזער מיצווע איז נאָך גרעסער, ווייל מיר זיינען נאָך פאַר די דרייצן יאָר.

— די מיצווע וועט זיין דער מאַמעס! — שריי איך אויס פון כּאַס — אַזוינע מיידלעך האָבן נישט קיין מיצוועס!...

היצעלע לאַכט. זי פרייט זיך.

— גוט אַזוי! דו דיבעק! פרעסט ווי אַ קו און ווילסט מיצוועס?...

מיין שוועסטער פינקל און ברײנע סערקעס שמעקן פון דער גרויסער ברײנעס יאָנקיפּער־פלעשעלע. היצעלע אויך.

— ריווקע — רוף איך מיך אָן צו מיין עלטערן שוועסטערל — זיי אַף צעלאָכעס לאָמיר אויפעסן אַלצדינג און שפּעטער פאַסטן...

— אַז מען פאַסט ניט פון גאַנץ פרי אָן, ווערט דער טאָנעס נישט גע־רעכנט — זאָגט מיר ריווקע אַ שטילע, אַ דורכגעטראַכטע. איך באַשטיי אָבער אַף מיינעם:

— זאָלן מיר כאָטש אָפּנאַרן די מיידלעך! זיי האַלטן זיך שוין צו גרויס!...

ריווקע ווערט דערשראָקן:

— קיין ליגן טאָר מען נישט זאָגן! גאָט ווייסט פון אונדזערע שלעכטע געדאַנקען! דערצו נאָך אום יאָנקיפּער! אָפּגעשניצטע יאָרן האָט מען פאַר זיין פאַלש, פאַר זאָגן ליגנס!...

— פונוואַנען ווייסטו דאָס, ריווקע?

דער טאַטע, די מאַמע זאָגן! ס׳ע שטייט געשריבן אין דער טוירע! אידישע קינדער דאַרפן פאָלגן וואָס עס שטייט געשריבן אין דער טוירע!...

— וואָס זשע, דו לערנסט דען טוירע? — פרעג איך זי דערשטוינט.

— ניין, דערווייל לייענט מיר די מאַמע פון דער טכינע אַרויס און דער טאַטע דערציילט מיר פונעם כומעש... אַז איך וועל זיין אַ גרויסע, וועל איך לערנען כומעש...

— פאַרוואָס דערציילט דער טאַטע נאָר פאַר דיר און פאַר פינקלען?... און איך, בין אַ הונט?! —

— אונדז דערציילט מען עס אין די אַפּדערנאַכטן, דו שלאָפסט שוין דעמאָלט. ס׳איז אַזוי שיין, אַזוי גוט צו הערן פון יאָסעף האַצאַדיק, פון אַווראָהאָם אָווינו, פון סאָרע, ריווקע, ראָכל, לייע, הייליקע אידישע נעשאָמעס...

מיר איז גוט צו הערן ווי מיין ריווקע רעדט, זי ווייזט מיר איצט אויך אויס ווי אַ הייליקע; אַזוי שטיל, אַזוי בעניםמעסדיק האָב איך זי נאָך נישט געזען.

די מאַמע, וואָס קומט באַטאָג אַהיים אַ קוק טאָן אויפן קינד, איז אויך אַ הייליקע, אַזוי ווי די מוטער סאָרע... איר פּאָנעם איז ווייס, דורכזיכטיק לויטער און גוט, די אויגן זיינען טיף, פרום און פאַרווייגט. אַ גרויסן דערעכערעץ פיל איך צו איר, צו אַלע אידישע טעכטער מיט די גרויסע לויטערע און פרומע אויגן...

— ווי גייט דיר דער טאָנעס? — שמייכלט די מאַמע צו פינקלען. זי שמייכלט אויך צו מיר, צו היצעלען, צו אַלעמען. די מאַמע קושט הימעלעם בלאָנדע קעפּל און גייט צוריק אין שיל אַריין.

פינקל מיט ברײַנע סערקעס גייען אויך אַוועק. און אויך היצעלע דינסט, מיטן קינד.

— איר וועט היטן די שטוב! — גרויסט זיך היצעלע — מיר גייען צו שויפער־בלאָזן!...

איך קוק איר נאָך מיט טויזנט פאָר אויגן. זי מישט זיך אויס מיט אַסאַך מיידלעך וואָס שפּאַצירן פאַר דער שיל.

— קום, ריווקע, מירן זיי נאָכלויפן!... די גרויסהאַלטערקעס!...

ריווקע רעדט צו מיר שטיל:

— ווער ס׳ע פּאַסט, מוז הערן שויפער בלאָזן, אַז נישט, איז אויס מיט דער מיצווע...

האַלעוויי קומט שוין דער טאַטע מיט דער מאַמען!...— טראַכט איך.

— באָם אָפּפאַסטן בין איך אַפילע נישט קיין גרויסער יאַכסן. ס׳איז אָבער פריילעך, ליכטיק...

קוים דערלעבט דעם ערשטן שטערן אפֿן הימל, לויפֿן שוין ווייבער מיט אידן פֿון די שילן. ווי פֿרייגעלאָזטע טויבן זיינען זיי איצט. זיי גאַנגערן זיך אין די אויסגעווייקטע פּענימער: „אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר!.. אַלדאָס בעסטע זאָלט איר זיך האָבן אויסגעבעטן!.. אָמיין, גאָט־אַטעם!"

פּינקל מיט היצלען לויפֿן אַרויף די טרעפּ. די פּענימער, די אויגן אויפֿגעלויכטן, באַפֿרייט. דער ענג־לאָמפּ איז זאָל בליצט שוין, אַ שאַרפֿע ליכטיקייט רייסט אויף די אויגן. מיינע אויגן זיינען טאַקע אויפֿגעריסן:

— וואו איז דער טאַטע מיט דער מאַמען?!...

נעכאַמע מיט אירע קינדער פּאַסטן שוין אָפּ. באַ אונדז אפֿן טיש זידט דער גרויסער מעשענער סאַמאָוואַר. סע שטייט אַ גרויסער קלאָש מיט געבעקס. פֿון דער קיך שמעקט אַ דערוואַרימטער קרויט, אַ הייסע יויך... היצלע מאַכט ברייטע שפּאַן פֿון דער קיך אַף דער גאַלערייע און צעוואַרפֿט זיך מיט זוכנדיקע בליקן...

— נעם עפּעס אין מויל, פּינקל, וואָס ווּעסטו וואַרטן?...

פּינקל וואַרט יאָ. ריווקע רוימט מיר איין אין אויער:

— גאָלדע, דיר זאָגט עפּעס ס'האַרץ?

— יאָ, ריווקע!..

— מיר אויך!...

איך ווער אומרואיק און לויף אַריבער אין דער בעקעריי.

איך טרעף די טיר פֿון דער קלייט צעפּראַלט. ס'איז פֿינצטער. פֿון דער בעקעריי לויכט זיך אַ שמאָלער פּאַס ליכט, וואָס ליגט אַף אַ וואַנט. דער טאַטע מיט דער מאַמען שטייען לעבן אַן אָפֿענער מולטער, באַזאָרגטע און שטילע, ווי עס וואָלט דאָרטן געלעגן אַ קראַנק קינד. מאַכמעד איז אויך דאָ. כאַים ראַבינאָוויטש איז דאָ. כאַים ראַבינאָוויטש איז אַ מיטל־וויקסיקער איד מיט אַ שיינער צעקעמטער ברייטער באָרד און פֿרומע מילדע אויגן. צו רעב כאַימען, ווייס איך, קומט מען זיך האַלטן אַן אייצע, אַזוי ווי צו אונדזער קלוגער שכיינע נעכאַמע מוישע וואָלפֿס. דעם אידנס פּאָנעם, דאָס ווייסע און אויסגעאיידלטע, איז ערנסט באַזאָרגט. ער רעדט שטיל:

— אַ כילעל - האַשעם!... צווישן אידן זאָל זיך אַזוינס אָפּטאָן!...

מאַכמעדס פּאָנעם איז אויך אויפֿגערעגט. ער רעדט מיט אַ טיפֿקייט, מיט אַ ווייטיק אין קאָל, אַף רוסיש:

— קאַק עטאָ וואָזמאָזשנאָ!... ווי איז עס מעגלעך, הייסט עס.

איך שטעק אַריין די נאָז אין דער אָפֿענער מולטער און דערפֿיל אַ האַרבן רייעך פֿון האַשטאָנע און פֿון קעראָסין. די ראָשטשינעס זיינען פֿאַר־פֿלעקט, פֿאַרשטונקען. די מאַמע נעמט מיך אַן פֿאַר אַן אַקסל און ווייזט מיר מיט די אויגן צו דער סטעליע:

— טו אַ קוק טאָכטער, ס'אַרא גרויסן לאַד זיי האָבן געמאַכט!... די גענדז אין שטייג האָבן זיי אויסגעדישעט, נעבעך!...

איצט פֿאַרשטיי איך שוין וואָס עס איז געשען. אונדזער בוידעם גרענעצט זיך מיט ברײַנדלס. דאָס האָט זי געטאָן.

דער טאַטע איז אַזאַ שטילער, אַזאַ טרויעריקער, איך דערקען אים קוים. מיר טוט ווײ ס'האַרץ פאַר אים. דעם ערשטן מאָל זע איך אים אַזאַ באַטריבטן. ער רופט זיך אָן זייער שטיל:

— איך וואָלט גענומען אַ דובניע און פריטשמעליעט די שאַפּענע קעפּ זייערע.

מאַכמעד נעמט אָן דעם טאַטן פאַר בײדע אַקסלען און קוקט אים אין די אויגן:

— ניע נאַדאָ, הערשקאַ בראַט!... מען דאַרף נישט, הייסט עס, הערשקאַ ברודער!..

רעב כאַים ראַבינאָוויטש גייט אַרויס פון דער בעקעריי. דער טאַטע מיט דער מאַמען און מאַכמעד גייען אים נאָך. אַפן טראָטואַר, לעבן איר קלייט, שטייט ברײנדל, אַ שטילע מיט אַ פרום פּנים און מיטן יאַנטעוור־דיקן טיכל ביז די אויגן.

— שעם דיך, ברײנדל, אין דײַן אייגן פּנים! — רופט זיך אָן רעב כאַים. האָסט גאָר פאַר גאָט נישט קיין מוירע?!... בעדיל האַדאַל שטעלסטו אַ טאַטן פון קליינע קינדער!...

ברײנדל לייגט אַרויף בײדע הענט אַפן האַרצן און פאַרייסט דעם קאָפּ צום הימל:

— ווי מיר האָבן איצט מאַצע־יאַנקיפּער, ווי מיר שטייען אונטערן הימל, שווער איך אייך, איך האָב דאָס נישט געטאָן!... זאָג איך ליגן, זאָל גאָט באַ מיר אָוועקנעמען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע!... זאָל ער מיר צושרייבן אַ שוואַרץ קוויטל!...

אַ סאָד קנייטשן זיינען באַ איר אַפן פּנים אַרויסגעקומען. אירע אויגן זיינען פאַרטרערט. רעב כאַימס אויגן אויך. ער כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ.

געוואַלד!...

ער דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום טאַטן און מיט זיין גאַנצער נעגידישער ברייטקייט, וואַרפט ער אים צו:

— ביזט געווען און וועסט בלייבן הערשעלע טשאַרנאָפּוי..

די גאַס איז פול מיט מענטשן. מיינע אויערן זיינען פול מיט קלאַלעס, מיט שטעכווערטלעך אַפן טאַטנס כעזשבן און מיט ברײנדלס יאָמערן:

— אידן בעניי ראַכמאָנים!... נעמט אים אַרויס פון דאַנען!... אַ בילבל, אַ שעקער בילבל טראַכט ער אַף מיר אויס!...

דעם אַנדערן טאָג גייט די מאַמע אום אַ בלייכע, אַ שווינדיקע. דער טאַטע רעדט צו איר זייער שטיל און בעטנדיק:

— ראַצע, גיי אַראָפּ אין קלייט, דערפרייַ נישט מיינע סאָנים!... די הינט, די ציגן, צעשלעפּן ס־געבעקס!..

די מאַמע שווייגט, אַ בייזע אַקשאָנעס ליגט אַף איר פאַרמאַטערט

פאַנעם. עטלעכע טעג האָט דער טאַטע נישט אויפגעהערט זי צו בעטן און די מאַמע האָט אַלץ געשוויגן...

אזוי האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער שכיינעס מיט ברײַנדל דער קרומער.

יג. — א נייע בעקערײַ, נייע פרײַנט און נייע שכיינים

נאָך יאָנטויווים, שטייט די גאַס א רואיקע, א נאָכגעביקע און א טריבע. פייכטע ווינטן וויען און שושקען אריין אין די אויערן מיט א מאַטן הארבסטיקן אומעט.

די טריבע טעג, אויסגעהוילטע פון זומערדיקער פרייד און לוסטיקייט, וועלקן, פונקט ווי עס וועלקן ביימער, די זאַנגען וואָס זיינען שוין ליידיק, אויסגעהיילט פון די קערנער, פון יעדן טראַפּן זאַפט און כיעס. פון די ביי־מער פאַלן פאַרגעלטע בלעטער, ווייכע און פאַרשוויצטע, דער לעצטער טויט־שוויים.

איך גיב מיך נישט אונטער דעם הארבסטיקן אומעט. איך בין באַ־שעפטיקט מיט א סאַך נייע זאַכן. אינעם הויף פון אונדזער נייער בעקערײַ, וואָס דער טאַטע האָט געעפנט אין אן אייגענער שטוב, פרעגלט איצט מיין מאַמע פּאָווידלע אף ווינטער. איך העלף איר איבערקלייבן און איבערוואַשן די טשערעקושעס צום פרעגלען. זיס זיינען זיי, ווי האָניק!..

היצעלע מיט דער מאַמען שטייען לעבן א גרויס פייער באַ אונדז איי־נעם ברייטן פוסטן הינטער־הויז און מישן אין צוויי הויכע קופערנע פאַנען. די פייערן זיינען ברייטע און ליכטיקע. היצעלעס פּאַנעם שיינט אויך אזוי ברייט און ליכטיק, ס'שיינט ארויס פונעם גדיכטן וואָלקן רויך באַם דורכמישן די פּאָווידלע מיט א לאַנג געשניצט לאָפּעטקעלע. עפּעס רעדט זי צופיל מיט דער מאַמען. זי זיפצט צופרידן. די מאַמע מיט היצעלען קוקן זיך אין די אויגן אריין, ווי צוויי טייבעלעך. מיר זעען זיי נישט אַן, זיי זעען אויך נישט ווי ס'פּאַלט שוין צו די נאַכט. א שטיק אויסגעלאַ־שענע זון טוקט זיך אינעם רויך איבער זייערע קעפּ און שפּרייט זיך אַפן שיטערן ביסל שטרוי, דעם פייכטן און פאַרוועלקטן, וואָס פויערים לאָזן דאָרטן איבער אין די זונטיקדיקע מאַרק־טעג. די נידעריקע דעכלעך פון דער ריי אַלטע קעמערלעך און דריי אָפּענע אַפּטריטן, וואָס מען רייניקט זיי קיינמאָל נישט אויס, בויגן זיך טיפער אינעם זוים פון דער אונטער־גייענדיקער זון.

איך קען דאָרטן לאַנג נישט שטיין. די דריי צעבראָכענע אַפּטריטן איפּעשן, קיינער זאָגט מיר דאָ קיין וואָרט נישט און איך מוז אויך אַריינ־לויפן אין אונדזער נייער בעקערײַ.

די בעקערײַ שטייט אין דער זעלבער גאַס, נאָר מיט איין שטוב ווײַ־

טער פֿון דער פֿריערדיקער. די קלײט איז אַ פּירקאַנטיקע מיט צװײ גרױסע פֿענצטער צו דער גאַס, פֿענצטער מיט אַ סך קלײנע דרײַעקעבדיקע שײַבעלעך און אַ גרױסע צװײ העלפֿטיקע טיר אַן שױבן.

דער אײנציקער צימער הינטער דער קלײט, איז אַ לאַנגער, מיט אַ ברײטן װינקל אין אײן זײַט, װאָס זעט אױס װי אַ קלײן שטיבעלע און דער װינקל האָט אַ גרױס פֿענצטער װאָס גײט אַרײַן אין אַ ליק אַרײַן, װאָס ציט זיך צװישן דעם צימער און דעם אױװן און אין דער ליק שטײען אַ סך זעקלעך מעל. דאָרטן האָב איך ליב צו זיצן און הערן װאָס די בעקער־יונגען רײדן צװישן זיך. איך װאָלט געזעסן נענטער, לעבן זײ, לאָזן זײ נישט...

די שטוב איז אונדזערע, אַן אײגענע. שױן לאַנג, אַז דער טאַטע האָט זי געקױפֿט באַ מאַכמעדן. ער האָט זי שױן באַלד אױסגעצאָלט. געקױפֿט האָט ער זי באַ אים אַפֿן װאָרט. געװאױנט האָט דאָרט ביז איצט עטלעכע יאָר זײדע בעקער. אַלײן איז זײדע נישט קײן באַלמעלאָכע, ער איז אַ פּראָסטאַק און האָט געהאַנדלט מיט ציבעלעס און מיט גרינסן אַפֿן מאַרק. פֿאַרדונגען האָט אים דער טאַטע די שטוב אױך אַפֿן װאָרט און האָט אים נאָך אױסגעליִען דעם ערשטן פֿינף און צװאַנציקער אַף מעל און אַף געצײג. קײן געלט איז זײדע בעקער דעם טאַטן נישט שולדיק געבליבן, נאָר אַ סוינע איז ער אים פֿאַרבליבן, פֿאַרװאָס ער מאַכט זיך אַן אײגענע בעקערײ.

פֿאַר ברײַנדל דער קרומער האָב איך שױן נישט קײן מורע, אַז איך גײ צו מאַכמעדן, מײַד איך אױס דעם טראָטואַר אירן: זאָל זי מיך גײן כאַפּן!.. די שװערע טירן פֿון אונדזער פֿריערדיקער בעקערײ, דאַכט זיך מיר, קוקן מיר נאָך. זײ זײַנען טרױעריק, עפּשער דערפֿאַר װאָס ברײַנדל האָט מיר שױן אַ פּאָר מאָל נאָכגעשריגן:

— זאָלסט ברענען, דו מאַמזערעס, מיטן טאַטן דעם גאַנעװ!... װי דאָס האָט מורע פֿאַר מיר!...

איך דערצײל דאָס נישט דעם טאַטן. דער מאַמען אױך נישט. די מאַמע האָט פֿײַנט, אַז מען ברענגט איר צוטראָגן נײַעסלעך. נאָכװאָס זאָל איך איר דאָס דערצײלן, אַז די מאַמע איז איצט רואיק און צופֿרידן! מיר געפֿעלט שטאַרק, װאָס זי העלפֿט צו דעם טאַטן פֿאַרקױפֿן ס׳ברױט. זי שטײט אַ סך אין קלײט. היטעלע איז שױן לעבן דער מאַמען. בײדע גרױסע שװעסטערלעך אױך. דאָ פֿילט זיך די מאַמע זיכער, װי באַ זיך אינדערהײם. איר פּאָנעם איז פֿריש און צעשמײכלט. זי מײַדט אױס די שכײנישע װײַבער און נײט אױס שײנע האַנטיכער מיט טישטעכער. זי נײט אױס פֿײגל אַף שװאַרצע פּלױשענע קישעלעך און שטריקט שײנע קילעמלעך.

איך זיץ אַ סך אין צימער. דורכן קלײנעם פֿענצטער אינעם טירל קוק איך אַרױס צו דער מאַמען אין קלײט אַרײַן. איך מוז אױך אָפּהיטן דאָס פֿענצטער װאָס גײט אַרױס צו דער ליק. טאָמער פֿאַרט אַרײַן אַ פֿורערישער װאָגן מיט האָלץ, כאַפּ איך מיר אַרױס אין דרױסן. די פּריזבע איז

הארט באם פענצטער. איין שפרונג, בין איך פון יענער זייט. א שטיק געזונט קומט מיר צו פונעם נאכהענגען זיך באם הינטערשטן שטיק דישעל פונעם וואגן.

מיר איז אויך גוט, וואס זכאריע מיט הערשלען, יאכוועד דער מילכיקערנס איינגלעך, ארבעטן בא אונדז. זכאריעס פאנעם איז ברייט און מאטעווע, זיינע בלויע רויזן־אויגן זיינען מיט כיין, מיט שארפזין און גוטסקייט. מיך פארדריסט פארוואס מען רופט אים פארד. ער האט א קליין פליכל אפן קאפ. ווען זכאריע שלאפט זע איך עס. פארוואס זיינען מענטשן אזוינע ליגנערס! זיי טראכטן אויס א גרויסן בילבל אף מיין זכאריעלען, דעם טייערן און הארציקן. א פארד וואלט נישט געקאנט האבן אזא מילד קאל א טיפס און א געזעצטס. א פארד, זאגט מען, איז א בייזער, אן אקשן. זכאריע איז נישט קיין בייזער און נישט קיין אקשן. א כוצדעם האט ער שיינע ליכטיקע בלאנדע האר. שוין טויזנט מאל ווי איך פארקעם זיי אים מיט דעם בערשטל און מיט שפייעכץ.

הערשל, זכאריעס ברודער, איז א ווייסער, מיט שטייפע קינבאקן און זוניקע שמייכלען ארום מויל, ארום זיינע טיפע בלויע אויגן. הערשל איז העכער פון זכאריען, איידעלער, פלינק איז ער און שטארק ווי א לייב. מילד און הארציק ווי א טויב.

דער טאטע זאגט, אז די צוויי ברידערלעך זיינען בריליאנטן. מיט ערלעכקייט און מיט נעמאנעס קענען זיי באטיילן אלע יעדעניצער צוויאקעס, די גאטס גאנאווים, און אליין אויך נישט בלייבן ליידיק... דאס טישקעסטל מיט געלט איז פאר זיי אפן און אז דער טאטע גייט אוועק באנאכט ארבעטן צו מאכמעדן, בלייבן זיי ארעוו פאר דער גאנצער בעקעריי. די צוויי ברידערלעך ריידן גוט טערקיש. נאר דער טאטע רעדט בעסער פון זיי. איך האב ליב צו זיצן בא זכאריעלען אף די אקסלען און ער זאל מיך לערנען ריידן טערקיש. ברייטע און שטארקע זיינען זיינע אקסלען. פונקט אזוי ברייט און שטארק איז דאס גוטע ערלעכע הארץ זיינס.

אין שטוב בא אונדז זיינען זיי אזוי ווי אייגענע קינדער. פרעגלט די מאמע איינגעמאכץ אף ווינטער, העלפן איר זכאריע און הערשל האלטן א קליין פייער און אויסשוימען דעם אויבערשטן סיראפ. איך העלף אויך צו, נאר יעדן מאל ווען די מאמע נעמט אראפ אביסל איינגעמאכטס אין א טעלער אף צו פרוון צי ער איז שוין פארטיק, לעק איך אים שפעטער אוים. איך לעק אויך אוים די אויסגעליידיקטע „ליגענען", די פאנען, נאכן אויספרעגלען. איך צי מיך אוים אף דער ערד און שטופ ארייַ דאס פאנעם אין דער פאן. אזוי איז גרינגער צו לעקן. איך קלעפ מיר אבער אן די האר אינעם דעק פון דער פאן. די נאז מיטן שטערן ווערן אויך קלעפיק, עס רייסט די הויט.

זכאריעלע לאזט מיך נישט אפוואשן. ערשטנס, וועט שפעטער זיין נאך איין פאן צום אויסלעקן און צווייטנס, פאסט מיר צו זיין פארשמירט...

הערשל קנייפּט מיר די באַקן, וואָס קלעפּן זיך פון איינגעמאַכטס און קריצט מיט זיינע ווייסע און שטאַרקע ציין:

— ראַנא, ראַנא ריי, אַזוינע מיידלעך וויל איך דריי!...

אָבי די מאַמע קלאָגט זיך, אַז דער בויך אירער איז אַ פאַרשאָל־טענער, ווייל זי האָט נישט קיין אינגלעך!

דער טאַטע גייט אַרום מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ און מיט אַ וואָרים צעשמייכלט פּאָנעם. ער איז אויפגעלייגט און לערנט זי:

— ראַצע זאָל דיר ניט אַרן, זאָל ס'פייער אין אויוון זיין אויסגע־לאָשן, די קוילעטשן אַף די גאַרעם איבערגעגאַנגען, די ראַשטשינע אַרויס איבער די מולטערס... מיש זיך נישט! קיין איין וואָרט זאָג נישט אַז אַרבעטער! פּאַר אַ בעקער־יונג מיט אַמביציע, מיט אַ געזונטן מויעך, איז דאָס ערגסטע ווען אַ באַלעבאָסטע זאָגט אים דייעס און קוקט אים אין טאָפּ אַריין, וויל זיין אייבערהאַר!...

די מאַמע פאָלגט דעם טאַטן. אין דער בעקעריי קומט זי נאָר אַריין אַף צו מאַכן ס'עסן פאַר אונדז, פאַר די אַרבעטער. גאַנץ פרי צעקוועטשט די מאַמע אַ גרויסע שיסל קאַרטאָפל מיט ציבעלע און מיט געגנדזן־שמאַלץ. זכאַריען מיט הערשלען גיט זי צו גלעזלעך פאַרפּראַוועטן בראָנפן. זי מאַכט אויך אַסאַך לאָקשן מיט קעז און פּוטער, וואַרעניקעס און קרעפּלעך, זופּ געדיכטן און באָרשט מיט קאָטלעטן. זכאַריע מיט הערשלען העלפן איר איבערקלעפּן די וואַרעניקעס. די מאַמע באַקט בוימל בולקעס, פּלעצלעך מיט אייער און פּוטער, מאַליסניקעס און זיסע מאַלייעס מיט שמאַלץ. דאָס אַלץ שטייט אין אַ גרויסער מאַקערטע אַף די גאַרעם... זי שרייט צו זיי פון דער קלייט:

— קינדער, האָט זיך אַליין אין זינען! מיך דערמאָנט אויך קיינער נישט אין עסן!...

פרייטיק אינדערפרי, ווען די מאַמע פאַרקויפט די קוילעטשן, דאַרף מען איר העלפן קאָכן די שאַבעסדיקע פיש און אָפּבאַקן די אייערדיקע מאַנדלען צו דער שאַבעסדיקער יויך. זכאַריע מיט הערשלען האָבן דאָס אינזינען.

פרייטיקצונאַכטס עסן זיי מיט אונדז. לויטערע און שטילע זיצן זיי באַם טיש צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, און זיי זיינען מיר דערני־בער אַזוי ווי ברידער. דער טאַטע נעמט זיי מיט פרייטיק באַטאָג אין באָד אַריין און שאַבעס אין שול אַריין.

אין אַ פרייטיק בין איך אַריינגעגאַנגען צו כייעם ראַבינאָוויטש אין קלייט קויפן שאַבעסדיקע ליכט פאַר דער מאַמען. האָב איך דאָרט געטראָפן פישעלע טאָבע ליבעס, היצעלעס קלענערן ברודער. דער טאַטע האָט רעכט וואָס ער זאָגט, אַז פישעלע וואַקסט אַ גאַנעוו. פאַר מיינע אויגן האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ קאַפּטשאַנקע, אַ טרוקן פישל אַזאַ, פונעם פעסל. מיט אַ קאַלטער מינע האָט ער מיר געקוקט אין פּנעם אַריין און מיט זיינע

קליינע וואסערדיקע אויגן מיר געהייסן שווייגן. אין דרויסן האב איך אים אפגעשטעלט:

— פישעלע, מען טאר נישט גאנווענען, גאט שטראפט, מען ווערט פארטריבן און פארשעמט פון מענטשן...

דאס באכערל האט מיך אנגעקוקט מיט א ווינקל פון זיין רעכטן אויג און געשמייכלט:

— אלע מענטשן גאנווענען.. רעב כייעם ראבינאוויטש אויך... מיינסט, אז די וואג זיינע איז א גוטע, א ריכטיקע? ווי לאנג קרענקט ער!... ווער סע גאנוועט, דער האט!...

מיר ווערט קאלט פון שרעק. ער גיט מיר א שטיקל קאפטשאנקע צו פארזוכן, נאר איך אנטלויף שנעל...

זכאריע קומט אונטער אין אלע מיינע נויטן. אלע פארנאכט שיט מען ארויס א פולן זאק מיט מיסט פונעם שאכן אונדזערן, יויעל דער צוקערניק. אינעם מיסט זיינען דא א סאך שיינע פאפירלעך, געלע ווי גאלד און רויטע, און שטיקלעך צוקערקע. דעם עמעס געזאגט, נישט קיין וואזשנע צוקער־קעס, גאישע, וואס צעשיטן זיך אין מויל ווי זאמד און האבן א טאעם פון זייף. נאר איך קלויב זיי אויס פונעם מיסט איינינעם מיט די שיינע פא־פירלעך. איך צעשענק זיי צווישן די שכייניש קינדער. זיי זיינען אבער כאזיירים... ווי נאר מען שיט ארויס דאס מיסט, זיינען זיי דא... עס לויפן אויך אן די הינט פון די יאטקעס... מיך שטופן זיי אוועק... מיט וואס פאר א רעכט קומען זיי אהער!... איך בין דאך דעם צוקערניקס א שכיינע!... דעם צוקערניקס אינגלעך זיינען מיינע כאווירים. ס'מיסט געהער מיר!...

אז די מאמע זעט מיך נישט, לאז איך מיך אראפ אף די קניען און פארדעקט ס'מיסט מיטן קליידל. סאבאליעוויטשעס שייגעץ מיט די לאנגע ציין, ווערט צוזעצט פאר קאעס. ער רייסט מיך פאר די האר און שרייט „זשידאווקא פארכאטא". איך שריי אים צוריק ס'אייגענע. זכאריע לאזט נישט צו דעם שייגעץ צו מיין מיסט. ער לאזט מיך אויך נישט שרייען „זשידאווקא פארכאטא", ווייל דער שייגעץ לאכט און פרייט זיך ווי א מעשוגענער!... זכאריע האט מיר שוין אויסגעזאגט וואס דאס ווארט מיינט און איך ווייס שוין פארוואס דער שייגעץ האט פון מיר אזוי געלאכט און געשפעט. זאל ער לאכן וויפל זיין הארץ גלוסט!... זכאריע האלט מיט מיר! קיין איין שטיקל צוקערקע וועט דער שייגעץ פונעם מיסט נישט ארויסקריגן! די אידישע קינדער — יא!... מער פון אלע — כייע היטעלע מיטן פארד. זי איז נעבעך א געשטראפטע, דערצו אונדזערע א שכיינע, זייער שטוב מיט אונדזערע שטייען אונטער איין דאך...

כייע היטעלעס מאמע איז כאנעלע די שטינקערן. זי היט נישט אפ איר טאכטער. זי היט נישט אפ איר שטוב און נישט אלע אירע קינדער, וואס האבן אלע פארכעס. איך הער דאס צווישן די ווייבער. כאנעלע האט א שמאל פענימל, א פארביקס און א פרישס. איר שווארצער באפעדערטער קאפ אונטערן טיכל, מאכט זי אלט. אירע אלטע צעריסענע קליידער מיט

די אויסגעדרייטע שיך ווייזן אוים ווי פֿון אַ שלעפּערקע. נאָר זי איז ניט קיין שלעפּערקע און ניט קיין אָרימע. איר מאַן, אַלטער הער פּעלצנמאַכער, אַרבעט אַ סאַך. אַלע יאָר פֿירט אַוועק אַפֿן יאַריד קיין יאַרמעלינעץ אַ סאַך פּעלצן. ער פֿאַרקויפֿט זיי דאָרטן און ברענגט אַהיים שיינע געפֿעסן, טייערע טשייניקלעך און קאַראַמויניקלעך מיט אַלערליי קריגעלעך. ער ברענגט פֿאַר בייע היטעלען רויטע און גרינע זיידענע זאָנטיקלעך...

נאָך וואָס דאַרף בייע היטעלע אַזוי פֿיל זאָנטיקלעך?.. זי טראָגט דאָך אַפֿן קאָפּ אַ רויט וואָלן שאַלעכל, אַ פּעטס און אַ לייזיקס... מיידעלעך מיט צעפּלעך מעגן טראָגן זאָנטיקלעך. אַפֿילע איך, מיט מיינע קורצע פֿאַרמע־ליקטע האָר, מעג האָבן אַ זאָנטיקל... האַרטע האָר איז פֿאָרט נישט קיין פֿאַרך מיט אַ רויט לייזיק שאַלכל... ווי שעמט זי זיך נישט אַרויסצוגיין שפּאַצירן אַפֿן טראָטואַר מיטן אויפֿגעמאַכטן זאָנטיקל?... די קינדער פֿון גאַס ווייסן דאָך וואָס ס'טוט זיך בײַ איר אַפֿן קאָפּ...

מען ווייסט אויך, אַז כאַנעלע די שטינקערן קאָכט נישט קיין עסן פֿאַר איר מישפּאָכע. זי אַליין עסט קאַלטע מאַמעליגע מיט מאָנפּאַסיע און די קינדער עסן שאָפּענע פּאַסטראָמע, וואָס דער פֿאָטער דערוואַרימט פֿאַר זיי. עליע־לייבל, כאַנעלעס עלצטער זון, שלאָגט די מוטער און רופֿט זי פֿאַר־גאַווערטע ניאַנקע.

אין גאַס רופֿט מען זי „דער בעקערישער טעלעפֿאָן". זי ליגט טאָמיד איבער צווישן די בעקערייען און ווייסט פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען. וויל אַ בעקער אָפּריידן אַן אַרבעטער פֿון אַ צווייטן, פֿירט דאָס דורך כאַנעלע. אַ שטילע, מיט אַ שאַלכל אויף די געהויקערטע פּלייצעלעך, שטעכט זי אומעטום אַריין אירע קליינע שפּילקע־אויגן, די הייסע און זוכנדיקע. אין שטוב בײַ אונדז האַלט מען נישט פֿון איר. זי גאַנוועט. אַז כאַנעלע קומט אַריין, שרייט צו מיר דער טאַטע, — באַק! וואָס אויף טערקיש הייסט עס: היט!

איך היט זי שטאַרק און זע ווי זי שטופּט אַריין אַ בינטל צוקער־בייגעלעך אין בוזים. די מאַמע הייסט מיר שווייגן: מען טאָר נישט מעווייעש שטעלן.

די מאַמע האָט ראַכמאָנעס אויף כאַנעלעס קינדער. איך אויך. קיין סאַך קען איך אָבער דאָרט נישט זיצן. ס'שטינקען די פּעלצן און די אי־בערגעשטאַנענע פֿעדערן, וואָס די אַלטע בייע־גיטל, כאַנעלעס שוויגער, פּליקט אין קיך צווישן אויוון אין אַ גרויסער זיפּ אַריין.

מער ווי אַלץ שטינקען די פֿאַרכעס פֿון כאַנעלעס קינדער. די מאַמע האָט שוין עטלעכע מאָל אויסגעוואַשן בייע היטעלעס קאָפּ און אים באַ־שמירט מיט אַ רויטער זאַלב, וואָס מען קויפֿט בײַ יאַנקעוו־יאָסל דעם קיי־סערם ווייב.

בייע היטעלע איז עלטער פֿון מיין שוועסטער ריווקע, נאָר זי וואַקסט נישט העכער. איר שמאָל פּעניםל, דאָס גרינע און טרויעריקע, ווערט נישט פֿאַרביקער. מיר ווערט נישט גוט פֿונעם רויטן גלאַנץ אויף בייע היטעלעס קאָפּ און [illegible] רייעד פֿון פֿוטער מיט קוועקזילבער, וואָס טראָגט זיך פֿון

דעם שמירעכץ. אַז איך שלינג אַראָפּ די סלינע אָדער איך עס עפּעס דאַכט זיך מיר איך עס כייע היטעלעס פּאַרד... מיר טוט ווײ פאַר דעם אומגליק־לעכן מיידל. ס'טוט מיר ווײ פאַר איר מאַמען, דעם בעקערישן טעלעפּאָן, וואָס קלאָגט מיט ביטערע טרערן און שיקט קוויטלעך מיט פּידיוינעס צו די ראַבייאים זיי זאָלן אויסבעטן בײַ גאָט אַ רעפוע פאַר איר באַסיעכידקע כייע היטעלע... איך ווינטש איר טאָמיד אַ רעפוע. איר שטענדיקע כאַווערטע קען איך אָבער נישט זײַן. ערשטנס, קען איך נישט פאַרלאָזן די אַלטע גוטע פריינט מײַנע, אַסאַך קומט צו מיר עטלעכע מאָל דורכן טאָג, און מײַן מאַכמעד! — פרעגט שוין גאָרנישט! זינט איך האָב באַקומען אַסאַך נײַע פריינט, האָט ער מיך טויזנט מאָל מער ליב. ער לופט מיר נאָך ביז צו דער קופּע מיטן צוקערניקס מיסט און קושט מיר אויס די פאַרשמירטע הענט מיט דעם פאַרמעליקטן קאָפּ.

איך בין שטאַרק פאַרנומען מיט מײַנע נײַע פריינט.

יג. — היצעלע פאָרט קיין אַמעריקע. — מיר האָבן אַ נײַע דינסט

אַ קאַלטער ווינטערדיקער פרימאָרגן. שכיינעסדיקע דעכער קוקן צו מיר אַרײַן מיט אַ פרישן דינעם שנײ באַפּוצט. אַפן דעכל פון אונדזער גאַ־לערייע טאַנצן אַרום עטלעכע וואַראָנעס. זיי קראַקען און שפּרינגען פון איין פיסל אַפן אַנדערן. מיר גלוסט זיך אויך טאַנצן. דער ערשטער שנײ וועקט נײַע פרייד, נײַע דערוואַרטונגען. אינדרויסן לאָזט מען מיך אום ווינטער נישט שפּילן, וועל איך ליגן אַפן אויוון פון אונדזער בעקערײַ און הערן ווי הערשל מיט זכאַריען זינגען בײַ דער אַרבעט. ווי האַרציק, ווי שיין זיי זינגען!...

אָבער, וואו איז היצעלע? און פאַרוואָס איז די שטוב בײַ אונדז אַזוי ווי פּוסט געוואָרן, ווי אויסגעליידיקט! איך טו מיך אַליין אָן, איבל אַרי־בערגיין צו דער מאַמען, זי איז מיסטאָמע אין דער בעקערײַ....

אין דרויסן כאַפּט מיך אַרום אַ טרוקענער ווינט, ער צופּט מיר ס'פּאַ־נעם, די אויערן, וואָס איז דאָס?... בײַם האַרצן צופּט מיר אַ גרויסער פאַר־דרוס. טאַקע! היצעלע פאָרט שוין קיין אַמעריקע?...

פאַרן אָפענעם טויער שטייט אַ פויערישער וואָגן, מיט אַ סאַך בינט־לעך אָנגעוואָרפן. היצעלעס מאַמע, טאָבע־ליבע די גראָבע, און היצעלע אַליין, זײַנען אָנגעטאָן ווינטערדיק, מיט גראָבע רעקלעך און גראָבע שאַלן אַף די קעפּ, פאַרבונדן אונטער די הענט, ווי די באַהעלפערס. אַ האַרבאַטע מיידל זיצט אין וואָגן אַרײַנגעזעצט צווישן די אָנגעוואָרפענע קלומקעס, ווי דער קאָפּ אירער צווישן די פּלייצעס. עטלעכע ווײַבער שטייען אַרום דעם וואָגן מיט באַהאַלטענע קעפּ צווישן די אַקסלען, ווי זיי וואָלטן געווען

האַרבאַטע. די פערד קייען נישט ניכעדיק אַביסל שטרוי פון דער ערד. זיי ציטערן.

מיר איז אויך קאַלט און נישט ניכעדיק. איצט פיל איך ווי ליב איך האָב היצעלען. פאַרוואָס האָב איך געזוכט אַזוי פיל נייע פריינט?... היצע־לע איז דאָך די בעסטע, די קלוגסטע, די געטרייסטע!... דערפאַר האָט זיך היצעלע אַזוי געהאַלטן שטענדיק לעבן דער מאַמען, זיך געסוידעט מיט איר. ביידע פלעגן זיך קוקן אין די אויגן. פאַרוואָס האָט היצעלע מיר גאָר־נישט דערציילט?! בין איך דען אַ פרעמדע, צי אַ נאַר!..

היצעלע פאַרייסט צו מיר איר ברייט פּאָנעם, דאָס באַקיינטע און אויפגעלעבטע. זי רעדט צו מיר דורך טרערן:

— זאָלסט אויסוואַקסן אַ גרויסע מויד, גאָלדעלע, דיבעק! זאָלסט פאָלגן דעם טאַטן, דער מאַמען!...

אוי וויינט מיר ס'האַרץ! איך פיל שוין די בענקשאַפט נאָך היצעלען. די מאַמע לויפט אַן פון דער בעקעריי. זי טראָגט אַ בינטל מיט עסן און שרייט:

— היצעלע, לעמאַנאַשעם, פאַרגעס נאָר נישט אין מיר און מיינע קינדער!

ניין, היצעלע וועט נישט פאַרגעסן אין דער מאַמען, אין אונדזער שטוב, אין קיינעם נישט, אַפילו נישט אינעם פריפּעטשאַק, וואו זי האָט אַ סאַך זיפצן אין די פייערן אַריינגעבלאָזן...

היצעלע לויפט אַרויף צו אונדז און דרייט זיך אום איבערן זאַל, קוקט אין אַלע ווינקעלער און גלעט זיי מיט די בליקן. איך קוק, באַם פריפּע־טשאַק, שטייט זי לענגער. זי זיפצט. צו די צוויי שוועסטערלעך פאַלט זי צו ווי אַ הונגעריקע צו אַ געשמאַקן אָנבייסן, זי קושט זיי אַפן נאַקעטן לייב, כאַפּט זיי אַראָפּ פונעם געלעגער און דריקט זיי צום האַרץ, צום גראַבן לייבל מיט דעם אַרומגעבונדענעם שאַל. די מאַמע גייט איר נאָך, ווי אַ קו דעם קעלבל, זי האַלט זיך קוים איין פון וויינען. היצעלע באַגיסט זיך מיט טרערן. פאַרוואָס דאַרף זי וויינען?... זי פאָרט דאָך צו איר טאַטן!... און היינט אַזאַ דורכקאַטייען זיך... איך וואָלט מיך כאַטשע וועלן אָנהען־גען פון הינטן!.. דער דישעל איז אַ גראָבער, ער וועט נישט העצקען... נאָר איך האָב קיין מאַזל נישט... אומעטום איז דאָ די מאַמע...

אויך נעכאַמע מוישע וואָלפס איז דאָ מיט אירע קינדער. זיי שטייען אַף דער גאַלעריי. היצעלע געזעגנט זיך מיט זיי. אָבער נישט אַזוי שטאַרק ווי מיט מיר, ווי מיט דער מאַמען. די מאַמע פירט היצעלען פאַר דער טאַ־ליע. זי פירט זי אַראָפּ פון דער גאַלערייע. איך גיי אויך אַראָפּ. אַ פריש רעדל ווייבער שטייט שוין באַ דער פור. דער טאַטע איז שוין אויך דאָ. טאָבע־ליבע האַלט אים פאַר ביידע הענט און רעדט דורך טרערן:

— טוט האַשגאָכע אַף מיין פישעלען! פריער גאָט, דערנאָך איר, וועלן אים מאַכן פאַר אַ לייט!... באַלד ווי מיר קומען אַפן אָרט, נעמען מיר אים אַריבער...

פישעלע וויינט מיט א גראָב קאָל אַ וואַסערדיקס, ווי וואַסערדיק עס זיינען זיינע גרינע אויגן. דער טאַטע זאָגט צו טאַבע־ליבען:

— איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך וועל קענען, איך בין אָבער נישט אַרעוו פאַר אים... זעט די פאַלשע טרערן זיינע!...

היצעלע כאַפּט אַרום דעם טאַטן, זי וויינט מיט אַ טיפן באַנג אין איר קאָל. די מאַמע גלעט ס'גראָבע רעקל אירס און רעדט דורך טרערן:

— פאַר, היצעלע, צו דיין טאַטן, האָב נישט קיין כאַראַטע!...

היצעלע קושט זיך מיט אַלע ווייבער, מיט מיין מאַמען — נאָך מער.

דער וואָגן רירט פון אָרט. היצעלע מיט איר מאַמען, וואָס זיצן אַף די פעק, הוידען זיך, וויינען, ווי מען זיצט נאָך עמיצן שיווע, טאַבע־ליבע קוקט זיך נאָכאַמאָל אום און שרייט:

— זיי געזונט, פישעלע, קאַדישל מיינס! פאַרגעס נישט אין דער מאַמען!...

די ווייבער און אויך מיין מאַמע גייען נאָך דעם וואָגן. איך אויך. ריווקע מיט פינקלען שטייען אַף דער גאַלעריע איינגעהילטע אין די רויטע וואַטענע קאָלדרעס. איך דערלעב מיר אין זיי אַ נעקאַמע. זיי האָבן אַלץ פאַרשלאָפן, איך נישט... איך פיל אָבער אַ גרויסע ליידיקייט אין האַרצן...

נאָך ליידיקער איז מיר אין די ווינטערדיקע אָפּדערנאַכטן, אין זאַל איז צו שטיל, צו ליידיק, ווי צען מענטשן וואָלטן פון אונדז אַוועקגעפאָרן. עס פעלן היצעלעס לידלעך, אירע וואַרימע בליקן, אירע וואַרימע הענט, וואָס ציפּן אַמאָל פאַרן אויער און דערנאָך קלאַמערן זיי מיך צום האַרצן.. אין אַזעלכע אָפּדערנאַכטן קוק איך אין פענצטער, עפּשער האָט זיך היצעלע אומגעקערט צוריק?...

היצעלע איז נישט געקומען. געקומען זיינען נאָר פרעסטלעך און שנייען.

ס'איז צו אונדז געקומען אויך אַ ניי שטוב־מיידל.

זי איז אַ קליינע, אַ טרוקענע, מיט גרויסע שטופּלען אַפן פּאָנעם, דעם שמאָלן און אויסגעגרינטן. מיר דאַכט זיך, אַז איר פּאָנעם איז באַוואַקסן מיט אַ סאַך ראָבע פּאַסאָליעס. רופט מען זי: היטע מיטן פאַרד.

די מאַמע האָט זי שוין עטלעכע מאָל אויסגעצוואָגן, זאָגט זי, אַז קיין פאַרד האָט זי נישט, זי האָט נאָר טשיריקעס און איז שטאַרק פאַר־לייזיקט.

היטעס מאַמע, סילקע די גראָבע, וואָס פאַרקויפט אָבדירקעס (געגנדן אָן דער שמאָלץ) צו די באַלעבאָסטעס, הער איך זאָגן, איז אין די יונגע יאָרן געווען אין אָדעס און דאָרט געאַרבעט אין אַ קלייזל... איצט טוט זי טשואָווע, ווי אַז אייגענע מאַמע איז זי צו אירע שטיפקינדער...

איך פאַרשטיי נישט צו וואָס זי דאַרף משואָווע טאָן, מען טאָר דען נישט אַרבעטן אין אַ קלויז?... אין יעדינעץ איז דאָך אויך דאָ אַ אידענע וואָס אַרבעט פאַר אַ שאַמעסטע אין אַ קלויז... אַוואַדע ווייסן זיי נישט וואָס זיי ריידן... און אַז סילקע איז אַ גוטע, פאַרוואָס האָט זי געלאָזט אַזוי פיל

לײַז אין היטעס קאָפּ?... און היטעס טאַטע, יאָסעלע מעלאַמעד, מיטן דויטן בערדל, איז אויך נישט קײן גוטער... איך זאָג דאָס מײַן מאַמען, הויבט זי אויף אַ גוואַלד:

— אידישע קינדער, ווי דערנעמט זיך עס אַזוינס מיט אַזוינע גענײַווישע אויגן! אומעטום וואו מען פאַרזייט דאָס נישט, וואַקסט זי מיר אוים!.. אַן אומגליק!...

דאָך זאָגט די מאַמע:

— סאיז אַ גרויסער ראַכמאָנעס אַף דער יעסוימע!... מיט אַזאַ ביטערן קאָפּ וועט זי נישט אויסוואַקסן העבער... אויב מען וועט זי פאַרלאָזן, קען זי טאַקע באַקומען אַ פאַרד...

היטע הערט וואָס די מאַמע רעדט צו איר און קוקט מיט פאַרטרערטע אויגן צום פאָל. אונדז קוקט זי אין די אויגן, ווי אַ דערשלאָגענער הונט. שטיל און דערשלאָגן איז דאָס קאָל אירס. איך העלף דעם מײדל אײַנשלעפן מײַן שוועסטערל היטעלע און איך העלף איר אויך אַראָפּשיטן דאָס מיסט פון דער גאַלערײַע.

היטע האָט שוין באַוויזן אָפּצובאָדן אַ סטראַזשניק (פּאָליציאַנט) פון קאָפּ ביז די פּיס.

אין אַ גאַנץ פרי האָט זי אַריבערגעגאָסן איבער דער גאַלעריע אַ באַנאַכטיקע שיסל, איז פונקט אונטערגעקומען אַ סטראַזשניק, האָמענס נעם האָט ער געהאַט — האָט מען דערנאָך געלאַכט בײַ אונדז..

זײַן געשרײַ האָט זי אַרײַנגעוואָרפן אין שרעק און פון שרעק האָט זי אים נאָך נאָכגעוואָרפן די אויסגעלײדיקטע שיסל. דורך די הינטערשטע טרעפּ איז זי אַנטלאָפן אין הויף אַרײַן. די מאַמע האָט זי קוים אָפּגעזוכט. זי איז געווען פאַרשטעקט אינעם שמאָלן פאַריפּעשטן ליקל הינטער די דרײַ אָפּטריטן. אַ פאַרקלאָגטע האָט זי אָנגעכאַפּט דער מאַמעס הענט:

— זײַט מיר מויכל, באַלעבאָסטע, שלאָגט מיך נישט!..

די מאַמע שלעפּט זי מיט זיך און רעדט:

— רוף מיך ראַצע, נישט באַלעבאָסטע!... דאַרן זאָלן די הענט וואָס רירן אָן אַ פרעמד קינד, אַ יעסוימע, נעבעך!...

היטע װײנט מיט אַ ברײט צעגאַוועט מויל:

— אַלע באַלעבאָסטעס שלאָגן! אוי!...

די מאַמע שלאָגט נישט היטען, זי געטרויט איר אָבער נישט אַזוי פיל וויפל היצעלען. די מאַמע זאָגט, אַז היטע האָט ליב צו לאָקכענען... מען מוז זי אין די הענט אַרײַנעמען, מאַכן פאַר אַ מענטשן...

היטע איז נישט אַזאַ בעריע ווי היצעלע, זי טויג נאָר אַף אָפּצוהיטן דאָס קינד און גײן אַ גאַנג. די מאַמע זאָגט, אַז זי קען דאָס מײדל נישט מעשאַלײעד זײַן. אין די רײַכע הײַזער וועט זי אויסגעקאַרעניעט ווערן. דערפאַר האָט היטע ליב די מאַמע און זוכט איר צופרידנשטעלן.

אײנמאָל אין אַן אָפּדערנאַכט האָט היטע אָנגעטאָן דעם טאַטנס שטיוול און געגאַנגען קויפן אַ לימענע צו הערש דעם לימעניק. זי קומט באַלד צו־

ריק, טוט אַ פּאַכע מיט אַ קליין אויערינגל איבער דער שויב פונעם פענצטער און באַלד באַוויזט זי אַ האַנט מיט טײַטלען און מיט פײַגן...

— אָט האָב איך געבראַכט! — לאַכט זי מיט אַ ברייט צעגאָווערט מויל און די ראָבע פּאַסאָליעס אַפּן פּאָנעם צעציען זיך, ווערן ברייטער און פּלאַטשיקער.

די מאַמע שרייט צו איר מיט אַ פרעמד קאָל, אַ הויכס און אַן אומרואיקס:

— היטע, גיי נאָר אַריין! וואו האָסטו דאָס אַלץ גענומען?

היטע לאַכט מיט אַ פול מויל קליינע אויסגעדרייטע ציינדלעך און שלעפּט אַרויס אַסאַך גאַשוואַרג פון די קעשענעס אינעם ראָק.

— פאַר אייך, פאַר די קינדער האָב איך דאָס געבראַכט!...

די מאַמע צעעפנט אירע גרויסע ברוינע אויגן, זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און רעדט צו איר מיט אַ טיף קאָל, אַ פעטס און באַפעלנדיקס:

— היטע, איך האָב דיר דען געגעבן געלט אַף די זאַכן?...

היטע לאַכט:

— זיי האָבן נישט געזען, האָב איך גענומען!...

די מאַמע שלעפּט זי פאַר אַ האַנט, אַ דאַרער און אַ בלויער פון קעלט:

— וועסט גיין מיט מיר און אָפּגעבן די זאַכן!... אויב נישט, גיי דיר געזונטערהייט!...

היטע שטייט אַ דערשלאָגענע, די קליינע אויגן אירע שטוינען, זי בעט זיך:

— ראָצע, איר זיינט דאָך אַ גוטע! מיין מאַמע זיינט איר! נעמט דאָס פאַר אייך!

די מאַמע לאָזט איר אָפּ די האַנט און רעדט שטילער, נאָכגיביקער:

— היטע, טראָג צוריק די געגאַנוועטע זאַכן!... גיב מיר דיין וואָרט, אַז מער וועסטו עס נישט טאָן!... איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז קיין איוורי וועט דערפון נישט וויסן.

דאָס מיידל שלעפּט אַרויס אַ קליין פאַרקנופּט טיכעלע פונעם בוזים און גיט דאָס דער מאַמען:

— זעט, דאָס האָב איך געפונען, באַ דער גאַלעריע, איך שווער אייך באַ מיין מאַמעס טויטן קיוועל...

— האָסט געגאַנוועט! — שרייט די מאַמע. — פאַרנעם דיך פון מיין שטוב!...

— ראָצע, טייערע, פאַרוואָס גלויבט איר מיר נישט? איך האָב דאָס געפונען שוין לאַנג... איצט וויל איך מער קיין שום פרעמדע זאַכן נישט האָבן!...

— קום, וויז וואו האָסטו דאָס געפונען, וועל איך אויך גיין זוכן!... אַ מאַזל פון אַ מיידל!...

ס'מיידל וויינט. מיינע שוועסטערלעך אויך. די מאַמע נעמט אַרויס די

זילבערנע מאַטבייעס פונעם טיכעלע, ציילט זיי איבער, פאַרבינדט ווידער דאָס טיכעלע און רופט זיך אָן:

— האָסט דאָ אַ קערבל מיט פופציק קאָפּיקעס, נעם באַהאַלט דאָס, אויף פּייסעך, בעלי ניידער, קויף דיר סכוירע אויף אַ קליידל... שיך וועל איך דיר קויפן אַ מאָטאָנע... אַז דו וועסט זיין אַ ליט וועסטו זיך וויסן ווי צו פירן..

דאָס מיידל ווינט פון פרייד און לויפט אַוועק אַפּטראָגן צום לימעניק די געגאַנוועטע זאַכן. צוריק קומט זי אַ פרייע, אַן אויסגעלייזטע, אַ דער־הויבענע.

היטע איז שוין פריי, נאָר די פיס אירע קען זי נישט באַפרייען פונעם טאַטנס שטיוול. היטע זיצט שוין אָפן פּאָל, די מאַמע שלעפּט זי פאַר אַ פוס און היטע רוקט זיך נאָך, ווישט אָפּ דעם שטויב פונעם געוועקסלטן פּאָל... די שטיוול קענען נישט אַראָפּ. מיר אַלע לאַכן שטאַרק, היטע לאַכט אויך. שמועל, נעכאָמע מוישע וואָלפס זון, קומט אַריין און רופט זיך אָן:

— זאָל זיך היטע אַרויפזעצן אָפן לייטער וואָס שטייט אינעם פאַר־דערהויז, וועל איך איר אַראָפּציען די שטיוול.

היטע זעצט זיך אַוועק אָפן העכסטן טרעפּל פונעם לייטער, די מאַמע האַלט אים צו און שמועל שלעפּט אירע פיס...

אינמיטן דערהערט זיך אַ קוויטש און דאָס מיידל ליגט שוין אָפן פּאָל אַן אויסגעשפּרייטע מיט אירע הענט און פיס און... לאַכט.

נעכאָמע עפנט די טיר פון איר זאַל. זי לאַכט. אַלע אירע קינדער שטייען און לאַכן:

— עטאָ טשודנאָ!...

פון דער גאַס לויפן אַרויף אַ פּאָר מיידלעך. יאַנקעלע דער צעדרייטער, כאַים ראַבינאָוויטשעס אַ אינגל, איז אויך דאָ. ער קוקט זיך אַרום מיט זיינע שמאָלע פּלוטעוואַטע אויגן און רופט זיך אָן:

— ס'בעסטע וואָלט געווען דאָס מיידל זאָל זיך אַוועקזעצן באַ אונדז אינעם קאָרידאָר אויף די הויכע געשלענגלטע טרעפּ, וועל איך איר אַראָפּ־שלעפּן די שטיוול...

יאַנקעלע שלעפּט היטען פון אַלע טרעפּ אַראָפּ. עס הערט זיך דאָס קנאַקן פון אירע גלידער. זי קרעכצט ווי אַ געבונדענע, אַ שוויים באַגיסט דאָס אויסגעגרינטע פּענימל אירס.

אינדרויסן ווייעט אַ ווינט, אַ קאַלטער און אַ שאַרפער. די טרוקענע בלויקייט שיינט, באַלויכט די שטילע איינגעשלאָפענע גאַס... איז וואָס וועט זיין מיט היטעס פיס?... זי וועט שוין טאָמיד טראָגן דעם טאַטנס שטיוול?... שלאָפן אין זיי?... זיך באָדן אין זיי?... ווי אַזוי וועט זי כאַסענע האָבן מיט פרעמדע שטיוול אויף די פיס?... דאָס האָט זי מיסטאָמע גאָט געשטראָפט פאַרן גאַנוועגען....

ערשט ווען דער טאַטע קומט, דערוויס איך מיר פאַרוואָס די שטיוול ווילן נישט אַראָפּגיין פון אירע פיס. פונווייטנס שרייט ער:

— ווילדע בייעס וואָס איר זיינט! איר וועט איר די פיס אויסדרייען, פאַר אַ קאַליקע מאַכן!...

ער זעצט זיך אַראָפּ אינעם שניי, לעבן כאַים ראַבינאָוויטשעס גאַניק, און מיט אַ גרויס מעסער שניידט ער אָפּ די כאַליעוועס פון די שטיוול און שלעפּט לאַנגזאַם אַרויס דער מיידלס פיס, וואָס שטעקן אויך אין אירע גרויסע טריקאָטענע ווינטערדיקע שטיוועלעך...

דעם עמעס געזאָגט, איז מיר מיט היטען בעסער ווי מיט היצעלען. די מאַמע גייט אַוועק אין קלייט פאַרקויפן ס'ברויט, טו איך מיר וואָס מיין האַרץ גלוסט. היטע שווייגט און זאָגט מיר קיין דייעס נישט...

יד. — באַ יאָסעלע דעם שוסטער

איך קום אַריין אַ סאַך מאָל צו יאָסעלע דעם שוסטער. ער וואוינט איצט אין טאָבע־ליבע דער גראָבערס שטיבלעך, וואָס שטייען טיף באַ אונדז אין הויף.

יאָסעלע דעם שוסטערס פּאָנעם איז אַ ברייטס, אַ ביינערדיקס, מיט אַ סאַך קנייטשן. ער קוקט צו מיר מיט איין זייט פון זיין שוואַרץ־גרויען און שיטערן בערדל און באַווייזט זיין שוואַרצן טרוקענעם האַלדז מיט די שטייפע אָדערן און מיט דעם לאַך פונפּאַרנט.

דער איך אַרבעט אַ סאַך, ער הויבט נישט אויף דעם קאָפּ פונעם זיץ־בענקעלע און נעמט נישט אַרויס די אייזערנע שטיפטן פון צווישן די ליפּן. נאָר ווען ער ווערט אין קאַעס אָף זיין ווייב, וואַרפט ער איר צו אַן אַלטן שטיוול און כאַפּט אַרויס די שטיפטן פונעם מויל און שרייט מיט אַ הייזעריקן קאָל:

— ריוועקעלע די שטינקערן, אַ כולשע אין דיינע ביינער, סאַרפּענען זאָלסטו מיט די פאַרבעס מיט דיינע אייניינעם!...

איינגאַנצן אומגערעכט איז יאָסעלע שוסטער נישט. די צוויי שטיבלעך, וואָס טאָבע־ליבע האָט זיי געהאַלטן ריין און אָפּגעהיט, זיינען איצט ווי קויטיקעביידלעך. די ווענט זיינען פאַרויכערט און אויסגעשמירט מיט צע־קוועטשטע וואַנצן. די ערדן זיינען פול מיט גריבער, מיט מיסט, מיט שטי־קער לעדער און מיט ליסקע, וואָס מען הייצט מיט איר די הרובע. דאָס גרויסע הילצערנע בעט, וואָס שטייט אַן אַנגעבויגנס אָנגעשפּאַרט אָף אַ גרויס הילצערן קלעצל, איז קיינמאָל נישט פאַרבעט. אַ גרויסער שטרויזאַק, אַ דורכגענעצטער, מיט אַ פּאָר טרוקענע קויטיקע קישעלעך, וואַלגערן זיך אין בעט. פעדערן פליען אום און זיינען פול אין אַלע ווינקעלעך, אָף די קעפּ, אָף די פאַרלאַטעטע מאַלבושים, אין די טעפּ אפילע. דאָס איינציקע שטיקל שפּיגל אָפן אַלטן טישל, איז פול מיט פליגן פּינטעלעך, פול מיט רויך, וואָס טראָגט זיך פונעם קעכל.

פון דער קיך טראָגט זיך אויך אַ ווינט, ער טראָגט זיך פון דאָרט

צוזאַמען מיט די קלאָלעס פֿון ריווקע דער שוסטערקע, וואָס שטייט באַם פּריפּעטשיק מיט איר שוואַרצן באַפּעדערטן קאָפּ און בלאָזט אין די פֿײַערן אַרײַן, וואָס ברענען קײנמאָל נישט גוט.

— יאָסל, וואו האָסטו מיר געקויפֿט ס'האָלץ! זע ווי נאַס ס'איז! נאָר ס'לעשט זיך! ווען וועלן זײַן די קאַרטאָפֿליעס צום איבערבײַסן?... ווען וועט זײַן אַ גלעזל אָקרעפּ?... די נעשאָמע איז מיר אײַנגעשרומפּן!... — שטעלט זי אַן אַף אים אירע אויגן מיט רויך, מיט קאַעס און מיט טרערן.

— ברענען זאָלסטו ווי פֿײַער, ריוועלע ק... — שטײַפֿן זיך די אָדערן אַף רעב יאָסלס האַלדז, וואָס גיסן זיך אָן מיט בלוי בלוט. — ס'האָלץ גע־פֿעלט איר נישט!... אַז פֿאַרהילצערט זאָלסטו מיר ווערן, ווי איך בין שוין פֿאַרהילצערט וואַרטנדיק אַפֿן גלעזל אָקרעפּ!...

די שוסטערקע ווישט די פֿאַרטרערטע אויגן מיט אַ שפּיץ פֿונעם קוי־טיקן פֿאַרטוך און קרעכצט אַרײַן אינעם טויטן פֿײַער.

איך קרעכץ אויך. איך האָב מוירע טאָמער צעשלאָגן זיי זיך, וועט ווערן אַ גוואַלד און מענטשן וועלן זיך אָנלויפֿן און די מאַמע וועט מיך דאָרטן טרעפֿן...

מיך ציט אָבער שטאַרק צו אָט דעם שטיבל הינטער אונדזער הויף. דאָרטן איז אַנדערש ווי בײַ אונדז, אַנדערש ווי בײַ נעכאַמע מוישע וואָלפֿס. ריווקע די שוסטערקע מיט איר גאַנצן הויז־געזינד באַציען זיך צו מיר אויך אַנדערש ווי נעכאַמע מוישע וואָלפֿס. זיי זעצן מיך אַוועק אויבן אָן, אַפֿן וואַרשטעט, לעבן יאָסעלע דעם שוסטער, צווישן די אַלטע שיך מיט די שטיוול, וואָס שטינקען נאָך שוויים, נאָך נאַסקייט און פֿוילעכץ.

יאָסעלע דער שוסטער פֿרעגט מיך זייער שטיל און קוקט צו מיר מיט איין זייט פֿון זײַן בערדל:

— זאָג נאָר קליינע, וואָוהין טראָגט די מאַמע פֿאַריכטן אייערע שטי־װעלעך? אַ! ווי מיינסטו, איך טויג שוין נישט די שטיוועלעך אייערע צו פֿאַריכטן? איי, איי, איי! — און ער קלאַפּט מיטן העמערל אַ שטיק לעדער וואָס ליגט בײַ אים אַף דער קני.

אַז אַנדערשמאָל טוט ער אַ גלעט די שטײַפֿע האָר מײַנע און קוקט אַף מיר מיט וואַרימקייט און מיט קינע אַף זײַן צעאַקערטן פּאָנעם.

— זעסט אַ קעפּעלע, ריווקעלע ק..., טרוקן ווי אַ ניסעלע, רײַן!... ניט ווי בײַ אונדזערע!

די שוסטערקע נעמט אַרויס דאָס פּאָנעם פֿונעם פּריפּעטשאַק און וויינט:

— וואָס־זשע גלײַכסטו קאָניאַ דאָ סוויני?... איר מאַמע איז אַ נעגי־דעסטע, וואָס פֿעלט איר כאָלילע?...

— וואָס קען זיך אָן אַ פֿאַרד מיט נעגידעשאַפֿט! — שרײַט דער שוסטער און שטעכט זי דורך מיט זײַנע שאַרפֿע בליקן, די הונגעריקע און דורשטיקע. — אַז די הענט זאָלן דיר אָפּטריקענען, שטינקערן!...

— שטינקען זאָל דיר אויסן האַלדז!... די שיינע פּערדינאַסע וואָס דו גיסט מיר!...

מיך נעמט זי פּאַרן מאָרדעלע און קוקט מיר אַ וויינענדיקע אין די אויגן:

— דיין טאַטע שעלט אויך דיין מאַמען? אַ? דיין מאַמע מוטשעט זיך אויך כאָלילע אַזוי ווי איך? אַ? אוי, ריבוינעשעלוילעם, ביז ווען!...

באַ יאָסעלע דעם שוסטער עסט מען קאַלטע מאַמעליגע מיט ציבעלע און מיט וואַרימען גאָישן אייל. אַמאָל קויפט זיין ווייב שאָפּענע שמאַלץ. איך מיעס מיך פונעם אייל און פון דער שאָפּענער שמאַלץ. איינמאָל האָט מיין מאַמע אויסגעפּרעגלט שמאַלץ פון לעמערנע קאַדעס, האָט זי געמוזט אַרויס־וואַרפן די שמאַלץ צוזאַמען מיט די טעפּ. מיר מיעסן זיך פון דעם...

איינמאָל קום איך אַריין צו יאָסעלע דעם שוסטער און זע אַ סאַך שיך אַף די קאָפּיטעס אָנגעצויגן. ריווקע, זיין ווייב, שטייט לעבן אים און קוקט אים אין שוואַרצן פּאָנעם, דעם ביינערדיקן און צעאַקערטן. מיט פאַרקלעמטע ליפּן רעדט זי צו אים:

— יאָססל, איצט וועסטו מיר געבן אַ קערבל אַף קאַדעססס, וועל איך זיי אויספּרעגלען. ס'שמאַלץ וועלן מיר נוצן אַצינד און פון די גריוון וועל איך מאַכן קוילן און די קוילן וועל איך באַהאַלטן אַפן בוידעם... אַף פּייסער, מירטשעשעם, וועל איך זיי צעלאָזן און אַריינטאָן אין די קאַרטאָפּליע־פּלעצ־לעך...

יאָסעלע דער שוסטער קלאַפּט אַ שטיק נייעם לעדער אַף דער קני און שמייכלט מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— אַ קאָדע אַף דיין מאַמען, ריוועלע! ס'וועט שוין זיין אַף קאַדעס, אַף שמאַלץ מיט קאַרטאָפּליעס... ס'וועט שוין זיין!...

איך האָב ליב צו זען ווי דער שוסטער פרייט זיך, ווי ער לאַכט, פאַר־טייעט זיך. ער קנייפּט מיך אין די באַקן ווען איך קוק אַף אים.

אַף זיינע גרויסע אינגלעך האָב איך נישט ליב צו קוקן. זייערע היטלען שטינקען און זיינען פעט ווי כייע־היטלעם שאַלבל.

טילי, ס'קליינע מיידעלע, האָט נישט קיין פּאַרד, נאָר אַ סאַך קליינע פרישטשעם, רויטע און שפּיציקע. זי קראַצט זיך, נעבעך. מיך נעמט בייסן ווען איך קוק אַף איר...

אַף לייבעלען, זייער קליין אינגל, איז אַ ראַכמאָנעס: ער האָט אַ סאַך שטופּלען אַפן פולן לויזן פּאָנעם. ער האָט נאָר איין אויג, אַ בייז אויג און אַ הונגעריקס. ס'אויג זיינס לויפט אום אונטער זיין טיפן שטערן, ווי אַ פאַר־סאַמטע מויז אין אַ פאַרמאַכט שטייגל. יאָסעלע, זיין טאַטע, שלאָגט אים.

איצט וואַרפט ער אים אַ שטיוול איבערן קאָפּ און אַן אייזערן הע־מערל.. לייבעלע אַנטלויפט מיט אַ דערשטיקטן געהייל, ווי אַ געשלאָגענער הונט. דאָס איינציקע אייגל זיינס פליט אים שיר פון קאָפּ אַרויס. עס פליט צו מיר. ס'שטעכט מיר דורך. ס'פרעסט מיר אויף...

מיך שרעקט דאָס דערשטיקט געהייל זיינס, ס'שרעקן מיך די קלאָלעס

אין שטוב און דאָס האַלטן אַ נאַקעט אינגל צווישן די שמאַטעס, צווישן די אַלע שקראַבעס.. ס'שרעקט מיך וואָס זײ וואַרפן זיך מיט אײזערנע העמערלעך און מיט די קאָפּיטעס איבער די קעפּ... מער ווי אַלץ פּײניקן מיך די פּענימער זײערע, די בײזע און הונגעריקע. די אויגן זײערע לעכערן דורך יעדן אײנעם ווער ס'קומט אַרײן. זײ לויערן אַף די הענט, אַף די קעשענעס, וואו זײ קענען זיך נישט דערוואַרטן מען זאָל פון דאָרט אַרויסנעמען דאָס בײטעלע און באַצאָלן פאַר דער אַרבעט...

עס קומען אַהער אַרײן װײבער, באַלעבאָסטעס, באַשטעלן שטיוועלעך פאַר זײערע קינדער. עס קומען דינסט־מײדלעך, וואָס ברענגען צום פאַריכטן די אַלטע שיך פון זײערע באַלעבאַטים. זײ ברענגען אויך אַן אַראָפּגעגאַנוועט שטיקל פלײש, .אַן אַלטגעבאַקן ברויט...

דער שוסטערקעס פּאָנעם מיט די בלויע בראַנדיקע פלעקן ווערט דעמאָלט ליכטיקער. זי באַהאַלט דאָס ברויט אונטערן פאַרטעך·און באַלעקט זיך מיט דער גאַנצער צונג די טרוקענע ליפּן אירע.

עס קומען אַרײן באָכערים, פּרעמדע, צעוואָקסענע, מיט נאַקעטע ברוסטן, וואָס זעען זיך אַרויס פון אַ צעריסן העמד, פון אַן אָפּן רעקל אַפן הוילן לײב.. זײ שפּילן דאָרט אין קאָרטן און צאָלן דער שוסטערקע אַ זעקסער פון אַ „באַנק".

די באָכערים שעלטן זיך, שרײען אַף יאָסעלע דעם שוסטער, פאַרוואָס ער מישט זיך אַרײן אין זײער שפּיל, בײזערן זיך:

— שווײג שטיל, אַלטער טערעד!...

פאַר יעדער קלײניקײט כאַפּן זײ זיך שלאָגן, שפּײען זיך אין די פּענימער און הויבן אויף ווילדע קוילעס, טעמפּע און גאַזלאָנישע. נאָר באַלד בעטן זײ זיך איבער, וואָרטשען ווי די הינט און שפּילן ווײטער. זײ רויכערן ציגאַרעטן און קראַצן זיך אָן אויפהער.

אין שטוב בא אונדז ווײסט מען נישט וואוהין איך גײ אַוועק. די מאַמע מײנט אז היטע היט מיך אָפּ אַזוי ווי היצעלע האָט מיך געהיט. איך טראָג אַוועק מײן שטיקל ברויט מיט שמאַלץ פאַר·לײבעלען אָדער אַ געל מאַנדל וואָס זכאַריע קויפט מיר. שפּעטער גײ איך צו מאַכמעדן אָדער צו אונדז אין בעקערײ און עס אײער־בײגל און פרישע סדאַבנעס...

די מאַמע ווײסט נישט פון גאָרנישט. זי ווײסט נישט, אַז איך בין אַ ליגנערטע... איך שעם מיך איר אין פּאָנעם צו קוקן. איך טרײסט מיך מיט דעם וואָס די מאַמע לערנט אונדז נישט אויסצוזאָגן קײנעם ווען מען שענקט עפּעס פאַר אַן אָרימאַן.

איך וואָלט דערצײלט מײן שוועסטערל ריווקע, האָב איך מוירע. ווי מעג זי וויסן פון מײנע וויזיטן בא יאָסעלע דעם שוסטער!... פון פינקלען איז אָפּגערעדט. ווען זי זאָל אײנמאָל אַרײנגײן אין דער פאַרשטונקענער שטוב, שטאַרבט זי כאַלילע... זי איז אַ וואויל קינד, אַ שטילע, אַ לײטישע, אַן אײדעלע... איך האָב ניט ליב קײן צו אײדעלע קינדער, זײ קענען זיך נישט שלאָגן און נישט שפּילן ווי ס'דאַרף צו זײן, זײ קענען נישט לאַכן

אַפֿן הויכן קאָל, אַזוי ווי איך מיט מײַן שוועסטערל ריווקע לאַכן און פֿרייען זיך...

און איינמאָל זע איך טאַקע ווי מײַן ריווקע גאַנוועט זיך אַרײַן צו יאָסעלע דעם שוסטער. מיר קוקן זיך בײדע אין די אויגן, ווי די הענער... זי טראָגט עטלעכע בייגל אונטערן פֿאַרטעכל...

— האָסט געגאַנוועט? — פֿרעג איך זי שטיל.

ריווקעס אויגן ווערן פֿײַכט. זי רעדט צו מיר שטיל און באַלערנדיק:

— דאָס הייסט נישט געגאַנוועט! ס'הייסט געטאָן אַ מיצווע!...

— די מאַמע ווייסט פֿון דעם?

— ניין, גאָלדע, זי דאַרף דאָס נישט וויסן! איך טראָג אַוועק מײַנע בייגל, מען גיט זי מיר צו דער טיי...

— און דו וואָס עסטו? — פֿרעג איך זי, אַ פֿאַרגאַפֿטע פֿון איר גוטסקייט.

— איך? איך נעם מיר אַנדערע! ס'איז דאָ אַ סך! פֿאַר אַפֿנאַרן די מאַמע וועט מיך גאָט נישט שטראָפֿן. זי פֿרעגט מיך סיי ווי נישט וואָס איך טו מיט מײַנע בייגל...

איצט גייען מיר שוין בײדע אינאיינעם. מיר קרומען זיך נאָך ווי די שוסטערקע רעדט, מיט די שאַרפֿע סאַמעכן, ווי זי שניידט מיט זײַ דורך די „לעמערנע קאָדעססס"...

די מאַמע לאַכט מיט אַ פֿול מויל ציין און מיט פֿולע אויגן טרערן. זי שיקט איצט מיט אונדז צו דער שוסטערקע שיסלען מיט געזייערט קרויט און אוגערקעס, בינטלעך פֿאַפֿשויע־מעל אַף מאַמעליגע און קאַרטאָפֿל.

טו. — ריווע די מויד און איר מישפּאָכע

איך האָב נאָך אַ כאַווערטע. די פֿערטע שטוב פֿון אונדזער בעקערײַ וואוינט זי. סאָסיע הייסט דאָס מיידעלע. זי איז אַ גראָבינקע, אַ ברייט צעוואַקסענע און אַ שיינע. דער טאַטע אירער, זאָגט מען, איז אין טשילע, ער וואוינט דאָרטן מיט אַ דייטשקע... סאָסיעס מאַמע רופֿט מען ריווע די מויד. ווי מעג אַ מויד האָבן אַזוי פֿיל קינדער? און ווי מעג אַ איד וואוינען מיט אַ דייטשקע?...

סאָכיעס ברודער, דער עלצטער, איז געווען אין טשילע. אַ סאַך בלעכענע גאָפּלען מיט לעפֿלען האָט ער געבראַכט פֿון דאָרטן. וואָס זשע אין יעדינעץ קריגט מען שוין נישט קיין לעפֿלען מט קיין גאָפּלען?... אַזש קיין טשילע דאַרף מען פֿאָרן נאָך אַזאַ גרויסער מעציע?...

סאָכיעס קלענערע ברידערלעך, כײַעם און מוישעלע, גייען אום אין צעפֿליקטע הויזן, איין לאַטע אַף דער אַנדערער. מוישעלע איז נאָך גאָר אַ קליינער, ער קען נישט זאָגן מאַמע, זאָגט ער אַווע. טאָמיד הענגען אים נאָך צוויי גרויסע סטראָמפּעס פֿון דער נאָז. ער לעקט זײ אָפּ מיט דער צונג.

זיין מאַמע הערט נישט ווען ער וויינט, זי איז אַן איישעס־כאַיל, זי שטייט מיט אַ טישל צעלניק לעבן קלויסטער.

סאָסיע העלפט דער מוטער אין מאַרק. די בלויע און גרינע פאַרבן, וואָס זי פאַרקויפט אויך, אַף צו פאַרבן קילימעס, ליגן איר צווישן די נאָז־ווינקלען, אפן שטערן און אַף די הענט, אומעטום.

ווען ריווע די מויד פאָרט אַוועק אַף אַ יאַריד אין אַ צווייטן שטעטל, אין אַ דאָרף, קום איך אַריין צו מיין כאַווערטע סאָסיע אין שטוב. זי האָט ליב די ברידערלעך אירע. זי היט זיי שטאַרק און גיט זיי אַוועק איר אייגענעם ביסן ברויט פונעם מויל. זיי שלאָגן זיך אָבער צווישן זיך און ווילן נישט גיין אין כיידער. וויינט מיין כאַווערטע מיט גרויסע טרערן, וואָס צעווייקן די אָנגעקלעפּטע גאָישע פאַרבן באַ איר אפן פּאָנעם.

סאָסיע וויינט זייער אָפּט. און ווי זאָל זי נישט וויינען, אַז אַלע קינדער פון דער גאַס שרייען, אַז די מאַמע אירע איז — אַ מויד מיט פיר קינדער!... סאָסיע זאָגט, אַז איר מאַמען האָט מען מיידלוויַיז גערופן מויד, ווייל זי איז געווען זייער אַ געזונטע און איינשטעלערישע...

איר עלטערער ברודער, הערש, פירט אָפּ פרעמדע טוואָוע צום וואָקזאַל מיט אַן אייגן פירל. די צוויי פערד זיינע האַלט ער אינעם פאָדערהויז. שטינקט דאָרטן דעריבער מיט באַליגע. די באַליגע איז איינגעקלעפּט אין דער ערד און ליגט אין אַלע ווינקעלעך, אינעם אַלקער און אין דער קיך, וואָס דינט אויך פאַר אַ שלאָף־צימער.

פינצטער און נאַס איז דאָרטן. אַ האַרבער רייעך פון דורכגעפוילטע קישעלעך און פון באַליגע רייסט די נאָז און מאַכט מיר אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. סאָסיע פילט נישט דעם שטינקענדיקן רייעך און זי זעט אויך נישט ווי די סטעליע פון זייער שטיבל הענגט אַף אַ זייט, ווי איין וואַנט איז איינגעזונקען אין דער ערד. אין אַ שיינעם טאָג וועט דאָס שטיבל מיט דער סטעליע אינגאַנצן איינזינקען און וועט זיי אַלעמען פאַרשיטן אונטער די כורוועס...

פון דער אַלטער עטי, מיין כאַווערטעס באָבע, שטינקט אויך. זי זיצט שטענדיק אַף דער שוועל פונעם פאָדער־הויז און וויינט. זי בעט אַ שטיקל ברויט באַ די פאַרבייגייער.

ריווע די מויד וויל דאָס נישט ליידן. זי וויינט דערויף, זי באַגיסט זיך מיט טרערן און טיינעט אַריין אין דער אַראָפּגעזונקענער סטעליע אַריין:

— פאַרוואָס ריבוינעשעלוילעם, קומט עס מיר? צי האָב איך טאַטע־מאַמע דערהאַרגעט אָדער אַ קלויסטער אויסגעגאַנוועט?... ווייניק מיידלוויַיז אויסגעריסן געוואָרן, געהאָרעוועט ווי אַ פערד, געזאָרגט פאַר טאַטע־מאַמע?... און איצט — זאָרגן פאַר אַ שטוב, פאַר קינדער, לעבעדיקע יעסוימים!.. אַוועקרייסן דעם אָרימען ביסן פאַר אַן אַלטער מאַמע!...

איינמאָל ברענג איך דער אַלטער עטי אַן אייעריקן בייגל, כאַפּט זי מיך אָן פאַר דער האַנט און יאָמערט מיט אַ ליידיקן קאָל און דאָס קליינע גאַמבעלע אירס ציטערט ווי אַ ציטער־שפּילקע. איך פאַרשטיי נישט וואָס זי

רעדט צו מיר. זי ווייזט מיר אַ גרויסע באַר, אַ גרינע און אַ האַרטע ווי אַ שטיין...

אין די שאַבאַסים איז דאָרטן ריינער, שטילער און הימלעבער. ריווע די מויד איז דאַ אינדערהיים. די צעבראָכענע הילצערנע סאַפּעלער זיינען אָפּגעוואַשן און אָנגעשמירט מיט גאַז... די וואַנצן־לעבער אַף די ווענט אָפּ־געשאָבן און אויך באַשפּריצט מיט גאַז. אַפן שוואַרצן טישטעך ליגן אַ פּאָר נישט געראָטענע קוילעטשן. עס שמעקט מיט געזאַלצענעם טשאָלנט, מיט געפּראַזשעטע קאַבאַקענע קערלעך און מיט פלוימען־צימעס.

ריווע די מויד זופּט די פלוימען־יויך מיט אַ גרויסן הילצערנעם לעפל פונעם טאָפּ אַרויס. מיין מאַמעס קאָמפּאָט פון גרויסע שוואַרצע גאָלדאַ־נעס איז געדיכט ברוין און זיס און ריוועס קאָמפּאָט פון אינגערשע פלוי־מעלעך איז שיטער, ניט זיס און ניט שיין. סאָסיע לעקט פון אים די פינ־גער. זי לעקט אויך די פינגער פון די קליינע צעקראָכענע קאַרעסלעך מיט די גרויסע שטיקער ציבעלע אין דער גרויער פיש־יויך. מיר דרייען זיך איבער די קישקעס אין בויך קוקנדיק אַף ד שלעכט געקאָכטע עסנס. קיינער קען נשט אַזוי קאָכן ווי מייז מאַמע קאָכט!..

פון וואָס זיינען סאָסיעס באַקן אַזוי לויטער, מיט אַזאַ פרישער רויטער פאַרב אַף זיי? סיידן פון די גרויסע בלויע ציבעלעס וואָס זי עסט מיט קאַלטער מאַמעליגע... פון איר מויל פילט זיך שטאַרק דער רייעך פון צי־בעלע מיט קנאָבל...

איינמאָל ברענג איך אַריין אַהין אַ גרויסן קוילעטש, וואָס די מאַמע האָט געשיקט. צעוויינט זיך ריווע די מויד און קלאַפּט זיך מיט די פויסטן אינעם האַרץ:

— קיצווע באַדאַרף איך ניט!... איך בין אַרויסגעקומען פון אַזאַ שיי־נעם ט.. אַרויס ווי די וואָס האָבן!..

זויער־קרויט אָדער אַ געזייערט אַרבוזיקל מיט געזייערטע פּאָטלאַ־זשאַנעס, וואָס די מאַמע שטעלט אַף ווינטער, דאָס יאָ, דאָס נעמט זי.. דאָס איז נישט קיין ברויט!...

די מאַמע נעמט אויך צו ווען ריווע שיקט איר עפּעס צו פאַרזוכן, נאָר זי עסט דאָס נישט. ווי אַזוי זאָל מען דאָס עסן, אַז ס'איז נישט גוט צוגע־גרייט!...

סאָסיען געפעלט אַלצדינג. ס'געפעלט איר אויך דאָס עסן וואָס זי אַליין מאַכט זיך אַף מיטצונעמען אין כיידער אַריין. זי קויפט פּאָר אַ גראָשן האַליוואַ און פּאָר אַ גראָשן מאַרינירטן הערינג און נאָך פּאָר איין גראָשן ראָזשינקעס, מישט אויס די אַלע זאַכן איניינעם און בינדט זיך דאָס איין אין אַ שפּיץ פונעם העמד. זי נעמט זיך אויך מיט אַ שטיקל צוקער מיט דאַר ברויט. קיינעם גיט זי נישט צו פאַרזוכן. איך וואָלט דאָס סיי ווי נישט געגעסן. איר העמד איז שוואַרץ ווי די ערד און פול מיט פלעקן פון פליי.

איינמאָל זאָג איך צו סאָסיען:

— דו האָסט גאָרנישט ליב צו זען ווי אַן אַנדער קינד עסט דײַנע זאַכן?!.. מיר קומט דערפֿון צו אַ שטיק געזונט!...

זי לאַכט און ענטפֿערט מיר מיט אַן אָנגעכמורעט פּנים אַ בײזס און אַ פֿאַרעלטערטעס:

— מען דאַרף נישט זײַן קיין דאַבערידורען! איך האָב מײַנע אײגענע ברידערלעך! איך בין אַלײן הונגעריק!... זאָלסט מײַן באָבען גאָרנישט ברענגען, איך וועל דיך אַרויסוואַרפֿן, דעם קאָפּ פּריוואַליען!...

איך ווײס נישט פֿאַרוואָס מײַן כּאָווערטע איז אַזאַ בײזע, אַזאַ ווײנענדיקע און אַזאַ אומצופֿרידעלעכע. זי קען אויך נישט דערצײלן קײן שײנע מאַיסעלעך, ווי מײַן שוועסטערל ריווקע. זי קען זיך נישט שפּילן אין גראָז בײַ זײ אינעם גרויסן הויף. טאָמיד אײַלט זי זיך, טאָמיד זאָרגט זי זיך פֿאַר אירע ברידערלעך. זי שרײַט אױף זײ און ווײנט. זי שטראָפֿט זײ און שלאָגט זײ פֿאַר ניט גײן אין כײדער אַרײַן. שפּעטער זיפֿצט זי, לויפֿט צו זײ אין כײדער און טראָגט זײ אַוועק אַ שײנעם וואַרימעס...

אײנמאָל קום איך צו איר אַרײַן, טרעף איך זי ווי זי ווײנט און שלאָגט די באָבע אירע און שרײַט צו איר:

— מעשוגענע, וואָס פּײַניקסטו מיך?!

מיר ווערט זײער אומהײמלעך דערפֿון און איך רוף מיך אָן צו איר:

— ווי קענסטו שלאָגן אַן אַלטע אידענע, אַ קראַנקע, אַ הונגעריקע?!

סאָסיע כאַפּט מיך אָן פֿאַר די פּלײצעס און פֿירט מיך צו צו דער טיר:

— דו ביזט נאָך אַ קלײן דר..., ווײסט ניט וואו אײַן און וואו אויס!... אָדעם אַ מענטש, קאַטשקע רוק זיך!...

איך רוק מיך טאַקע אַוועק פֿון זײער שטוב. ס'ווײנט אין מיר דאָס האַרץ. ווען אַ פֿרעמדער מענטש זעט ווי זי שטופּט מיך אַרויס, קום איך אום פֿאַר בושע... איך האָב ראַכמאָנעס אױף סאָסיען, איך וועל אָבער מער נישט אַריבערטרעטן די שוועל זײערע... איך קען נישט אָנקוקן אַ מענטש וואָס באַלײדיקט מיך אומזיסט... נישקאָשע, זי וועט קומען צו מיר זיך בעטן...

און אַזוי איז טאַקע געווען.

טז. — סערקע די נײטאָרקע איז געשטאָרבן...

אין אַ ווינטער אינדערפֿרי, עפֿן איך די אויגן פֿון שלאָף און זע קײנעם נישט אין שטוב. אַ ווינט דרײט זיך אום אין שלאָף־צימער און אין זאַל. עס דרײט זיך אום אַ שטילע פּײַן, וואָס זאָגט מיר, אַז עפּעס אַ ניט גוטע נײַעס האָט פּאַסירט.

די פֿענצטער שטײען אין פֿראָסט אָנגעטאָן, עס שײַט אַ שנײ אַ גע־

דיכטער, וואָס קלאַפּט אין די שויבן. אין האַרץ באַ מיר קלאַפּט אויך. דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן בין איך איינע אַליין אין אַ קאַלטער, נישט געהייצטער שטוב. דורכן פענצטער דערזע איך ווי פּאָר סערקע דער שוואַטשקעס שטוב שטייען אַסאַך ווייבער און קליינע קינדער. מיינע שוועסטערלעך שטייען דאָרט אויך. היטע מיטן פּערד האַלט מיין קליין שוועסטערל איינגעהילט. זי שטייט אויך פּאַר סערקעס שטוב. עס שטייען אַנגעשפּאַרט באַ דער וואַנט פיר שמאָלע דריקלעך אָן אַ ברייטער ברעט. איך הער וויינען. איך הויב אויך אָן וויינען. דאַכט זיך אַז די מאַמע וויינט דאָרטן. אַ באַהערשטע פון אַן אומבאַגרייפלעכן פּאַכעד, זיץ איך אַפן אַנלען פונעם פענצטער און וויין אַפן הויכן קאָל.

וואָס העכער איך וויין, אַלץ פוסטער, אַלץ אויסגעהוילטער זעט אויס די שטוב. עס שמעקט מיט טויט, מיט טיפער מאָרעשכוירע. וואו נעם איך איצטער אַ מענטשן! וואו זיינען מיינע כאַווערטעס, מיינע פריינט?... זיי פילן גאָרנישט ווי איך וויין, ווי איך האָב מוירע?!...

סאָסיע, מיין כאַווערטע, ווייזט זיך אַרויס, ווייסט יאָ ווען איך וויין. אַן אַרומגעבונדענע מיט אַלטע שאַלעכלעך איינס אַפן אַנדערן אַף איר גראָבן ראָק, שטעלט זי זיך אַריין צו אונדז אין שטוב. זי פרעגט מיך באַ דער טיר שטייענדיק:

— ביזט באַרויגעז, גאָלדע? ביזט אין קאַעס אַף מיר? אויב דו ווילסט, בעט זיך איבער!..

— ניין, פאַרוואָס זאָל איך זיין באַרויגעז?... דו ביזט אַ גוטע. לאָמיר זיך איבערבעטן.

סאָסיע קומט צו צום פענצטער, וואו איך זיץ, און שטרעקט מיר אויס ס'מינדסטע פינגערל פון איר רעכטער האַנט. איך איר אויך. ביידע הוידען מיר מיט די צונויפגעפלאָכטענע פינגערלעך: ריגעלע, ריגעלע, ריגעלע ריק, מיר זיינען געווען באַרויגעז, איצט ווערן מיר כאַווער צוריק!... האַק אַ שטי־קעלע לעקעך!...—טוען מיר ביידע אַ קלאַפּ איבער די צונויפגעפלאָכטענע פינ־גערלעך — האַם! האַם! — עסן מיר שוין דעם לעקעך פון אונדזער אייגע־נער סימכע.

ערשט איצט זע איך ווי סאָסיעס אויגן זיינען געשוואָלן פון וויינען. אַ סאַך פאַרבן זיינען צעשמירט אַף איר פּאָנעם.

— פאַרוואָס האָסטו געוויינט, סאָסיע?...

— ווי זאָל איך נישט וויינען — ברעכט זי ווידער פיסקעס — אַז סערקע מוישעלעס מאַמע איז געשטאָרבן!...

מיר ווערט קאַלט פון דער שלעכטער בסורע, מער נאָך ווי פון זיצן אינעם הוילן סטאַן. איך קען נישט וויינען. אַ שטיין ליגט מיר אַפן האַרצן. איך ברעך מיט די הענט און רייד צו איר מיט פאַרשטיקטע, מיט אָפּגע־האַקטע ווערטער:

— אוי ווי, אין אַזאַ ביטערן פראָסט וועט די גאָלדענע סערקע נעבעך באַגראָבן ווערן!... די ווערים וועלן פון איר רייסן שטיקער, נעבעך!...

סאָסיע וויינט און רעדט צו מיר:

— דער גוף ווייסט שוין סיי ווי פון גאָרנישט! דעריקער איז די נעשאָמע! איצט שוועבט זי אַרום, אַרום דער שטוב... ביז נאָך דער שיווע בלייבט זי צווישן די לעבעדיקע...

— ביז נאָך דער שיווע? — פרעג איך זי מיט שרעק אין קאָל — און וואָס וועט זיין נאָך דער שיווע?

סאָסיע גיט מיר באַלד אַן ענטפער:

— נאָך דער שיווע באַגלייט מען די נעשאָמע ביז צום בריקל פון בעסוילעם. אַ גאַנץ יאָר זיצט זי אַף איר אייגענעם קייווער, ביז גאָט לאָזט זי אַרויף אין גאַניידן אַריין...

— ווייסט נישט די נעשאָמע דעם וועג אַף צוריק? ס'איז דאָך גאָר־נישט ווייט!...

— אויב מען גייט אַוועק פונעם באַגלייטן זי מיט אַן אַנדער וועג, ווערט זי פאַרבלאָנדזשעט, זי וויינט אַפן קייווער פונעם גוף... אַז עמיצער פון דער מישפּאָכע, גייט צו נאָענט פונעם קייווער, לויפט אים די נעשאָמע נאָך...

מיר ווערט זייער אומהיימלעך. ווי קענען דאָס אייגענע קינדער פאַר־פירן די נעשאָמע פון זייער מאַמען?!... וואָס וואָלט זיי געאַרט ווען סער־קעס קאָשערע נעשאָמע בלייבט נעבעך אין דער היים און זיצט אין דער וואַרים ערגעץ אין אַ ווינקל פון שטוב און זעט כאָטשע אירע קינדער, נעבעך!...

סאָסיע ווייסט אַ סאַך מער זאַכן פון מיר. אַבי איך האָב געמיינט, אַז איך ווייס אַלצדינג... איך פרעג ווייטער:

— און מוישעלע וועט זיצן שיווע, צי נישט?

— ער איז נישט אַלט קיין דרייצן יאָר, דאַרף ער קיין שיווע נישט זיצן. ער וועט מוזן זאָגן קאַדיש... אין גאַס זאָגט מען, אַז נאָך דער שיווע וועט מוישעלע אַוועקפאָרן קיין בריטשעווע. ברײנע מיט איר טאַטן אויך. רעב בייעם וועט דאָרטן כאַסענע האָבן... דערווייל פאָרט ער צו זיינער אַ שוועסטער.. ס'וואַרט שוין אַ קאַלע אַף אים...

— וואָס? מוישעלע וועט אַוועקפאָרן? וואָס הייסט? — שריי איך אויס מיט ווייטיק, איך דערפיל אַ פּוסטקייט אַרום האַרץ: מוישעלע איז אַ יאָסעם, ער פאָרט אַוועק פון יעדינעץ, מער וועלן מיר זיך נישט זען...

— ווי קען ער אַוועקפאָרן פון יעדינעץ — פרעג איך מיין כאַווערטע דורך טרערן — ס'איז דען דאָ אַ שענערע, אַ בעסערע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט...

— בריטשעווע — זאָגט מיר סאָסיע — איז אַ קליין שטעטל. איך בין געווען דאָרטן מיט מיין מאַמען אַף אַ יאריד. ווען איך וועל פאָרן אַהין, וועל איך אַלע מאָל זען מוישעלען.

— דו וועסט פאָרן קיין בריטשעווע, סאָסיע? נעם מיך אויך מיט — כאַפּ איך זי אָן פאַר די הענט און קוק איר בעטנדיק אין איר אויסגע־

שמירטן פּאַנעם. — איך וועל אַוועקפירן אַ גרוס פון סערקעס עלנטן קייווער... קיינער וועט זי נישט אין זינען האָבן, נאָר איך!...

סאָסיע קלערט אַביסל און גיט מיר צו פאַרשטיין:

— דער גאָי, וואָס מיין מאַמע דינגט בא אים ס׳פורל, איז אַ שלעכטער, ער וועט נישט וועלן, אַז דו זאָלסט אויך פאָרן.

— אַז דו וועסט וועלן, סאָסיע וועסטו מיך מיטנעמען, ביזט דאָך אַ כּאַווערטע!... סערקעס נעשאָמע וועט שטאַרק וויינען וואָס אירע קינדער פאָרן אַוועק...

מיר דאַכט זיך טאַקע, אַז די קוילעס וואָס קומען פון דער גאַס, זיינען נישט פון סערקעס שכיינים, פון איר מאַן און פון אירע קינדער, נאָר סערקעס נעשאָמע רעדט און וויינט פאַר מיר: — גאָלדעלע, טייערע, זע ווי עלנט זיי לאָזן מיך איבער!.. זאָלסט קומען צו מיר אַפן קייווער...

איך נעם אַריין ס׳פּאַנעם אין די הענט און וויין פון גאַנצן האַרצן. אַז אַרומגענומענע מיט וויטיק, מיט פּאַכעד, קוק איך ווי סאָסיע גייט אַוועק און לאָזט מיך ווידער אַליין.

אין זאַל בלייבט אַ טיפע אויסגעהוילטקייט. איך שווים אין איר אַרום, איך טרינק מיך אין מיינע אייגענע טרערן.

פלוצים קומט אַריין אונדזער שפּרעכערן, אוליאַנאַ מיטן בלינדן אייגל און פרעגט מיך אין וואָלעכיש:

— שי פלינדזשע קאַפּטי? וואָס וויינסטו, קינד?...

איך ענטפער איר אַף אידיש:

— ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען? אַזאַ גאָלדענע סערקע איז געשטאָרבן! זי וועט בלייבן אין יעדינעץ, מוישעלע פאָרט קיין בריטשעווע...

די מאַמע לויפט אָן אַן אויסגעוויינטע, אַ דערשראָקענע. ס׳פילט זיך פון איר דער רייעך פונעם מעס. זי טוט מיך אָן אַף גיך און רעדט דורך טרערן:

— איי אַן אומגליק! ווער האָט זיך דאָס גערעכט, אַזוי גיך, אָפּגעריסן געוואָרן פאַר דער צייט, אַ קאָשערע נעשאָמע, נעבעך!...

אַף מיר איז אויך אַ ראַכמאָנעס. די מאַמע איז ווידער אַרויסגעלאָפן. די טיר איז פאַרשלאָסן און איך זיץ אַפן פענצטער איינע אַליין. ס׳קעצלזיצט לעבן דער קאַלטער הרובע און וואַשט זיך ס׳נעזל, ס׳גענעצט. אין גאַס איז אַ שטאַרקערווינט. דער שניי פאַלט אַף די געהויקערטע ווייבער, אַף דער מיטע, וואָס איז פאַרשפּרייט מיט אַ דין וואַרעטקעלע. די טירן פון סערקעס קאָרידאָר שטייען שוין צעעפנט ברייטע. דער טויטער גוף וואָס מען טראָגט פון זיי אַרויס, איז ברייט, לאַנג און גראָב... ווען איז סערקע אַזוי גראָב, אַזוי גרויס געווען?... קיינמאָל נישט. מען לייגט זי אַרויף אַף די דריקלעך און מען בינדט זי אַרום מיט אַ דין שטריקל, אַ לאַנגס. אין גאַס ווערט אַ ראַש. אידן כאַפּן זיך צו די דריקלעך מיט דעם מעס. אַף גיך טראָגט מען זי אַוועק צו דער שול־גאַס. דער ווינט בלאָזט שטאַרקער, ער וויינט איבער קעפּ, איבער מוישעלען, וואָס גייט נאָך אַ געהויקערטער נאָך זיין מאַמעס לעוויע. די גאַס בלייבט פּוסט, גרוי און פאַרוויינט. איר גע־

ווייז גייט מיר אריין אין הארץ, אין אלע גלידער. נאכוואס טויגן מיר די שיינע קליידעלעך, די נייע שיכעלעך מיט די פליטקע קאלאשעלעך?... נאך־וואס טויגן מיר אלע זאכן וואס דער טאטע, וואס מאכמעך קויפט מיר?... איך וועל אויך שטארבן, אזוי ווי סערקע. אין אזא קאלטן טאג ווען מען מיך מוזן אריינלייגן אין א גרוב, א קאלטן און א נאסן. דער טאטע מיט דער מאמען וועלן גיין באגלייטן מיין נעשאמע און וועלן אהיימגיין מיט אן אנדער וועג, א פרעמדן... געוואלד, אזא אומגערעכטיקייט!... און מיינע טאטע־מאמע, מיינע שוועסטערלעך, מאכמעך?... ניין! דאס טאר נישט גע־שעז!... איך וואלט דאס נישט איבערגעטראגן!... בעסער איך, איידער זיי!...

איך נעם קלאפן מיט די פויסטן אין דער פארשלאסענער טיר. א שטיל געוויין, א צעוויינטיקטס, קומט מיר אנטקעגן. די מאמע קומט שוין צוריק פון דער לעווייע.

איך קען נישט פארגעסן דעם גרויסן געשוואלענעם גוף סערקעס, איר גוואלדיקע אויסגעצויגנקייט. מיר טוט ווי וואס דאס לעבן איז נישט אייביק, וואס פריינטשאפט איז נישט אייביק און וואס ברייגע מיט מוישעלען פארן טאקע אוועק...

יז. — אפן דונדישענער וועג...

שפעטער מיט עטלעכע טעג איז די מאמע געפארן מיט מיין שוועסטער פינקל צום רעבן, צום נאזארעניצער.

פארן גאניק איז שטיין געבליבן א ברייטער שליטן מיט א הויכן לעדער־נעם זיץ. די מאמע, אן אנגעפעלצטע און א פליושענעם מאנטל, אן אונטער־געניייטן מיט פוקסענע פעלכלעך, מיט א קוטשמע אפן קאפ, זעצט זיך אוועק אויבן און מיין שוועסטער פינקל, א פארהילטע מיט א סאך גראבע שא־לעכלעך ארום טאטנס פיזענעם פידזשאק, זיצט לעבן דער מאמען. דער טאטע טראגט צו צום שליטן א קוישל מיט עסן. מיך פארדריסט וואס איך פאר נישט מיט דער מאמען. ס'בייעס גייט מיר אוים נאך א שליטעלע... מיין פרייד איז נאר, וואס איך וועל ווערן א שטיקל יאכסנטע; אז די מאמע פארט אוועק, צאצקעט זיך דער טאטע מיט מיר און גיט מיר נאך די שמאד...

לאנג האט אבער מיין פרייד נישט אנגעהאלטן. באלד אפן אנדערן טאג, האט זיך דערטראגן א קלאנג, אז אפן דונדישענער וועג זיינען גאז־לאנים באפאלן דעם שליטן מיט די פאסאזשירן... מען האט געוואלט אוועקראבעווען מיין מאמען...

דער טאטע לויפט אום ווי א צעדרייטער, ער רעדט א סאך, צופט זיך פארן טשופרינקעלע און זאגט:

— באלד ווי זיי קומען צוריק, בין איך מענאדעוו צוויי פירלעך האליץ פאר ארעמעלייט.

אַזוי אַרום ווער איך געוואויר, אַז אין יעדינקע זיינען דאָ גענוג אַרי־מעליים און איך ווער אויך ־געוואויר, אַז צום נאַזאַרעניצער רעבן איז די מאַמע געפאָרן נאָך אַ סגולה פאַר מיין שוועסטער פינקל, וואָס האָט פון אַ דערשרעק געהיקעט.

ווען פינקל איז געווען אַ קליינינקע האָט מען באַ אונדז דערציילט— האָט זי צוגעכאַפּט אַ וויינשעלע באַ איר כאַווערטע ברײנע סערקעס. יענע האָט געמאַכט אַ געוואַלד און דער טאַטע אירע, רעב כײעם, איז נאָכגע־לאָפן פינקלען. זי האָט זיך דערשראָקן און האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שטאָל מיט קי. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זי נישט געקענט געפינען און ערשט פאַרנאַכט ווען די מעלקערן איז אַריין אין שטאָל, האָט זי געטראָפן מיין שוועסטערל פינקל אַ פאַרכאַלעשטע, מיט אַ ווייסן שוים אָף די ליפּן... זי האָט נישט גערעדט. שטום געוואָרן. מען האָט געבראַכט אַ סאַך דאָק־טוירים, גענעבן רעפועס, ביז זי האָט גענומען שטאַמלען און שפּעטער היקען. אַזוי ביז היינטיקן טאָג...

דעם זומער איז די מאַמע געפאָרן מיט פינקלען קיין טאַבון, צו אַן אַלטער שפּרעכערן, וואָס מען האָט זיך אָנדערציילט פון איר אַ סאַך מאָפ־סים, זי זאָל איר אָפּשפּרעכן. נאָר פינקל האָט ווייטער געהיקעט.

נאָר דעם רעבן איז ניט באַשערט געווען אַרויסצואווייזן זיינע מאָפ־סים. וואָס ס'איז נישט געלונגען די דאָקטוירים און דער טאַבונער שפּרע־כערן און וואָס ס'איז נישט באַשערט געווען דעם רעבן, האָבן באַוויזן די גאַזלאָנים.

— זיי זיינען געווען אירע גוטע שעליכים!... — האָב איך געהערט ווי די מאַמע האָט דערציילט ווען זי האָט זיך אומגעקערט בעשאָלעם אַהיים פון דער שרעקלעכער נעסיע.

אָפן דונדישענער וועג — האָט זי דערציילט — שוין נישט ווייט פונעם וואָקזאַל, זיינען פון אַ וואַלד אַרויסגעלאָפן עפּשער צוועלף גאַזלאָנים, הויכע און שטאַרקע מענער, מיט לאַנגע ווייסע פאַרטוכער און מאַסקעס אָף די פּענימער. דער באַלעגאָלע האָט גענומען טרייבן די פערד און זיי הויבן אויף אַ שיסערייי און שרייען. סטאָי! סטאָי!..

זיי באַנעמען אַלע פּאַסאַזשירן פון קאָפּ ביז די פיס. באַ מיין מאַמען איז נישטאָ וואָס צו נעמען. דאָס בייטעלע מיט די איין און דרייסיק זיל־בערנע קערבלעך, וואָס זי האָט געפירט מיט זיך, האָט זי אַריינגעוואָרפן אין אַ קעשענע צו אַ טערק, דעם טאַטנס אַ בלוטיקער סוינע, וואָס איז געפאָרן מיט זיי קיין דונדישען, צו דער באַן.

די רויבער דאַרפן נישט איר געלט, זאָגן זיי, זיי האָבן שוין גענוג, זיי דאַרפן נאָר די קראַסאַוויצע, די יעוורעיקאַ.. זיי הייסן איר אַראָפּגיין פונעם שליטן און שטרעקן איר אויס די הענט:

— פּאָזשאַלויסטאַ, קראַסאַוויצאַ!...

די מאַמע וויינט. זיי נעמען זי אַראָפּ פונעם שליטן אָף די הענט. דער באַלעגאָלע שפּרינגט אַרונטער פון דער קעלניע און רופט זיך אָן אין רוסיש:

—איר וועט די פרוי נישט צונעמען! זי איז א מאמע פון עטלעכע קינ־דער! דער מאן ליבט זי שטארק, ער וועט וועלן איינלייגן און זי אויסגע־פינען.. איר טארט עס נישט טאן!...

איינער פון די רויבער האט אים דערויף דערלאנגט א קלאפ מיטן הענטל פונעם רעוואלווער אונטערן רעכטן אויער. דער באלעגאלע איז אוועקגעפאלן אפן שניי. דאס בלוט רינט אים פון האלדז, פון דער נאז, פון די אויערן. די מאמע נעמט שרייען:

— טויטער טאטע! טויטע מאמע! ראטעוועט מיך!... פינקל שרייט איר נאך ס׳איינגענע.

נאר מיין מאמע ווערט געראטעוועט נישט דורך איר טויטן טאטן און נישט דורך איר טויטער מאמען, נאר דורך דעם טערק, וואס איז מיין טאטנס בלוטיקער סוינע.

דער טערק שלעפט א פיר א לאנג מעסער פונעם אונטערן זיץ־פלאץ און שטעלט זיך אויף אפן שליטן. דאס מעסער בלאנקט אין דער לופטן, זיין קאפ, זיין פאנעם איז אויך פארזן אין דער לופטן:

— זייט מענער! — שרייט ער — קומט אף א דועל! די פרוי איז מיין גרעסטן סוינעס ווייב! מיין מענערישער שטאלץ דערלויבט אבער נישט צוצוזען, ווי איר נעמט אף קויעד אן אומשולדיקע פרוי... א מאמע פון קליינע קינדער ווילט איר מאכן פאר אייער ליובאווניצע!... ס׳איז נישט מענעריש!...

— ס׳איז געווארן א טומל. די גאזלאנים האבן זיך אויסגעשטעלט אין א רעדל, זייערע מעסערס, לאנגע און שארפע, שניידן דורך דעם פראסט, דעם שניי, דער מאמעס הארץ...

פלוצים הויבט איינער אויף א האנט און טוט א פרעג דעם טערק.

— ווי רופט מען דעם סוינע דיינעם, דעם מאן פון דער געפאנגענער פרוי?

די מאמע יאמערט, ברעכט די הענט:

— ווער ווייסט דען נישט, אז הערש טשארנאפוי איז א ברייטע נע־שאמע, געלט האט בא אים קיין ווערט נישט!... טויטער טאטע, טויטע מאמע, ראטעוועט מיך!...

פינקל שרייט איר נאך ס׳איינגענע.

דער רויבער וואס האט זיך נאכגעפרעגט ווער מיין מאמע איז, האט א וואונק געטאן צו זיינע כאוויירים. זיי זייען אוועק אן א זייט, לעבן וואלד. צוריק קומט דער אליין. ער באהעגט זיך מיט די צוגערויבטע קוישן און פעקלעך. דער מאמעס קוישל מיט די זאכן שטעלט ער אריין אינעם שליטן און זאגט צו איר אין רוסיש:

— אידי ס׳באגאם!...

וואס דאס קען הייסן: גיי דיר געזונטערהייט!...

ער שלעפט ארויס א זיסן קוילעטש, וואס די מאמע האט געפירט מיט

זיך אינעם קיישל, און וועגט אים אױף דער האַנט, מײַסע מיוון.... די מאַמע קען שווערן, אַז דער רוביבער קען ס'בעקערישע פֿאַך...

זי שווערט אויך, אַז זינט יענעם טאָג רעדט מײַן שוועסטער פֿינקל ווי אַ געוויינלעכער מענטש און היקעט נישט. דער נאַזאַרעניצער, זאָל געזונט זײַן, זאָגט ס'איינגעגעבן. ער האָט מיט איר אַ סאַך גערעדט. ער זאָגט, אַז פֿון שרעק האָט פֿינקל אָנגעהויבן היקען און פֿון שרעק האָט זי אויפֿגעהערט.

אין מאָלעוו — דערציילט די מאַמע — האָבן זי פֿון דער באַן אַראָפּגענומען אַ סאַך מענטשן, פֿרעמדע, כאַשעווע. זי האָט זיך געשראָקן און מוירע געהאַט אַ טריט צו טאָן. עס איז געקומען דער אַרכיערײ, מיט אַ צײַטונג אין דער האַנט, און זי אַרײַנגעפֿירט אין וואָקזאַל. ער האָט זי אַלץ אויסגעפֿרעגט און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון איר. פֿינקלען האָט ער געקויפֿט שיינע זאַכן, זיסוואַרג.

פֿאַר מיר ברענגט די מאַמע אַ שיינע גיפּסענע ליאַלקע, מיט אַ רויט זײַדן קליידעלע און מיט אַ קאָפּ בלאָנדע קוטשערן און בלויע אויגן, וואָס פֿאַרמאַכן זיך, אַז מען לייגט זי אַנידער.

דער באַלעגאָלע נאָר איז נישט צוריקגעקומען. אין צוויי טעג אַרום נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען דעם קלאַפּ אונטערן אויער, איז ער געשטאָרבן.

איך לויף אַרום מיט די נײַסן צו יאָסעלע דעם שוסטער, צו ריווע דער מויד.

די מאַמע שיינט. אַ גליקלעכע, נייט זי אַ רויט ציגיינער - קלייד פֿינקלען, מיט שלייערס און מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום דער טאַליע. דער טאַטע אַליין פֿירט אַוועק פֿינקלען צום טאַנצמייסטער, זי זאָל זיך לערנען טאַנצן. פֿינקלס דערפֿאָלג איז גרויס. אירע ברוינע אויגן, איר שמאָלער געטאָקטער קערפּער, איר סאָלידקייט, רייסן אויף יעדנס אויגן. מען רייסט אויך די אויגן אױף דעם לאַנגן ציגיינער־קלייד, וואָס גיט איר צו רייץ און רײַכקייט. רייך, ווי אַ שיינע קרוין, זײַנען אירע שוואַרצע צעפּ אַפֿן קאָפּ פֿאַרלייגט.

קיין סאַך האַלט נישט אָן מײַן שוועסטער פֿינקלס גליק. איינמאָל אין אַ אָוונט, קומט זי אַ היים פֿונעם טאַנצן און זי מיניעט זיך, איז רויט, פֿאַרפֿלאַמט, ווי דאָס רויטע זײַדענע ציגיינער־קלייד אירס.

די מאַמע טאַפּט איר דעם שטערן:

— דער קאָפּ טוט דיר ווי, טאָכטער?

אין פֿינקלס אויגן ברענט אַ שאַרפֿער גלאַנץ, אַ צערודערטער, אַ נערוועזער. איר קאָל איז אויך צערודערט און נערוועז.

— איצט — זאָגט דער דר. זילבערמאַן — וועט זי שוין היקען איר גאַנצן לעבן. אירע נערוון זײַנען דערשיטערט. סיידן, זאָגט ער, אַ צופֿאַל.

און צופֿאַלן זײַנען שוין געווען גענוג: וואָס דאַרף מען נאָך אַ שטאַרקערן איינדרוק ווי נאָכאַמאָל זען און קוקן אין די אויגן אייגעם פֿון יענע

גאזלאָנים, וואָס זיינען געווען „אירע גוטע שעליכים", ווי די מאַמע האָט געזאָגט, אָפּן דונדישענער וועג!...

געווען איז עס מילכאָמע - צייט. מיין טאַטע איז שוין דעמאָלט געווען בלינד, צעבראָכן פאַר דער צייט. רוקט זיך אַריין צו אונדז אין אַ ווינטער־דיקן טאָג אַ מיטלוואוקסיקער פאַרשוין, אַ בריטפּלייציקער, מיט אַ סאָך קנייטשן אָפּן פּאָנעם, אַ טעמפּן און געשטופּלטן. ער שטעלט אָן אַף מיר, דעמאָלט שוין אַ דערוואקסענע, אַ פּאָר גרינע שאַרפע אויגן, פרעמדע און אומצוטרוילעכע און גיט אַ פרעג:

— דאָ וואוינט איינער אַ הערש טשאַרנאָפּוי? גיי, זאָג אים, אַז יאַ־סעלע נענעס איז דאָ!

ער דערזעט דעם טאַטן און דערקענט אים:

— הערשעלע, קינד מיינס! ווער האָט זיך דאָס גריכט! לעבעדיקע מייסים דרייען זיך אום אַף דער ערד!...

טרערן שטיקן אים אין האַלדז. איך שטיק מיך פון געלעכטער: דעם ערשטן מאָל זע איז אַ מענטש מיט אַזעלכע אומצוטרוילעכע אויגן. וואָס האָט ער מוירע?... ניין, נישט פאַר מיר האָט ער מוירע געהאַט...

דריי טעג איז ער בא אונדז פאַרבליבן, געגעסן פון שענסטן און פון בעסטן. אין די נעכט געשלאָפן אָפן אויוון. מיך האָט ער געטראָגן אַף די אַקסלען, געקושט מיר די פּיאַטעס פון די פיס. שטאַרקע הענט האָט ער געהאַט, האַריקע. געקוקט האָט ער מער ווי אַלץ אַף מיין שוועסטער פינקל און טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן:

— הערש, ביזט געבענטשט מיט אַזוינע טעכטער, מיט אַזאַ ווייב!...

ער דערמאָנט דעם טאַטן ווי ער האָט אים אַמאָל געוואָרפן אַ שקראַ־בישקע פאַר נישט וועלן זינגען... ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעטריבן פון דער בעקעריי דעם זיידן מיינעם דעם פרומען אידן און ווי אַזוי ער האָט גע־לערנט דעם טאַטן אַרבעטן...

אָפן פערטן טאָג איז יאָסעלע נענעס נעלעם געוואָרן פון אונדזער שטוב. און שוין אַף שטענדיק.

שפּעטער האָט אונדז דער טאַטע דערציילט בעסאָד, און דעם סאָד האָב איך ביז איצט געהאַלטן, אַז יאָסעלע האָט אים אַליין דערציילט און איבערגעגעבן מיט אַלע פּראַטים ווי אַזוי ער האָט מיט אַ שייקע רויבער, וואָס עס איז געווען זייער אָנפירער, געראַבעוועט אָפּן דונדישענער וועג און אַז ווען נישט ער, וואָלטן מיר שוין לאַנג קיין מאַמע נישט געהאַט..

יח. — מיין פעטער דודל און זיין מישפּאָכע

איך בין געוואָרן אַ גרויסע יאַכסנטע בא אונדזערע שכיינים. זיי רופן מיך אַריין צו זיך און באַשיטן מיך מיט פראַגעס:

— גאָלדעלע, דו ביסט דאָך אַ קלוג מיידעלע, דערצייל ווי אַזוי איז

דאָרט אין וואַלד פאַרגעקומען מיט דיין מאַמען!... מען האָט זי טאַקע נישט אַריינגענומען אין וואַלד אַריין?...

זיי רוקן מיר אונטער אַ צוקערקע און גלעטן מיך. נאָר איך ווייס גאָרנישט וואָס צו דערציילן. דערפאַר נעם איך נישט זייערע צוקערקעס. מען מעג נעמען בײַ יענעם אומזיסט?... נאָר איך בין גרויס בײַ מיר וואָס מען שלעפּט מיך פון איין שכיינע צו דער אַנדערער.

נאָך גרעסער בין איך בײַ מיר וואָס מײַן פעטער דודל, דעם טאַטנס אינגסטער ברודער, מיט זיין הויז־געזינד, וואוינען לעבן אונדז, אין דער שטוב, וואו מיר האָבן פריער געהאַלטן די בעקערײַ.

דער פעטער קריגט זיך און שלאָגט זיך מיט ברײַנדלען. ער האָט פאַר איר קיין מוירע נישט. ער האָט דרײַ מעדאַלן און אַ „געאָרגיעווסקי קרעסט״ אַ ציילעם, פאַר זיין העלדישקייט אין דער יאַפּאַנישער מילכאָמע. ער פאַרבעט מיט די מעדאַלן פאַר ברײַנדלס נאָז און שרייט:

— אָט פאַר דעם וועסטו בײַ מיר קראַפּירן!... איך וועל דיר באַצאָלן פאַר מײַן שוועגערן ראַצע!... און מײַנע ראַשטשינעס וועסטו קיין פּישעכץ נישט גיסן!...

דער פעטער האָט ליב צו דערציילן פון דער מילכאָמע און פון זײַנע דערפאָלגן בײַ די עלצטע, ווי זיי האָבן אים ליב געהאַט און געגלויבט. אין יאַפּאַן — דערציילט ער אויך — טוט מען אָן די ערשט געבוירענע קינדער הילצערנע שיכלעך אויף די פיס, בעשאַס זיי גייען, דאַכט זיך דעריבער אַז זיי הוידען זיך. זיי עסן לייז און באַגראָבן זייערע טויטע לעבן דער שטוב, אונטער די אייגענע פענצטער....

פון זײַנע מאַיסעס וועגן דער מילכאָמע, געדענקט זיך מיר באַזונדערס איינע:

אין אַ נאַכט, ווען די רוסישע מיט יאַפּאַנישע סאָלדאַטן האָבן זיך געשלאָגן „נאַ שטיקי״, דאָס הייסט, געשטאָכן זיך מיט שפּיצן פון די ביקסן — און בײַ די יאַפּאַנער זײַנען די „שטיקעס״ פלאַטשיקע אַזוי ווי שווערדן — און די סאָלדאַטן זײַנען געפאַלן ווי די פליגן, האָט ער זיך געראַטעוועט מיט אַ מאָדנעם אײַנפאַל. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ קאַץ אין דער לופטן און אַ געשריי געטאָן צום פאָלקאָווניק: וואַשע וויסאָקע בלאַגאָראָדיע! דער סוינע האָט אונדז אונטערגעוואָרפן אַ פאַרקישעפטן מענטש!.. און ער לאָזט זיך לויפן נאָך דעם „פאַרקישעפטן מענטש״. אומגעקערט האָט ער זיך מיט דרײַ מעסלעס שפּעטער, שוין נאָך דער שלאַכט. און האָט דערציילט פאַר די אָפיצירן ווי אַזוי ער האָט געכאַפּט דעם פאַרקישעפטן מענטשן און ווי אַזוי ער האָט אים בייגעקומען... און זיי האָבן אים געגלויבט און אים ווייטער אָנגעטרויט וויכטיקע שליכעסן.

די מאַמע זאָגט, אַז דער פעטער איז אַ ליגנער און דער טאַטע רופט אים פאָרטונאַ, ער שיט מיט ליגנס.

בײַ די סאָלדאַטן איז ער געווען אַ קוכער און פלעגט עסן דעם בעסטן

באַרשט און די בעסטע קאַשע און דאָס בעסטע פלייש פלעגט ער זיך נעמען...

דאָס גלויבט אים די מאַמע. פון אַל־כעט ווערט מען נישט פעט.

ער איז טאַקע אַ גיבער, דער פעטער. מיט איין האַנט הייבט ער אויף אַ זאַק מעל. ער האָט גרויסע שטייפע מוסקולן און פעטע צוויי ברוסטן, ווי בײַ אַ מיידל. אויגן האָט ער ברוינע און ליכטיקע, הייסע און טיפע. ווען נישט זיין רויט אידיש בערדל און די שטילע אידישע זיפצן וואָס רייסן זיך בײַ אים פון הארצן און די טיפע קנייטשן אַרום זיין מויל און אויפן שטערן, וואָלט מען אים געקענט אָננעמען פאַר אַ קאַצאַפּ.

און פאַרוואָס זאָל מיין פעטער ניט זיפצן, אַז זיין באַסיעכידע, וואָס הייסט אויך פינקל, אזוי ווי מיין שוועסטער, נאָר דער באָבע פינקל, איז אַ האַרבאַטע, אַ קראַנקע...

ער האָט אויך צוויי אינגלעך. אַלע דריי קינדער זיינען פונעם ערשטן ווייב. ס'צווייטע ווייב זיינס, מיין מומע כייקע, האָט נישט קיין קינדער מיט אים. זי היט אָפּ די דריי יעסוימים ווי זיי וואָלטן געווען אירע אייגענע קינדער.

דער פעטער איז אָבער באַזאָרגט און פול מיט אומעט. די מומע כייקע מיט איר קליין איינגעקנאָטן גופל, קוקט אַרויף צום פעטער, ווי „צו אַ קייסער".

שטילע און געמיטלעכע זיינען אירע טונקל־בלויע אויגן. אויך אַזאַ איז איר לויטער פּאָנעם מיט די ראָזעווע באַקן. דער מומעס שמאָל בערדעלע, דאָס פוכקע און פליישיקע, טיילט זיך אָפּ פונעם מויל מיט צוויי טיפע שמאָלע קנייטשן. זי זשמורעט אָביסל מיט די אויגן ווען זי רעדט. ווען זי איז מיר אַ פרעמדע, לאָך איך פון איר!...

נאָר איך קען פון איר נישט לאַכן, זי איז אַ געשטראָפטע, מיין מומע. אין שטוב בײַ אונדז זאָגט מען, אַז די מומע כייקע האָט שוין געהאַט עטלעכע טויטע קינדער. זיי ווערן בײַ איר דערשטיקט איידער זיי קומען אויף דער וועלט... איך האָב ראַכמאָנעס אויף מיין מומען....

זי איז „אויף דער צייט". אַ שטילע און אַ באַכיינטע דרייט זי זיך אום איבער די שטיבער. ס'פּאַסט איר דער קיילעכדיקער בויך, די כשיוועס פון אַ מאַמע. איך קוק אויף איר ווייסן האַלדז, דעם פעטן און פוכענעם, אויף די ווייסע הענט מיט די טיפע כיין־גריבלעך אין עלנבויגנס, אויף איר אינגאַנצן... פאַרוואָס זאָלן בײַ איר אַרויסקומען טויטע אירע קינדער?!..

אבראם, דעם פעטער דודלס גרויסער זון, איז אַ שלאַנקער, אַ בויגעוודיקער, מיט טיפע כיינגריבלעך אויף די ווייסע באַקן, מיט אַ סאַך באַכיינטקייט אויף זיין גאַנצן ברייטן און שיסלדיקן פּאָנעם. ער האָט ברייטע ציין, ווייסע און שיטערע, און אַ ברייט מויל מיט אַ גראָבלעכער נאָז, ער קוקט אויף דער מומען מיט אַ סאַך גוטסקייט אין פּאָנעם און מיט אַ סאַך ליבשאַפט אין די טונקל גרינע אויגן:

— מאַמע, וועסט האָבן אַ שיין אינגעלע!

די מומע כייקע האָט טאַקע געבוירן אַ אינגל, נאָר ווידער נישט קיין לעבעדיקס. זי אַליין איז אויך ווי אַ טויטע. נעכטן האָב איך ווי זי שרייט:

— גאָטעניו, העלף מיר נאָך דאָס איינע מאָל!.. וואָס דו וועסט וועלן וועל איך פאַר דיינטוועגן טאָן! אַפילע אין קיווער אַריין וועל איך פאַר דיר לויפן!...

מיין מאַמע לויפט עפּעס צו פיל צו דער מומען. גאַרנישט ווי איר טעווע...

איצט ליגט די מומע אינעם ברייטן הילצערנעם בעט, אַ שטילע, מיט אַ ווייס פּאָנעם, אַן עלנטס און פאַרשעמטס. די ווייסע הענט אויף דער קאָל־דרע, זיינען ווי טויטע. אַ טויט־שטילקייט איז אַרום איר, איבער דער גאַנ־צער שטוב. עס פעלט עפּעס.

מיר טוט וויי, וואָס די מומע האָט ווידער געבוירן אַ טויט קינד. עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט האָבן אַ היימיש קרישמעלייענען...

יאָסעלע, דעם פעטער דודלס קלענערע אינגל, לויפט אום איבער דער שטוב. פול מיט שמייכעלעך איז זיין גרוים און קלוג פּאָנעם. ער לאַכט אויפן הויכן קאָל און ווייזט דערביי זיינע ברייטע שיטערע ציין שטאַרקע און קלאָרע.

פינקל, דעם פעטערס באַסיעבידע, ליגט אויפן הילצערנעם סאָפקעלע, לעבן דער הרובע, אַ דערשלאָגענע און אַן אַריינגעוואַקסענע אין אירע צוויי הויכע שפּיציקע הויקערס. פול מיט פּיין, מיט נישט ניכעדיקייט, זיינען די שוואַרצע אויגן אירע, די קלוגע און דורכדרינגלעכע.

איך קען נישט קוקן אויף אירע שמאָלע טרוקענע הענט און פיס, וואָס האָבן בלויע דינע אָדערלעך אונטער דער הויט.

אַז פינקל רעדט צו עמיצן, סאָפּעט זי זייער שווער. די מוסקולן אויף איר טרוקענעם אויסגעגרינטן פּאָנעם נעמען זיך דעמאָלט באַוועגן, ווי זיי וואָלטן וועלן פּלאַצן...

איך זעץ מיך אוועק לעבן פינקלען, קעדיי זי זאָל מיך נישט דאַרפן רופן. לאַנג זיץ איך לעבן איר. דער פעטער נעמט מיך אַריין אַהין עטלעכע מאָל אין טאָג. ער האָט שטאַרק ליב זיין קראַנקע באַסיעבידע. ווייל איז צו דעם וואָס באַליידיקט זי מיט אַ וואָרט אָדער נעמט צו באַ איר אַ שפּילכל, וואָס דער פעטער ברענגט איר!... אַפילע די מומע כייקע, וואָס היט אויף פינקלען ווי דאָס אויג אין קאָפּ, טאָר איר קיין קרום וואָרט נישט זאָגן.

פינקל האָט ליב די מומע, זי שאַצט אָפּ די גוטסקייט אירע און פילט די אייגענע געפאַלנקייט, די לאַסט וואָס זי איז פאַר איר שטיף־מאַמע. זי ווייסט אויך, אַז זי וועט לאַנג ניט לעבן און אַז זי טאָר נישט פאַדערן צו פיל פון איר אייגענעם טאַטן, פון אירע ברידערלעך.

מיך האָט זי אויך ליב. זי האַלט מיך פאַר אַ שוועסטערל. אַ סאַך מאָל וואָרט זי איך זאָל קומען איר דערלאַנגען ס׳טעפּעלע... איצט ווען די מומע ליגט אין בעט, וואָרט פינקל ווידער איך זאָל קומען. איך זע דאָס אין דער גפאַלנקייט, אין אירע פאַרשעמטע בליקן.

איך זאָג צו איר שטיל, אַז די מומע זאָל נישט הערן:

— פינקל, עפּשער ווילסטו עפּעס? טרערן שטייען אין דיינע אויגן!...

דאָס אויסגעטרוקנטע גרינע פּאָנעם אירס נעמט זיך מיניען אין עטלע־כע קאָלירן.

— גאָלדע, אונטערן סאָפּקעלע איז דאָ מיין טעפּעלע, ווילסט עס מיר עפּשער דערלאַנגען?... ביזט דאָך נאָך אַ קליין מיידעלע!...

יאָ, איך בין נאָך אַ קליינע און פינקל אויך. נאָר זי איז עלטער פון מיר און איך בין העכער. איר לאָזן נישט די הויקערס אירע וואַקסן... איך וועל דאָס איר נישט זאָגן. איך פרעג זי זייער באַזאָרגט.

— פאַרוואָס זאָגסטו נישט דיין טאַטן אָדער דיינע ברידערלעך ווען דו ווילסט עפּעס?...

איך קען בעעמעס נישט ליידן דעם רייעך פון אירע פאַרפּישטע קי־שעלעך און דעם רייעך פון פּישמאַלץ וואָס זי טרינקט שטענדיק. און נאָכמער קען איך נישט הערן דעם טרויעריקן ענטפער אירן:

— גאָלדע, דו מיעסט דיך פון מיר! גיי אַראָפּ פון מיין געלעגער...

— ווער מיעסט זיך דען, פינקל?... ענטפער איך דערויף און איך רוק מיך אריין טיפער צווישן אירע קישעלעך, צווישן די קוימיקע שמאַטעס.

— ביזט מיינס אַ געשוועסטער קינד, האָב איך דיך שטאַרק ליב...

— גאָלדע, — זאָגט זי — איך האָב דיך אויך ליב. איך האָב יעדן איינעם ליב. דערפאַר רוף איך נישט מיין מומע ווען איך וויל עפּעס... זי מיעסט זיך... זי איז דען מיין אייגענע מאַמע?... פאַרוואָס קומט איר צו זיין מיין מעשאָרעס?... איך קען נישט זען ווי זי קרימט זיך צו ברעכן לעבן מיר... ווען איך רוף מיין טאַטן, שרייט ער אויף מיר און אויף דער מומען... מיר שאַדט טאַקע וואָס איך האַלט מיך איין... דער טאַטע פאַרשטייט מיך אָבער נישט... ווען גאָט איז אַ גוטער, נעמט ער מיך צו אויף יענער וועלט... דאָרט האָב איך מיין אייגענע מאַמע און אַ ברודער אויך.

איך קען נישט איבערטראָגן פינקלס טרויער. וואָס וועט זי טאָן צווישן די מייסים?.. זי האָט דאָך צוויי ברידערלעך, ווי אַזוי קען זי וועלן שטאַר־בן?... וואָלט איך געהאַט כאָטשע איין ברודערל, וואָלט איך געוועזן די גליקלעכסטע אויף דער וועלט!... איך רוף מיך אָן צו איר:

— פינקל, דו דאַרפסט יאָ זיין גליקלעך!...

— איך קען נישט זיין גליקלעך, איך בין אַ שלאָפע... זיי פּלאָגן זיך מיט מיר אומזיסט... איך וועל סיי ווי שטאַרבן!... קיינמאָל וועל איך נישט זיין אַזוי ווי דו, ווי דיינע שוועסטערלעך!...

— זאָג דאָס נישט, פינקל, דו ביזט אויך אַ שיינע!... איך זאָג דאָס דיר!...

פינקלס פּאָנעם צעגייט זיך אין אַ סאַך שמייכעלעך, דינע און קראַנקע. אין אירע ווייכע אויגן שטייען טרערן:

— איך בין אָבער אַ האָרביטשקע!.. די קינדער פון גאַס שרייען מיר נאָך...

איך שפּרינג אַפּ פונעם אָרט און לאָז זי נישט ריידן ווייטער:

— פינקל איך וועל מיך אָנעמען פאַר דיר!... איך קען מיך גוט שלאָגן, וועסט זען!...

זי לייגט אַרויף די הענט אַפן הארבאַטן הארץ און רעדט זייער דער־שלאָגן:

— וועסט דיך נישט שעמען צו זיין מיין כאַווערטע, ווי די איבעריקע קינדער?... זיי פאַרשטייען נישט, אַז מיך האָט גאָט געשטראָפט.. צו וועמען זאָל איך האָבן טיינעס?!...

— ניין, פינקל! איך וועל מיך נישט שעמען! ביזט מיין געשוועסטער־קינד! ווער געזונט וועסטו זען! אומעטום, לעבן שמיל דרוצער אַפּילע, וועלן מיר גיין שפּאַצירן.

פינקל קען דערווייל נישט שפּאַצירן. איך שפּאַציר אַליין. איך שפּאַציר ווען איך גיי צו איר. זיי וואוינען שוין איצט ווייט פון אונדז, אַף דער פּאָטשט־גאַס. איך האָב דאָס אייך גאָר פאַרגעסן צו דערציילן.

ווען די מומע איז אויפגעשטאַנען פון קימפּעט, איז זי ברײנדל באַ־פאַלן. דער פעטער איז נישט געווען אין דערהיים. אַבראַם איז אַריין צו אונדז מיט אַ גוואַלד:

— פעטער הערש, גיט מיר אַ דובניע, וועל איך איר פּלעטן דעם קאָפּ...

און כאַפּט טאַקע באַלד אַ שטיק האָלץ מיט אַ גרויסן דריישפּיציקן עק און לויפט זיך שלאָגן.

די מומע קוויטשעט, זי כאַלעשט פון שרעק. פינקל די הארבאַטע שטייט איין קלייט אינעם הויפן סטאַז, די קוילעס אירע שניידן דורך די גאַס.

און נאָך אָט דער מאַיסע האָט זיך דער פעטער דודל ארויסגעצויגן פון דאָרט. ווען נישט פינקל מיט דער מומע כייקען, זאָגט מיין פעטער, וואָלט ער זיך נישט אַרויסגעצויגן... ער האָט דריי מעדאַלן מיט אַ געאָרגיעווסקע ציילעם, פאַר וועמען האָט ער מוירע!...

דער פעטער האָט אַפּילע קיין מוירע נישט צו וואוינען אין זיין נייער דירע, וואָס מען זאָגט, אַז לייצים מיט ניט גוטע האָלטן זיך דאָרט.

די שטיבער זיינען ברייטע, אויסגעהוילטע און צעפאַרענע, פול מיט פייכטקייט און מיט טונקעלער אומהיימלעכקייט. די פענצטער גייען אַרויס אין אַ ליידיקן הינטערהויף מיט אַ סאַד נידעריקע פּליטלעד. נאָכדעם ווי איך גיי דורך דאָס לאַנגע, שמאָלע און פינצטערע ליקל און דעם פּוסטן, צעפאַרענעם קאָרידאָר, וואָס האָט נישט קיין ליכט און קיין זון, פאַל איך אַריין אין דער בעקעריי ווי אין אַפּגעפאַרעטע. אַ סאַד שטיבער שטייען דאָרט אונטערן בלעכענעם דאַך, פאַרשטופּטע אין די ווינקלען און אומ־באַוואוינטע. די באַלעבאַטים אַז אַלט פאַרל, וואוינען אין דער פעדערשטער שטוב, מיט אַ הילצערן גאַניקל צו דער פּאָטשט־גאַס.

בייזע בליקן שיקן זיי מיר נאָך, די אַלטע לייט, ווען איך גיי צום פע־

טער. וואָס האָבן זיי מוירע?... וואָס נעם איך באַ זיי צו, באַ דעם אַלטן קינדערלאָזן פאַרפאַלק!...

עס פאַלן אויס שנייען און גרויסע פרעסט, וואָס בריען און שניידן מיר ס׳פּאָנעם, די הענט און די פיס, די מאַמע לאָזט מיך נישט גיין צום פּעטער, שטיי איך באַ דער שויב פונעם טירל און קוק קעסיידער אַריין אין קלייט אַריין, עפּשער וועט פינקל קומען...

פוויערישע שליטנס פאָרן פאַרביי, קוינים קומען אַריין.... און אָט איז פינקל! נאָר נישט אַליין קומט זי. דער פּעטער טראָגט זי אַף די הענט אין אַ גרויסן שאַל איינגעוויקלט. ער טראָגט זי גאָר פונעם דאָקטער...

איך לויף אַריין אין קלייט און שריי צו פינקלען:

— דאַנקען גאָט! דאַנקען גאָט!...

זי צאַפּלט באַם פּעטער אַף די הענט, פול מיט גוטסקייט אין פּאָנעם, אין די אויגן, רייסט זי זיך צו מיר:

— קום צו אונדז, אַהיים, גאָלדע! מיר איז שטאַרק סקוטשנע. איך קען נישט זיין אָן דיר...

אַוואַדע וואָלט איך צו איר געגאַנגען. איך קען איר אָבער נישט אויס־זאָגן דעם עמעס. איך קוק איר אין פּאָנעם און שווייג פאַרביטערט. זי בעט זיך באַ מיר ווייטער:

— בלייב באַ אונדז די גאַנצע וואָך. אַף שאַבעס וועט דיך מיין טאַטע אָפּברענגען אַהיים...

פינקלס גוטסקייט, איר עלנט, איר שטילער געבעט, רייסן מיך אָפּ פונעם אָרט וואו איך שטיי. זי רייסט מיך אויך אָפּ פונעם געדאַנק, אַז זי איז אַ קראַנקע און אַז מען מוז אַרום איר אומגיין ווי אַרום אַ פּיצל קינד.

איך כאַפּ אָן דעם פּעטער באַ אַ הויז און קוק אים אין די אויגן, פול מיט דערוואַרטונג, מיט געבעט:

— פּעטער, לאָז פינקלען באַ אונדז, מיר וועלן זיך שפּילן, וועסט זען!..

דער פּעטער זיפצט און רעדט צעווייטיקט און שטיל:

— לאָז צו רו!... אַרום פינקלען דאַרף מען נאָך אַרומגיין ווי אַרום אַ קליינער!...

איך באַשטיי אָבער אַף מיינעם און שריי צו אים אַרויף:

— איך, פּעטער, וועל גיין אַרום איר! אַלצדינג וועל איך פאַר איר טאָן!...

די מאַמע רעדט צו מיר שטיל און מיט פאַרוואורף:

— וואָס האָסטו זיך צעפלאַמט, בעהיימע? ווי וועסטו האַלטן אַ קראַנק קינד און ווער וועט פון איר טראָגן די טעפּ? ס׳איז מיר ווייניק דער אייגע־נער טינעף? דו אַליין דאַרפסט נאָך אויך אַ מענטשן, אַז אָפּן אויג!... באַר־דאַאַם מיינער!...

מיך פאַרדריסט זייער וואָס די מאַמע האַלט מיך פאַר אַ קליינער. מיר טוט אויך שטאַרק וויי פאַר פינקלען, וואָס מען וואַרפט זיך מיט איר, און

פאַר פעטער דודל, וואָס ווייסט פון דעם. די מאַמע איז אָבער אויך גערעכט.
פאַרנאַכט קומט ווידער דער פעטער. אַ שטילער, אַ באַליידיקטער, קוקט ער צו דער מאַמען:
— וועסט מיר דערלויבן, ראַצע, צו נעמען די קליינע דיינע? פינקל קערט דאָרט וועלטן!...
— אַוואַדע וועל איך דיר דערלויבן — זאָגט די מאַמע — לאָז זי דאָרט נאָר ניט אומלויפן אינדרויסן!... ווייסט דען ווער דאָס איז!..
סיי־ווי לויף איך נישט אינדרויסן. דער פעטער זעצט מיך אַרויף אַף דער וואַרימער פּריזבע פונעם אויוון. פינקלען אויך.
אַפן אויוון, ליגט פּערעלע די שטומע. זי וואַרימט זיך באַם פעטער אַפן אויוון. אויבן, אַפן קוימען, וואַרימט זיך אויך דעם פעטערס געאָרגיעווסקי ציילעם. ער הענגט לעבן דער גרויסער פאָן, וואָס מיין פעטער קאַכט אין איר די בייגל.
זומער קויף איך באַ פּערעלע דער שטומער געזאַטענע פּאַפּעשויעס. אַ באַרוועסע גייט זי אום מיט די פּאַפּעשויעס איבער די גאַסן.
איצט ליגט זי, אַ שווערלייביקע, אַן אָנגעקנאַטענע מיט שמאַלץ, און סאָפּעט פון דער היץ, וואָס זעצט פונעם אויוון.
אַ היץ זעצט אויך פון אירע ברוינע נאַרישע אויגן, די הייסע און קיילעכיקע.
— אַביזוזעעע! אַביזוזעעע! זאָג עפּעס אַזעעע! אַ רעב דודל, זאָג עפּעס אייזיקן!...
אייזיקל דער פערד, אַ בעקער־יונג, מיט אַ ווייסן פּאָנים און מיט אַ פּליך צווישן די שיינע שוואַרצע האָר, צופּט זי דאָרטן פאַרן הינטן:
— שווייג, דו שטומע לעלע!..
מיר איז אַ ראַכמאָנעס אַף דער גרויסער צעוואַקסענער מויד מיטן ברוינעם נאַאיוון פּאָנים און מיט די ברוינע שטאַרקע פיס, די באַרוועסע און קאַלטע.
פּערעלע, הער איך זאָגן, האָט קיינמאָל קיין טאַטן נישט געהאַט. די מאַמע אירע רופט מען פריידעלע די קורווע. זי איז אַ דינסט באַ אַ רייכער באַלעבאָסטע. פּערעלען איז קאַלט צו בלייבן אַליין אינעם גאַישן הינטער־שטיבל זייערן, קומט זי אַהער זיך וואַרימען, מען דערציילט אויך, אַז ווען פּערעלע איז געווען אַ קליינינקע, פלעגט זי די מאַמע אירע איבערלאָזן אין דער גאַיעשער גאַס לעבן יעווטעני דעם בלינדן, פלעגט זי דאָרט זיך צושאַרן צו יעווטענים כאַזערטעס און זיך אָנזויגן מיט זייער מילך באַגלייך מיט די כאַזיירימלעך. דערפאַר איז זי אַזאַ געזונטע, אַזאַ אייזערנע, וואָס גייט אום אַ גאַנצן ווינטער מיט צוויי צעריסענע קאַלאָשן אַף די באַרוועסע פיס...
אידעלע דרישטש, איינער פון די בעקער־יונגען, וואָס מען האָט אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן דערפאַר וואָס ער האָט אַמאָל פאַרפּאַסקודיעט דער מומע בייקעס אַ ווייק־שעפל, דרייט מיט זיינע קליינע וואָנסעלעך, וואָס זעען

אוים ווי צוויי מייזענע עקלעך און מיט די פּאָר איבערגעקערטע אויגן, הונגעריקע און פרעכע:

— און מיט מיר, פּערעלע, וועסטו כאַסענע האָבן? זאָג!

— אַביזועזעע! אַביזועזעע! זאָג עפּעס אידעלע דיש.. זאָג עפּעס אַזעע!...

פּערעלע האָלט דערביי צו דעם ראָספּער פונעם קליידל און פון דער צע־ריסענער קאַפּטע. גרויסע ברוינע ברוסטן האָט זי, שטייפע און פרישע. זי לאָזט נישט אַז אייזיקל זאָל זי צופן פאַרן הינטן. איך שעם מיך, וואָס אייזיקל שטרעקט אויס די האַנט צו דער האַלב־שטומער מויד.

ווען נישט דעם פעטערס שיינע מאַיסעס, זיין וואַרים און ברייטהאַר־ציק אויפנעמען מיך און ווען נישט פינקל, קום איך מער נישט אַהער... באַ אונדז זיינען די בעקער־יונגען אַנדערע, זיי האַלטן זיך אַנשטענדיקער...

יט. — בעקער-יונגען און בעקער-מוידן...

ערשט פאַרן גאַישן ניי־יאַר מוזן מיינע טאָג־טעגלעכע וויזיטן צום פעטער דודל איבערגעריסן ווערן. באַ אונדז איז דעמאָלסט דאָ אַ סאַך אַרבעט און איך מוז צוהעלפן.

אין צימער ליגט אַ גרויסע קופּע בייגל, וואָס מען גרייט צו אַף די כאַגאָעס. איך מיט מיין שוועסטער ריווקע מוזן זיי אויפציילן אַף דינע שפּאַגאַטלעך, צו פופציק אין אַ בינטל. די אַרבעט איז אַ נודנע, זייער אַ לאַנגזאַמע. ס'ערגסטע איז מיט די צוקער־בייגעלעך און מיט די „שוש־קעס" ביז מען זעט אויפגעציילט עטלעכע בינטלעך, זעט מען זיך מיט יענער וועלט, מען ווערט פאַרנודיעט.

דער טאַטע אַרבעט נאָך אַלץ באַ מאַכמעדן. ער איז אָבער איצט אַ סאַך אין דער היים. אַפן קליינעם טישל אין צימער שטייט אַ גרויסע שיסל מיט טיטון (טאַבאַק) און מיט עטלעכע ביכעלעך ציגאַר־פּאַפּיר. דער סאַ־מאָוואַר זידט אַ גאַנצן טאָג. אַ שטענדיקער ראַאַש איז אין שטוב פון די פרעמדע מענטשן, וואָס קומען צו מיין טאַטן. עס קומען אַרענדאַרעס מיט מיט ברייטע פּלייצעס, וואָס ברענגען מיט זיך אין די ווינטערדיקע בורקעס דעם רייעך פון סיטשקע און פון קוענער מילך. עס קומען האַלץ־סאָכרים און מעל־שענקער. עס קומען היימישע בעקער־יונגען און פרעמדע מענטשן מיט בריוו, מיט רעקאָמענדאַציעס צו מיין טאַטן. ס'איז וואַרים אין דעם צימער, סיי פון דער בעקעריי, סיי פון די מענטשן, וואָס הערן נישט אויף צו גיין אַריין און אַרויס. דער טאַטע נעמט זיי אויף מיט בראָנפן און מיט ווייסער רינקע (קעז). זיי רויכערן אַ סאַך ציגאַרן, וואָס זיי דרייען פון דער שיסל מיט טיטון און טרינקען זיסע טיי מיט אייעריקע בייגל.

בעיים דער טאַטע איז דאָ אַרבעט זיך אַנדערש. מיר האָבן פּאַר אים מוירע. ס'איז אָבער פריילעך. גייען די מענטשן אַוועק און דער טאַטע

בלייבט אַליין, ווערט ווידער אומעטיק. עס ווערט אומעטיק, מאַכמעס די מאַמע קומט אַריין און נעמט זיך אויסטײַנען מיטן טאַטן:

— הערש, קענסט נאָך נישט די בעקערייונגען?... זאָלן זיי ווערן זאַט, איז אויס מיט טשאַרנאָפּוי... סאַנים ווערן זיי דיר!... וואָס דאַרפסטו זאָרגן פֿאַר אַ וועלט! פֿאַר אייזיק רעב יעקעלעס?... געדענק, הערש, וועסט אומ־גליקלעך ווערן דורך דײַנע גוטע ברידער!...

דער טאַטע נעמט זיך דרייען זײַן טשופּרינקעלע, הוסט אונטער און רעדט האַסטיק:

— זיי זײַנען ווי די שאָף, אַז אַ אייגענעם פֿאַרשטאַנד! גיי מאַן באַ זיי יושער און גערעכטיקייט!... וועסט שוין זען, ראַצע, וואָס איך וועל מאַכן פֿון זיי!...

— גיב בעסער אַכטונג אַף דײַנע קינדער.... מען וועט אַמאָל אַרויס מיט בייגל אויפּציילן?!..

דער טאַטע קוקט אַף אונדז און אַף דער פּולער שטוב מיט בייגל, ווי מיר זיצן באַ דער קופּע מיט בייגל און ווערן שיר פֿאַרנודיעט. איך וואָלט אים געבעטן ער זאָל אונדז אַביסל צוהעלפֿן, האָב איך מוירע. ער זעצט זיך אַראָפּ אַף די קניען לעבן אונדז און נעמט ריידן, ערנסט, מיט אַ טיף קאָל אַ רואיקס און אַ קלוגס:

— פּוילקייט, קינדער מײַנע, ברענגט דעם מענטשן אומגליק, בושע!... ווער ס'אַרבעט מיט כיישעק, דער ווייסט פֿון עמעסן גליק... אייך, קינדער, איז טאַקע גוט, דער טאַטע זאָרגט פֿאַר אייך, עס פֿעלט אייך נישט באַ אים פֿון פֿויגלמילך... וואָס טוט איר אָבער מאָרגן, ס'רעדעלע דרייט זיך אַף צוריק, בלייבט איר ווי דערוואָרגן!.. אַ טויגעניכץ אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך פֿאַר אַרבעט, איז ערגער ווי אַ טויטער!... איך האָב אַ סאַך געהאָרעוועט אין מײַן לעבן און נאָך געזאָרגט פֿאַר מײַנע ברידער מיטן שוועסטערל. ווען איך האָב פֿיינט די אַרבעט, ווער איך פֿאַרלוירן ווי אַ סאַך אָרימע יעסוי־מים, די ראַזנאָזשטשיקעס... אַזוי לאַך איך פֿון דער וועלט!... איך לאַך פֿון פּראָסטאַקעס!... — ווייזט ער אַז אַפֿן אָפֿענעם אַרבל פֿונעם רעקל. — פֿון די טעמפּע קעפּ, פֿון די צוויאַקעס, איך קען מיר לייכטער אַז אייצע געבן ווי זיי... איך בין אַז אַרבעטער.... אָט אַ דאָ פֿאַרשטעק איך זיי אַלעמען.... קליינערהייט געוויינט זיך צו דער אַרבעט, זייט ערלעך, היט אָפּ דעם גראָשן, גאַנוועט נישט!... דאָרט וואו גנייווע, איז נישטאָ קיין מאַזל־בראָכע... גאַנ־וועט אַ מיידעלע אַ קאָפּיקע, פֿעלט שוין אַ גאַנץ קערבל.... אַלץ איז פֿאַר אייערטוועגן קינדער מײַנע! עסט וואָס אייער האַרץ גלוסט, קויפֿט אייך וואָס אייך געפֿעלט, נאָר ניט באַהאַלטענערהייט! מאָנט בעסער באַם טאַטן, באַ דער מאַמען, באַ זכאַריען!... ווײַל שלעכטע געוויינהייטן, גנייווישע שטיק, פֿירן אַראָפּ פֿון גוטן וועג... דער טאַטע וועט אייך געבן לערנען, אַקושאַרקעס וועט איר ווערן, צום בעסטן לערער וועט איר באַ מיר גיין... וועט איר אָבער גיין אין שלעכטע דראָכים און אָפּנאַרן דעם טאַטן, די

מאַמע, זאָל איך גאָט באַהיטן! מיט פּעטש, מיט גוואַלד, וועל איך אייך פירן אַפן גליטשן וועג.... ליגן זאָגן איז מיעס, פאַרדאַרבן!...

דער טאַטע רעדט צו אונדז אַזוי קימאַט יעדן טאָג. איך וואָלט אים נאָר וועלן בעטן ער זאָל מיך נישט שיקן לערנען, איך וויל נישט זיין קיין אַקושאַרקע, איך וויל בעסער אַרבעטן אין פעלד, דאָרטן זינגט מען, ס'איז דאָ אַ סאַד זון און פרישע לופט... איך וואָלט געשטאָרבן פאַר בושע ווען איך בין אַן אַקושאַרקע... סיי ווי וועל איך מיך נישט לערנען.. נאָר דעם טאַטן וועל איך דאָס נישט זאָגן... איך זאָג אים אויך לעמאַי מיין עלטערע שוועסטער פינקל דרייט זיך אום ווי אַ פריצע, אַ שלאַנקע, אַ שטילע, מיט די ברוינע פאַרכאַלעמטע אויגן און מיט די לאַנגע שוואַרצע צעפּ, ווי זי וואָלט געווען גראַף פּאָטאָצקים אַ טאָכטער... פאַרוואָס צילעט זי נישט קיין בייגל? און פאַרוואָס קומט זי נישט אַריין אין דער בעקעריי?....

ווען עליע־מייערל גאַנעוו, וואָס אַרבעט איצט בא אונדז, דערזעט זי לעבן דער קלייט, ציט ער זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג און לייגט צו די האַנט צום שטערן, ער גיט איר אָפּ „טשעסט"... אַנדערש נישט!.. און פינקל נויגט זיך צוריק, שטיל און פאַרשעמט, פול מיט וואַרימקייט אין די אויגן, אין די שיינע ראָזעווע באַקן.

איך מיט עליע מייערלען בין שוין אַ גאַנצער פּאַני בראַט. איך ווייס, אַז מען רופט אים גאַנעוו נישט דערפאַר וואָס ער גאַנוועט כאַלילע, נאָר פאַר זיינע שוואַרצע און קלוגע אויגן, וואָס בריען ווי פייער און אויך פאַר זיינע קלוגע איינפאַלן.

באַם באַקן די בייגל זינגט ער אַזוי שיין. די שוואַרצע אויגן שפּרינגען אים שיר אַרויס ווען ער טוט אַ זינג אַריין אינעם צעפלאַמטן פייער:

„האָסט אונדז איבערגעלאָזט מאַמעניו,
„ווי אַ צעשלאָגענע שיף אָף דעם יאַם...
„מיר ווייסן נישט וואוהין זיך צו קערן —
„אַ קינד, פאַרלאָזט באַ דער אַם,
„וואָס מען איז דאָס נישט געוון..."

די הייסע פונקען פון זיינע אויגן גיסן זיך צענויף מיט די פונקען פייער פונעם אויוון, און אַ וואַרעמקייט צעטראָגט זיין טיף געזעצט קאָל, וואָס קומט פון סאַמע האַרצן, איבער דער בעקעריי.

קיין שום בעקער־יונג האָט נישט אַזוינע קויל שוואַרצע האָר, געקאָרב־טע און געדיכטע. ער טראָגט שוואַרצע, ווייכע בראָמענע שטיוול, וואָס גלאַנצן, און גאַליפע הויזן.

עליע־מייערל האָט געאַרבעט אין די גרויסע שטעט. ער רעדט גוט רוסיש. ס'שמאָלע טונקל־הויטיקע פּאָנעם, די קנייטשן אַפן שטערן, גיבן אים צו ווירדע. נאָר אַ פינגער האָט ער איינעם אָן אויסגעקרומטן. ער זאָגט נישט פון וואָס דאָס איז אים געקומען.

איינמאָל זע איך ווי עליע־מייערל שטופּט אַרונטער אַ הייסן קוילעטש איינער אַ הייכער אַ באַלעבאָסטע אונטערן קלייד און לאַכט מיט אַ פול

מויל ווייסע ציין, קליינע און גלייכע, און מיט זיינע ברייט צעעפנטע קויל־שווארצע אויגן.

די אידענע לויפט ארויס פון דער בעקעריי, ס׳פלאַמט איר דאָס פּאַ־נעם און די אויגן זיינען איר פול מיט טרערן.

— וואָס איז דאָרט געשען? רעדט אַ וואָרט! — פרעגט די מאַמע.

— דאָס איז דערפאַר וואָס מען האָט מוירע צו שיקן ס׳טעכטערל נאָך די שאַבעסדיקע קוילעטשן. אַ בעקער־יונג איז אַ פּאַסקודניאַק, קומט מען נישט אריין אין דער בעקעריי!...

— ווען דו זעסט אַ יעלעד אין דער בעקעריי, פאַרגעס דיך נישט, פאַר־ליר נישט דעם שליסל!.. הערש ט׳זיך דערוויסן, וועט זיך טאָן כווישעד, געדענק!...

עלי־מייערל געדענקט שוין גוט אַז איך אָדער מיין ריווקע טאָרן נישט הערן וואָס זיי ריידן צווישן זיך. שאַפּסעלע, דער וואָס מאַכט די בייגל, היט זיך אויך מיטן ריידן. איך דערקען עס אין זיינע גרינע אויגן, די ליב־טיקע און שארפע.

איינמאָל באַהאַלט איך מיך אונטער דער מולטער, קיינער פון די ארבעטער ווייסט דאָס נישט. שאַפּסעלע שטייט באַם קנעטן די בייגל און רעדט צו עלי־מייערלען, וואָס ליגט אַז אויסגעצויגענער אויף די גאַרעס.

— ביסט געווען דעם שאַבעס באַ מאַנקען, עלי־מייערל.

— ניין!

— פאַרוואָס?

— איך האָב מוירע אַז זי איז פאַרפאַרשיוועט...

— אַזוי גאָר?! ווי קומסטו דאָס וויסן, עלי־מייערל גאַנעוו?...

— פאַרלאָז דיך אויף מיר, שאַפּסעלע, קריך נישט מיטן שלאָפן קאָפ אין דער היץ אריין!...

איך בין געווען באַ אווראָם שוויצער. ער האָט שוין נייע סכוירע!..

וואָס פאַר אַ סכוירע האָט ער דען, דער אווראָם שוויצער?... בין איך נייגעריק. דער אווראָם שוויצער קאָן איך גוט. ער האַלט דעם קאָפּ אויף אַ זייט און טרייסלט מיט אים קעסיידער. ער האָט אַ פריילעך קלייזל, הער איך זאָגן. ווען איך האָב נישט מוירע פאַר דער מאַמען, בעט איך שאַפּסעלען ער זאָל מיך אַהין מיטנעמען, ווען ער גייט דאַווענען... און פאַרוואָס דאַוונט נישט אוורדם שוויצער אין זיין אייגן קלייזל... אַלע שאַבעס אינדערפרי גייט ער פאַרביי אונדזער געסל און טראָגט מיט זיך אַ טאַלעס און אַ גראָבן סי־דער... לייזער באָרד, דער פרומער מעלאַמעד, איז אוורדמס אַ פעטער... פונ־דעסטוועגן ווען ער גייט פאַרביי און זאָגט דער מאַמען „אַ גוט שאַבעס", מאַכט זיך די מאַמע ווי זי זעט אים נישט, אָדער קוים וואָס זי גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און רעדט אריין אין זיך: אַז אָנשיקעניש...

פון די ארבעטער קען איך מיר גאָרנישט דערוויסן. איך פיל אַז זיי האָבן סוידעס צווישן זיך, זיי לאָזן מיך נישט הערן, וואָס זיי ריידן...

ווען דער טאַטע רעדט מיט זיי, קען איך יאָ אויסהערן. קימאַט אַלע

אפדערנאַכט איז דער צימער פול מיט בעקער־יונגען. ס'איז דאָ אווּרעמעלע פּאַרד מיטן געלן פּאָנים און כיימל טשערעמוזניק, זיידע דעם בעקערס אַר־בעטער; ס'איז דאָ כייעם ביניאָמינס, דער טרוקענער מיט דער לאַנגער נאָז און נאָך אַ סאַך באָכערים, וואָס איך זע זיי צום ערשטן מאָל.

אין שטוב איז וואַרעם, סע דרייט זיך אום די פּאַרע פונעם סאַמאָוואַר, וואָס זידט ווי אַ גאַזלען... ס'איז אָנגערויכערט און פרייליך. מען עסט סאַרדעלען און געגנדזענע פּאַסטראָמע, וואָס דער טאַטע קויפט און מען בייסט צו מיט היים קאָרן־ברויט. מען עסט אויף גאַנצע שיסלען מיט זויער־קרויט און מיט אוגערקעס, וואָס די מאַמע גרייט אָן אויף ווינטער. דער טאַטע זיצט אויפן קאַפּנשטיק פונעם סאָפּקעלע, אויבנאָן לעבן טישל. ער צופּט זיך אַלע־מאָל פאַרן טשופּרינקעלע און רעדט מיט די הענט, מיט די אויגן, מיט יעדן אייווער זיינעם.

— קינדער, ס'איז אַ כילעל האַשעם אַזוי מיעס אָפּגענאַרט צו ווערן!.. די טעכטער זייערע מיט די זין... אויף צו שיקן זיי לערנען אין דער גרויסער שטאָט אַריין, טראָגט זיי... נאָר אַ בעקער־יונג זאָל עסן אַ שטיקל ברויט צו דער זעט, איז נישטאָ פונוואַנען! קינדער! שאַ מאַיע בוטע או טשעטעווערג, ניכאַי בודע טעפּער!... (אויף אוקראַיניש הייסט עס, צו וואָס וואַרטן אויף שפּעטער, וואָס ס'דאַרף געשען דאָנערשטיק, זאָל עס געשען איצט...) איצט איז ערעוו כאָגע, די אַרבעט ברענט, וואַרפט אַוועק די וועסלעס, די שאַ־ליעווקעס און סטאָפּ!... געגנוג געאַרבעט אַפּן יאָר... פונעם אויוון דאַרף מען אַרבעטן! וואָס מער אויוונס ברויט, וואָס מער זעקלעך בייגל, אַלץ מער פאַרדינסטו!...

אווּרעמעלע דער פּאַרד קראַצט זיך און מאַכט אַ ווייַנענדיק פּאָנעם:

— אוי, אַרעב הערש, וואָס וועלן מיר טאָן טאָמער וואַרפן זיי אונדז אַרויס? טאָמער אַרבעטן זיי אַליין? און טאָמער ברענגען זיי זיך אַרבעטאָ־רער פון ליפּקאַן, פון בריטשאַן!...

— מיט די זייטן וועלן זיי אַרבעטן, די פּראָסטאַקעס! זיי וועלן נישט אויסקומען אָן אייך!... און מיקויעד די אָנגעפּאַרענע, איז אויף דעם היים איך הערש טשאַרנאָפּוי!... אַז ס'ט'ניט העלפן קיין גוטע רייד, וועלן מיר זיי פאַרטרייבן ווי די שאָף, מיט צעשפּאַלטענע קעפּ!...

עליע מייערל, וואָס זיצט אין אַ ווינקל פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, גיט אַ צעטרייב דעם רויך פון זיין ציגאַר און רופט זיך אָן מיט צונויפ־געשנורעוועטע ליפּן:

— און איך וואו בין? אין יעדינעץ, צי אין בויבעריק ערגעץ?...

זכאַריעס פּאָנעם, דאָס מאַטעווע, פלאָמט. ער רעדט זייער גיך און איבערצייגנדיק:

— פאַרלאָזט אייך, כעווערע, אויף אונדז! מירן זיך אָן אייצע געבן מיט אַלעמען!

— מירן טאָן, אַרעב הערש, אַזוי ווי איר ווילט! — קראַצט זיך אָוו־

רעמעלע און קייעט אַ שטיק קאָרן־ברויט — אָבער וואו נעמט מען דערווייל דעם ווינטער איבערצוקומען?

אַף דעם אוורעמעלען האָב איך ראַכמאַנעס. ער האָט אַ ווייב מיט פיר קליינע קינדער, אָפּגעריסענע און בלוטלאָזע פונקט ווי ער אַליין, אוורעמע־לע, איז. איך ווייס, אַז ער אַרבעט אַפּן יאַר און פאַרדינט זייער ווייניק. מיין טאַטע איז גערעכט מיט דעם וואָס ער האָט נאַרוואָס געזאָגט.

דערווייל קומען זיי אַלע טאָג צו אונדז. דער טאַטע מיט זכאַריען הערן נישט אויף מיט זיי איינצוטיינען. עליע־מייערל דרייט זיך אום אַ שלאָנקער, אַ בויגעוודיקער און צעטרייבט אַלץ דעם אָנגעלאָפּענעם רויך פון זיינע ציגאַרלעך. ער טרייבט אויך אַפּ די שרעק פון די בעקער־יונגען:

— מען וועט אויספירן! מען וועט זיי ווייזן, ווער בעקריי איז!.. פּראָסטאַקעס, דושעהובניקעס!...

אַ סאַך טעג גייען אַוועק און אַסאַך בייגל האָט מען שוין אָנגעבאַקן. פּרעמדע בעקער־יונגען קומען שוין צו אונדז וויניקער. דער טאַטע איז אויפגעברויזט אַלעמיי זיי לאָזן זיך פירן פון זייערע באַלעבאַטים און נישט פונעם טאַטן, פון זכאַריען...

די מאַמע איז אויך אין קאַעס: אַ גאַנצן טאָג שטייט זי אין קלייט, די גאָים באַפאַלן זי, מען רייסט די סכוירע פון די הענט און שרייט אַלעמאַל אַריין צו מיר, צו מיין ריווקען:

— איר'ט נישט אָנקוקן דעם דרויסן ביז די בייגל וועלן נישט ווערן אויפגעציילעט!...

— יאָ, מאַמע, וואָס מער זעק מיט בייגל, אַלץ מער פאַרדינסט!.. — כאָזער איך איבער מיין טאַטנס ווערטער וואָס ער האָט גערעדט צו די בעקער־יונגען. — און אַז מיר וועלן אויסציילען די בייגל, וואָס וועלן מיר דערפון האָבן?.. זיי זיינען בעקער־יונגען, מיר זיינען בעקער־מוידן...

כ — קאַליאַדעס

ערשט דעם לעצטן אָפּדערנאַכט פון די ערעוו־כאַגע־טעג ווערט אין שטוב באַ אונדז שטילער און געמיטלעכער. קוידעם זיינען שוין אַלע בייגל אויפגעציילעט און אויספאַרקויפט. איך בין איצט אַ פרייע, אַ שטאָלצע און אַ גרויסע... איך זיץ דערפאַר אַפּן סאָפּקעלע און קוק מיך צו ווי דער טאַטע בעזשבענט אין אַ גראָבן בוך.

אין צימער איז שטאַרק ליכטיק און היים. די מאַמע זיצט לעבן דער וואַנט פונעם אויוון און איר פּאָנעם פלאַמט. איך ווייס נישט צו דאָס איז פונעם פראָסט, וואָס זי האָט אַריינגענומען אין זיך אַ גאַנצן טאָג זיצנדיק אין קלייט, צי פון דער הייסער טיי וואָס זי טרינקט אָדער גאָר פון די ציפערן, וואָס דער טאַטע שרייבט אַריין און קאָמענטירט זיי פאַר איר. לוימן אויסדרוק אַף זיין פּאָנעם און אַף דער מאַמעס, פאַרשטיי איך,

אז די געשעפטן זיינען נישט קיין גוטע... איך בין אָבער גאַנץ רואיק. מיין אַרבעט האָב איך געטאָן ערלעך און גוט, פּינקטלעך, ווי דער טאַטע האָט מיך געלערנט... אַף מיר קען מען זיך איצט נישט באַקלאָגן... די מאַמע גיט אַ קוק אַף מיר און אַף ריווקען פון אַ זייט. נאָר עס איז נישט קיין בליק פון פאָרוואורף. פאַרקערט, זי רעדט צו אונדז מילד און געמיטלעך:

— קינדער, טרינקט אָפּ די טיי און גייט אַהיים שלאָפן. איר זאָלט זאָגן איטען, אַז די הרובע זאָל זיין גוט אויסגעהייצט. איך קום באַלד אַריבער... יאָ, זאָגט איר דאָרטן זי זאָל אַרויפלייגן אַן אייזערנעם צוואַק אַף דעם בלעך מיט פייסעכדיקער שמאַלץ... ס'גאַישע יויזל קען עס נאָך מעטאַמע זיין... אינדרויסן ווערט אונדז אומעטיק.

די גאַס איז ברייט און דורכזיכטיק ווייס. דער טיפער שניי סקריפּעט אונטער די פיס. אַ ווינט הויבט זיך איבער די דעכער און וואָיעט ווי אַ הונט. ער רייסט פון אונדז די שאַלעכלעך און די קליידלעך הויבן זיך... ריווקע האַלט מיך. בײַ דער האַנט, מיר סאָפּען שווער און שלעפּן קוים אַרויס די פיס פונעם שניי. דער לאַמטערן לעבן אונדזער קלייט איז אויסגעלאָשן. ער הוידעט זיך פונעם ווינט און סקריפּעט. איך קרעכץ אויך:

— ריווקע, מירן בעטן דעם פעטער דודל, וועט ער אונדז מאַכן אַ קליין שליטעלע... לאָמיר זיך שליטלען.

ריווקע שפּרייט אויס איר שאַלכל אָפּן שניי און זאָגט מיר פריילעך.

— זעץ דיך אַוועק, וועל איך דיך שלעפּן ביז צום קלאָץ. אַף צוריק וועסטו מיך שלעפּן.

— ריווקע גיט אַ שלעפּ דאָס שאַלעכל און קערט זיך איבער מיט די פיס אַרויף: איך בלייב ליגן אָפּן שניי לעבן שאַלכל:

— ריווקע, דיין כאַכמע טויג נישט... נאָר מירן פּרואוון ווידער אַמאָל..

ריווקע טוט מיך אַ שלעפּ מיטן שאַלכל און קערט זיך ווידער אַמאָל איבער. איך קער מיך אויך איבער, מיר איז שוין קאַלט. איך קרעכץ ווי אַ געבונדענע און שעם מיך אויסצוזאָגן מיין ריווקען. זי פאַרשטייט דאָס און טרייסט מיך:

— אַז מען קאַטשעט זיך אין שניי, פאַרהאַרטעוועט מען זיך ס'לייב און מען קילט זיך מער נישט צו... אַז מען שמירט זיך דאָס לייב מיט שניי ווערט מען שיין.. דו ווילסט ווערן אַ שיינע, גאָלדע?..

— צי איך וויל?... וואָס קען מיך אַרן?...

ריווקע רייבט מיר אָן מיט שניי דאָס פּאָנעם, די הענט און די פיס, ביז אַרויף צו די ליטקעס. זיך אַליין רייבט זי אויך מיט שניי. מיר איז פון אַנהויב קאַלט. דערנאָך ווערט מיר היים...

פון צווייטן ראָג גאַס קומט אָן אַ מאַכנע גאָים מיט שקאַצימלעך.

— ריווקע, — רוף איך מיך אָן צו מיין שוועסטערל — מען פאַר־שלעפּט אַ פייגער... ס'דאַוונט אַ גאַלעך, הערסט?!..

— באַנאַכט פאַרשלעפּט מען נישט קיין פייגער!... — וואַרפט ריוו־קע קוילן אין דער לופט און שפּרינגט אונטער. — אַ גאַלעך דאַוונט נישט,

אַ איד דאַוונט, אַ גאַלער ברעשעט!... זיי גייען אום קאַליאַדעווען, די גאָים...

אין גאַס איז שוין דער ראַש גרויס, ס'ווערט ליכטיק פון אָנגעצונדענע לאַמטערנס. אונטער אַ גאָלדן דעכל גייט אַ גאַלעד, וואָס טראָגט אַן אי־קאָנע. ער ברעשעט טאַקע. אַ ברייטע געלע זשיפּעצע טראָגט ער, מיט גאָל־דענע בלעטער אויסגעהאַפטן און אַ הויכן ספּאַדיק אויף קאָפּ, פונס זעלבן קאָליר וואָס די זשיפּעצע. די גאָים טראָגן צלאָמים און רויטע פּאַפּירענע לאַמטערנדלעך.

מיר ציטערט ס'האַרץ. עפּשער גייט מען שוין ווידער שלאָגן אידן!... מאַכן אַ פּאָגראָם!...

ריווקע טרייסט מיך.

— האָב נישט מוירע, נאַרעלע, קום אַריין צו מאַכמעדן, וועסטו זיי באַלד גוט אָנקוקן! זיי קומען אַהין קאַליאַדעווען!

צו מאַכמעדן איז אַריינגעקומען גאָר אַן אַנדער כאַפּטע גאָים. זיי האָבן געפירט מיט זיך אַ גרויס פערד, אַן ארומגעדעקטס מיט אַ רויטן פּויערישן טעפּיך, וואָס האָט אַ סאַך געקלאַפּט מיטן לאַנגן פּיסק.

אין די אויפגעפּראַלטע טירן שטייען אַסאַך אידישע ווייבער און מייד־לעך. מיך כאַפּט מאַכמעד אויף די הענט און שטעלט מיך אַוועק אויפן פּאַר־קויף־טיש לעבן זיך. ער וואַרפט אַריין אַ גרויסן בייגל אינעם פערדישן פּיסק און לאַכט צו מיר מיט קלוגע שמייכעלעך אויפן שמאָלן אײדעלן פּאָנעם:

— ווידיש קאַק אָן קושאַיעט?!.. דו זעסט — הייסט עס אין רוסיש — ווי ער עסט!

אַן אַלטער גאָי גיט אַ שיט אוים אַביסל ווייץ אויפן פּאָל און ווי ער וואָלט געמאַכט אַ בראָכע, זאָגט ער דערביי:

— סיעיעם, וועיעם, פּאַסיעוואַעם, ס'נאָוואַם האַדאַם פּאַזדראַווליאַ־יעם... ס'הייסט, ער ווינטשעוועט מאַזל בראָכע אויפן נייעם יאָר...

די גאָים זינגען און קוליען זיך, קלאַפּן מיט שטעקנס אויף די פּענימער, מיט בערד און מיט פּייעס, אַנדערע, גלאַט מעשונעדיקע מיט גראָבע נעזן און ליפּן און אויסגעפּאַרבטע ברילן. דער אָנפירער זייערער, אַ שיינער יונג, איז אָנגעטאָן ווי אַן אָפיציר, ווי אַ קייסער, און לעבן אים אַ שיינע געזונטע שיקסע, די קייסערינע, באַהאָנגען מיט אַלערליי סטענגעס.

ריווקע שמעקט אַרום דעם פערד. זי גייט צו און הויבט אויף דעם טעפּיך און קוקט אַרונטער. באַלד קומט זי צו צו מיר:

— אוי זיינען זיי ליגנערס! דאָס פערד האָט אַ הילצערנעם קאָפּ, איבערגעצויגן מיט אַ פערדישער פעל. אונטערן טעפּיך שטייט אַ גאָי וואָס טראָגט עס...

ריווקען פאַרדריסט וואָס דאָס פערד איז אַ געפעלשטס. מיך פאַר־דריסט דאָס אויך. מיר איז אָבער גוט קוקן אויף מאַכמעדס געטרייע הענט וואָס האַלטן מיך אַרומגענומען, אויף זיינע וואַרימע בליקן וואָס קוקן אויף מיר מער ווי אויף אַלע גאָים מיט זייער נאַרישן פערד און מיט די שיינע אידישע

ווייבלעך, וואָס רויטלען זיך אין זייז אַנוועזנהייט און עסן אים מיט זייערע פאַרליבטע בליקן...

מאַכמעך גיט די קאַליאַדניקעס אַ סאַך קופּערנע מאַטבייעס און בייגל. און מיך קושט ער און ער שיקט אונדז אַהיים.

כא. — עטלם מילכיקע בייגעלעך...

אפן צווייטן טאָג טאָר איך אינדרויסן נישט אַרויסגיין: אַ שטראָף פאַר גיין צו די קאַליאַדעס אַן דער מאַמעס וויסן. די מאַמע איז אויך אינ־דערהיים. ס'איז כאָגע, זיינען די קלייטן געשלאָסן. זי באָדט אונדז און צוואָגט אונדז די קעפּ. איך מיט מיין שוועסטער ריווקען ליגן מיר שוין אפן אויוון און טריקענען זיך די נאַסע האָר. די מאַמע פלעכט אוים פינקלס צעפּ און רעדט אַפויר פון הינטער פינקלס קאָפּ:

— דער טאַטע האָט דערלייגט געלט צום היינטיקן פאַר כאָגע.. אַ קאַזנאַ ווערט דאָך אויך אויסגעשעפּט... מען וועט דאַרפן לייען באַ נעכאַ־מען אַ פּופּציקער... ס'גייט שוין צו פּייסעך... אַבי לייטן מיינען דער טאַטע איז אַ נאָגיד... ריכעס, שיידים דערוואַרגן זיך מיט זיין האַרעוואַניע!...

דער מאַמעס ווערטער זיינען קיילכיקע און גאַנצע. זיי קלאַפּן מיר אַפּ אין מויער. דער געדיכטער שניי, וואָס שיט אַ גאַנצן טאָג, קלאַפּט אינעם אַנגעפרוירענעם פענצטער, אין דער פאַרהאַקטער טיר.

דער טאַטע קלאַפּט אַפּ דעם שניי פון די באָטענעס און קומט אַריין אין קיך, די קוטשמע אַראָפּגערוקט איבער די אויערן און דער קאַלנער פונעם פּיזענעם מאַנטל אויפגעשטעלט. דער שניי ליגט נאָך אַפּ זיינע וואָנ־צעס, אפן בערדל און אַפּ דער קוטשמע. ער ברענגט מיט זיך מיט אַ סאַך קעלט און אויך אַ קליין פּעקעלע פאַר אונדז...

איך בין נייגיריק צו וויסן, וואָס אינעם פּעקעלע איז פאַראַן, נאָר איך טאָר נישט פרעגן. דער טאַטע וועט אַליין צעטיילן צווישן אַלע קינדער גלייך. ער דערלאַנגט דאָס פּעקעלע דער מאַמען און זאָגט איר זייער שטיל:

— ראַצע, נעם זיי מויכל אַרוים די בייגעלעך פונעם פּאַפּיר... עטל האָט זיי אייך געשיקט...

איך דערפיל דעם געשמאַקן רייעך פון הייסע מילכיקע בייגעלעך, און באַלד אויך אַ פאַרדרוס פונעם ענטפער וואָס דער טאַטע באַקומט:

— הערש, מיר האָבן נאָר וואָס אָפּגעגעסן אַ פלײשיקן אָנבייסן...

— ראַצע, איך נעם אַפּ מיר די אווײרע, נאָר עסט!...

— אַפּ מיר די אווײרע! — רופן אוים ביידע עלטערע שוועסטער־לעך, און איך אויך.

איטע דאָס שטוב מיידל, וואָס זיצט מיטן קליינעם שוועסטערל נעבן מיר, שרייט מיט אַ ברייט מויל:

— אַפּ מיר די נעווײרע!...

די מאַמע קוקט אַריין אין פּינקלס צעפּ און שווייגט. דער טאַטע רעדט צו איר שטיל און בעטנדיק:

— ראַצע, ווילסט מיר נישט צוליב טאָן?... גיב זשע זיי די קינדער!...

דער טאַטע שטייט צווישן אויוון, ער באַטראַכט שטאַרק די מאַמע, און באַלד רופט ער זיך אָן צו איר:

— ראַצע, פון ראַסיי איז געקומען אַ טרופּע אַקטיאָרן, טשערבאַ־קאָווס טרופּע. איך קען זיי נאָך פון באָבערוייז. גרייט דיך צו אַף היינט מיטביידע עלטערע קינדער!...

די מאַמע קוקט ווייטער אין מיין שוועסטערס צעפּ. זי פלעכט זיי אַלעמאָל איבער פון דאָסניי.

— ראַצע, אַקיידעס איצכאַק וועט מען געבן!...

די מאַמע טוט אַ צעשטרייטן קוק אַפן טאַטן. זי ענטפערט אים:

— איך דאַרף נישט קיין טעאַטער!... איך האָב דאָס נישט ליב!...

— וואָס ווייסט מען פיינט צו האָבן אַ זאַך, וועלכע מען האָט ניט געזען?

— איך דאַרף גאַרנישט זען!... וועסט שוין קריגן מיט וועמען צו פאַרברענגען!...

דער טאַטע בייזערט זיך אויס:

— וואו איז דאָס אויפגעוואַקסן!... צווישן כייעס אין אַ וואַלד?...

— האַלעוויי, הערש, בין איך ווידער דאָרטן!... אין וואַלד האָב איך געוואוסט פון אַ לעבן, פון פרייד!...

דער טאַטע טוט אַן אָפּגעהאַקטן זאָג:

— ראַצע, קיינער האַלט דיך דאָ נישט צו!... פאָר!...

דער מאַמעס אויגן גיסן זיך אָן מיט מידקייט, מיט געבעט:

— הערש, גיב מיר אַ געט!... האָסט דאָך מיר פיינט!... עטל איז אַ שענערע פון מיר!... זי וועט דיר געבוירן שענערע קינדער פון מיינע!... די פיר ווערים מיינע געהערן צו מיר!.. אין באַבען קענען מיך אַלע! גאָט וועט אונדז דאָרט אויך נישט פאַרלאָזן!...

דער טאַטע שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער דרייט אומרואיק ס׳נאָסע טשופּרינקעלע זיינס.

פּינקל קוקט אַראָפּ צום פאָל. איך פיל ווי זי וויל עפּעס זאָגן און האָט מוירע פאַרן טאַטן.

איך, ווידער, בין בייז אַף עטלען. דעם אייזערנעם לאָמפּ, און אַף אירע פעטע מילכיקע ביינעלעך, וואָס רייצן מיר־דעם אַפּעטיט...

דער טאַטע שפּאַרט אָן זיינע אויפגעהויבענע עלנבויגנס אַפן זוים פונעם אויוון און קוקט פאַר זיך מיט מידע צעשטרייטע בליקן.

די מאַמע נעמט די ביינעלעך און וואַרפט זיי אַריין אינעם מיסט־קעסטל. מיר זיינען זיי אַ גרויסער שאָד. מיר טוט אויך באַנג, וואָס דער טאַטע גייט ווידער אַוועק. ער גייט אַוועק אַ שטילער, אַ פאַרשעמטער, אַ באַרויגעזער.

אין קיך ווערט ווידער שטיל און לײדיק. די מאַמע קריכט אַרויף אַפן אויוון. זי שפּאַרט צו די פּלייצע צום וואַרימען קוימען און זיפצט:
— מיך דראַזשעט, קינדער...
זי פּלעכט זיך אויס די צעפּ, אַ שטילער אומרו טוקט זיך אין אירע שטילע גרויסע אויגן, די טיפע און דורכזיכטיקע, וואו עס טוקט זיך דער טרויער פון איר נעשאַמע.

כב. — ווי אזוי די מאַמע האָט כאַסענע געהאַט פאַרן טאַטן

אין יענעם טאָג בין איך געוואויער געוואָרן אַ ביסל איינצלהייטן פון מיין מאַמעס קינדהייט און פון אירע מיידל־יאָרן.
זי איז געבוירן געוואָרן אין באַבעז, אַ קליין דערפעלע לעבן ליפקאַן. דער זיידע ניסן, איר טאַטע, איז געווען אַ פרומער איד, אַ רייכער און אַן אָנגעזעענער אינעם גאַנצן דערפל. געהאַלטן האָט ער אַ קרעטשמע און געהאַט אַ שטיקל אייגן וואַלד. די באָבע שיפרע האָט אים געהאַט פיר קינדער, דריי מיידלעך און אַ אינגל. די מאַמע איז די איינגסטע פון די דריי מיידלעך, אַ שיינע און אַ געראַטענע. דער זיידע האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, ער האָט ליב געהאַט איר דאָרפּישע געזונטקייט און אירע ברוינע געדיכטע לאָקן. ווען די מאַמע איז אַלט געווען זיבן יאָר, איז דער זיידע פּלוצים געשטאָרבן.
די באָבע שיפרע וויל מער נישט וואוינען צווישן גויים. זי האָט שיינע טעכטער און אַ בען־יאַכיד, וואָס זי וויל ער זאָל זיין צווישן אידן. זי פאַרקויפט די קרעטשמע מיט דעם וואַלד און באַזעצט זיך מיט אירע קינדער אין ליפקאַן.
אין ליפקאַן האָט די באָבע שיפרע געמוזט ווערן אַ סאַרווערן. דאָס ביסל געלט וואָס זי האָט נאָך געהאַט, האָט זי געהאַלטן ערגעץ אַף פּראָצענט, אַף אויסצוקויפן דעם פעטער כאַימען, איר בען־יאַכיד פון גאַישע הענט...
דער מאַמעס שוועסטער האָבן כאַסענע געהאַט און זיינען גליקלעך. נאָר די מאַמע איז נישט גליקלעך. זי איז שוין אַ מויד, בא לייטן שוין אַ קאַלע, זי דאַרף אַ סאַך זאַכן, און די באָבע שיפרע איז קאַרג, האָט מוירע צו רירן ס'קניפּל אירס...
זי וויל טאָן אַ גוטן שידעך, די באָבע שיפרע, מיט איר געראַטענער מעזינקע און נאָדן וויל זי געבן ווינציק. נישקאָשע, זאָגט זי, אַזאַ מיידל מעג מען נעמען אָן נאָדן. און טאַקע, איר שיינקייט, איר צניעס, איר שטאָלץ, און היינט איר האַנט אַרבעט האָבן אַ שעם אַף גאַנץ ליפקאַן. דעם פעטער כייעמס אַ כאַוער, אַ שיינער באָכער פון אַן אָנגעזעענער מישפּאָכע איז פאַרליבט אין איר. זי אין אים אויך. נאָר דעם אינגלס עלטערן ווילן

אַ סאַד נאַדן און דעריקער, זיי ווילן נישט קיין סאַרווערן פאַר אַ מעכו־טענעסטע...

די מאַמע וויל נישט הערן פון קיין אַנדערע שידוכים. ס'אינגל אויך נישט. זיי ריידן נישט וועגן זייער ליבע, נאָר זיי פאַרשטייען זיך מיט די אויגן, מיט די הערצער...

איינמאָל גייט מיין מאַמע, דאָס קאַלע־מיידל, קויפן קוילעטשן אַף שאַבעס אין אַ בעקעריי. מיין טאַטע איז גראָד געווען אין ליפּקאָן. און ווי ער האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל, האָט ער געשיקט צו איר אַ שאַדכן.

די באָבע שיפרע וויל נישט קיין בעקער פאַר אַן איידעם. זי וויל אַ פיינעם איכעס. שיקט מיין טאַטע צו איר דעם זיידן כייעם, וואָס קומט צופאָרן אַזש פון בריטשאַן.

ווייסט נישט די מאַמע ווער ס'איז דער שיינער איד מיט די ברייטע באָרד און פּייעס און זי ווייסט אויך נישט וואָס די באָבע שיפרע טיינעט מיט אים איין אַזוי פיל און דינגט זיך מיט אים... די מאַמע איז גאָר כווישעד, אַז די באָבע גייט כאַסענע האָבן מיט דעם שיינעם צעשמייכלטן אידן... נאָר אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט קומט צו גיין דער טאַטע. ער גייט שיין אָנגעטאָן און רעדט שיין און קלוג. די באָבע איז גליקלעך מיט דעם זיידנס איכעס און מיט דעם „רייכן" כאָסן, וואָס די טאָכטער אירע וועט האָבן.. נאָר די מאַמע וויינט, זי וויל נישט ווערן קיין קאַלע, זי וויל נישט ווערן קיין בעקערן!...

די באָבע שיפרע שלאָגט זי, טיינעט אין איר אַריין, אַז אַ לייטישע אידישע טאָכטער פאַרלאָזט זיך מיט אַ שידעך אַף דער מאַמעס מעווינעס און... מען מאַכט אַ טקיעס־קאַף קעגן דער מאַמעס ווילן.

דער טאַטע קויפט איר מאַטאָנעס, שיינע שטאָפן אַף קליידער, צירונג... נאָר די מאַמע איז שטאַרק אומגליקלעך. נאָך אומגליקלעכער דערפילט זי זיך, ווען שאַבעס, נאָכן טקיאָס־קאַף, קומט מען צו גיין און מען דער־ציילט איר, אַז דער טאַטע האָט געדאַוונט אין שיל אין אַ טאַלעס...

זי אַליין האָט אַפילע געמיינט, אַז אַ כאָסן דאַרף שוין דאַווענען אין אַ טאַלעס, נאָר כאַווערטעס האָבן איר אויפגעקלערט: — ראַצע, דיין כאָסן איז אַ טאַטע!...

די מאַמע איז דעמאָלט אַנטלאָפן צו איר עלטערער שוועסטער... זי וויל נישט קיין כאָסן מיט אַ טאַלעס... בא איר שוועסטער דערוויסט זי זיך, אַז דער כאָסן האָט זיך געגעט מיט דעם ערשטן וויב אַ כוידעש נאָך דער כאַסענע, וויל זי איז נישט געווען קיין קאַשערע אידישע טאָכטער...

די באָבע שיפרע שלאָגט זי ווידער, נאָר די מאַמע שווייגט און רירט זיך נישט פון אירן. נאָר די שוועסטער האָט געפּועלט בא איר זי זאָל אַהיימגיין און נישט מעוואַיעש שטעלן אַ מענטשן... נאָך שאַבעס וועט מען אָפּלאָזן דעם שידעך...

דער טאַטע ווייסט נישט וואָס אַרום אים קומט פאָר. דער קאַלעס רוינעז, איר טרויער מאַכן אים פאַר אוים מענטש. ער רעדט צו איר שיינע

ווערטער, מיט ליבשאפט און כאכמע. זי האלט דעם ווייזפינגער אין מויל און שווייגט...

אפדערנאכט, באם ערשטן שטערן אין הימל, דינגט דער טאטע א שליטן און פארט צוריק קיין יעדינעץ. ער געזעגנט זיך נישט מיט דער מאמען, זי איז גליקלעך, ס'איז אוים שידעך. נאר דער זיידע כייעם קומט קומט ווידער צו פארן. און עס בלייבט אז די באבע שיפרע זאל מיט איר פארן צום רעבן און בעטן בא אים אן אייצע. און דער רעבע האט געזאגט: ס'איז בעסער צו שרייבן א געט איידער צו רייסן טנאים..

און אזוי האט מיין מאמע כאסענע געהאט מיט מיין טאטן. דער זיידע כייעם פון איין זייט און די באבע שיפרע פון דער אנדער זייט, האבן איר צוגעזאגט א כוידעש נאר דער כאסענע צו באקומען א געט...

דער טאטע האט זיך איר איינגעקויפט אין ליבשאפט און זי איז גליקלעך. איין זאך נאר מאכט זי אומגליקלעך. דער טאטע לאזט זיך נישט אוועקרייסן פון זיינע גוטע ברידער. וואו א פארד, וואו א היימלאזער, קומט ער צו אים ער זאל זיי העלפן. ער היילט זיי די קעפ, טוט זיי אן א ווייס העמד אפן לייב און מאכט זיי פאר גוטע ארבעטער. שפעטער ווערן זיי אים סאנים. אין א לעפל וואסער ווען זיי קענען אים דערטרינקען!...

די מאמע ווינטשט דער באבע שיפרען צו האבן אזא רו אינעם קייווער אף יענער וועלט, וויפל רו און מענוכע זי האט, די מאמע, אף דער וועלט...

פארוואס שעלט די מאמע מיין באבען?... אוודע האט זי באדארפט אויסקלייבן פאר איר א כאסן!... מיר געפעלט יא דער שידעך...

— אייך קינדער — פארענדיקט די מאמע דורך טרערן — וועל איך בעסער אין טייך ארייננווארפן איידער כאסענע מאכן מיט בעקערוקעס!

כג. — די שיינע ראזע איז נישטא שוין...

אפדערנאכט איז די מאמע שוין רואיק. אין זאל איז אויפגעלעבט, פריילעך. דער גרויסער הענגלאמפ בליצט מיט ראכוועס, נאך ראכוועסדיקער איז דער גרויסער מעשענער סאמאוואר אפן טיש אינעם טעצל. ער שיפעט שטיל און הייזעריק און שפיגלט זיך אין די אנגעפרוירענע שויבן, אינעם רויטן געפאליטורטן מעבל.

דער מאמעס צעפ אף דער פלייצע הענגען אראפ שווערע, זיכערע. אירע טריט ארום טיש, ארום נעבאמעס קינדער, וואס זיצן איצט באם טיש, זיינען אויך זיכערע און געמאסטענע. זי צעשטעלט פאר זיי הייסע גלעזער טיי מיט ווײנשל־איינגעמאכץ און פרישן קומיש־ברויט.

אין זאל איז שוין ווארים, די טעפיכער אפן פאל הויבן ארויס פון זיך די איינזאמקייט פאר דער צייט פון דער מאמעס אפוועזנהייט. שפעטער זעצט זיך אוועק די מאמע מיט בריינע נעבאמעס אף איין בענקל. זיי קוקן

זיך אין די אויגן ווי כאסן־קאלע און שפילן אין קארטן מיט ברייגעס ברי־דערלעך. די אינגלעך זיינען פריילעך, זיי ריידן אלע איניינעם:

— אז איר זיינט אין שטוב, מאדאם גוטמאן, איז א מעכייע!..

דער טאטע קומט ווידער אהיים, ער לייגט אוועק א פעקל מיט נאש־ווארג אפן טיש, רייבט זיך איין א האנט אן דער אנדערער און שמייכלט מיטן גאנצן פאנעם, מיט די קלוגע ווארימע אויגן:

— וואס זשע הערט זיך עפעס, קינדער?... איך האב שוין גערעכנט אריינגיין צו אייך, א פרעג טאן וואס מען מאכט...

שמיל נעכאמעס לייגט צו די האנט צום שטערן:

— מערסי, גאספאדין טשארנאפוי!

— איר האט שוין בילעטן אין טעאטער אריין? — פרעגט דער טא־טע. — קינדער, גייט אף מיינע בילעטן!... מען גיט היינט אקיידעס איצ־כאק!...

דאדיע, דער מיטלסטער זון נעכאמע מוישע וואלפס, זשמורעט מיט די אויגן אפן טאטן, אף דער מאמען:

— מאדאם גוטמאן, נעמט אייער הערשן און גייט!...

איכל, דער קלענסטער, טאנצט ארום דער מאמעס בענקל:

— ראצא, קומט מיט אונדז, עס וועט זיין פריילעך...

די מאמע קוקט אריין אין די קארטן און שווייגט. די פריילעכע שטימונג פאלט.

דער טאטע צאפט זיך אן אליין א גלאז טיי פונעם סאמאוואר. שפע־טער שפילט ער אויך אין קארטן. ער רעדט א סאך מיט נעכאמעס קינדער, אלץ וועגן טשערבאקאוום טרופע, ווי זי שפילט גוט טעאטער....

שפעט אין אוונט גייען נעכאמעס קינדער אהיים. אין זאל ווערט שטארק ליידיק. דער רויגעז צווישן טאטע־מאמע שוועבט אין אלע ווינקעלעך. די מאמע גייט שלאפן און זאגט נישט דעם טאטן קיין גוטע נאכט... דער טאטע קרעכצט שטילערהייט, ער גייט אויך שלאפן און נעמט מיך צו זיך אפן געלעגער.

איך קען נישט שלאפן. איך הער ווי דער שניי שטורעם רייסט די פאר־מאכטע לאדנס. איך הער דעם איינגעהאלטענעם אומרו, וואס שטורעמט אינעם טאטנס הארצן...

אין שלאף־צימער איז א טיפע פינסטערניש. אין זאל אויך. דער אלטער וואנט־זייגער קלינגט אויס 12. אין דער שא גייען אום די נישט גוטע אי־בער די בוידעמער און אין די אפטריטן... די טויטע אונטער דער ערד און אין די שילן... איך הער מיך איין מיט אנגסט ווי עמיצער שפאנט אריבער דאס טירל פונעם גאניק... עס סקריפעט דער שניי, דער ווינט קרעכצט, יא־מערט און קלאפט אין די פענצטער... דאס גייט מיסטאמע אום סערקע די נייטארקע אפן אוילעם האטויע... איך הער ווי מיינע עלטערע שוועסטער־לעך ווארפן זיך אפן געלעגער, ווי זיי זיפצן. איך דריי מיך אויך אפן גע־לעגער און זיפץ.

עמיצער קלאַפּט אין פענצטער פון זאַל, אַ געוויין מישט זיך אויס אינעם יאָמערדיקן שטורעם:

— ברודער, הערש! שטיי אויף! מיין ראָזע איז שלאַף, מען דאַרף אַ דאָקטער!...

דער טאַטע שפּרינגט אַראָפּ פונעם געלעגער, ער מאַכט ליכטיק און כאַפּט זיך אָנטאָן. ס׳פאַלן אים די מאַלבושים פון די הענט. די מאַמע זעצט זיך אויף אין איר בעט, זי ברעכט זיך די הענט, זי זיפצט:

— וואָס פּלוצים אינמיטן דער נאַכט!...

ראָזע איז די באַסיעכידע פונעם טאַטנס אינטימסטן גוטן ברודער־מוישעלע, אַ שיינע מויד פון זעכצן יאָר, אַ הויכע און אַ שוואַרץ־כיינעוו־דיקע, מיט טיפע קאַרשן־אויגן און שוואַרצע לאַנגע צעפּ.

דער טאַטע איז שטאַרק צעטראָגן. ער לופט צו דער טיר, מיט אויפגע־שפּיליעטע הויזן און מיט די קאַלטע באַטענעם אַף די באָרוועסע פיס.

די מאַמע שרייט אים נאָך:

— הערש, האָסט געלט באַ דיר? מען דאַרף דאָך אַ דאָקטער!...

מיך נעמט אַרום אַ שטאַרקער אומרו. ראָזע וועט שוין אויך שטאַר־בן?... אַלע שטאַרבן!...

ריווקע מיט פינקלען קומען אַריין צו מיר אַפן געלעגער. זיי זיינען אויך אומרואיק און קענען ניט איינשלאָפן.

גאַנץ פרי שטייט אַ בלויע פּראָסטיקייט אין שטוב. די ווענט זיינען גרוי און פאַרקלערט. איך קלער אויך: ווען איז די מאַמע מיט פינקלען אוועקגעגאַנגען זען וואָס ראָזע מאַכט? און ווען וועלן זיי אַהיימקומען פון דאָרט?...

זיי זיינען אַהיימגעקומען ערשט אָפּדערנאַכט. דער הענג־לאָמפּ ברענט נידעריק און טונקל. מיין מאַמעס און מיין שוועסטערס פּאָנעם זיינען אויך טונקל געוואָרן. די הויט איז געראָנצלט, איינגעשרומפּן פון וויינען.

איטע, דאָס שטוב־מיידל, שטעלט אָן אירע קליינע אויגן אַף דער מאַמען. זי פרעגט שטיל, ווי ס׳וואָלט געלעגן אַ קראַנקער אין שטוב.

— וואָס הערט זיך, באַלעבאָסטע?...

די מאַמע טוט אַ ציטער. זי רעדט מיט אַ טריקעניש אין האַלדז און מיט אַ לייכטן מאַך מיט דער האַנט.

— שוין אירס איבערגעקומען, די קאָשערע נעשאָמע...

ס׳איז שוין עטלעכע טעג דערזין און איך קען נישט פאַרגעסן אַז דער שיינער ראָזע. די קעלטן שניידן ס׳לייב. מיר שניידט דאָס האַרץ פון עלנט און פון אומעט. די מאַמע זיצט גאַנצע טעג באַ מוישעלען און זיין ווייב לייע, וואָס זיינען צעבראָכן פון זייער טאָכטערס טויט.

איך מיט ריווקען מוזן מיר זיצן אינדערהיים: ס׳גייט אום דיפטעריט, ראָזע איז פון דעם געשטאָרבן.

כג. — מיר גייען אין טעאַטער

אַ פּאָר וואָכן פאַר פּורים, האָבן גענומען נאָכלאָזן די פרעסט. אין גאַס שטייט אַ העלע זון, זי שיינט איבער די דעכער, זי שיינט אַריין צו אונדז אין זאַל. אין די קאַנאַוועס שטראָמען שטיקער אייז, שוואַרצע, איינגע־ווייקטע אין דער לויזער בלאָטע. די גאַלישע פורלעך זיינען אָנגעפּאַפּט מיט בלאָטע, די פערד שוויצן און קענען פון איר נישט אַרויסקריכן. קינדער פון דער גאַס קענען נישט גיין איינס צום צווייטן. מען מוז שטיין פאַר די טירן, אויף די טראָטואַרן און קוקן אין דער בלאָטע אַריין.

איך שטיי לעבן דער קאַנאַווע פאַר אונדזער קלייט און שאַר די בלאָ־טע מיט אַ דין אייזערן שטעקעלע. דער טאַטע קומט אָן פון מאַכמעדס בע־קעריי. מיט אים גייט מיט אַ פרעמדער מענטש, אַ הויכער, אַ בויגעוודיקער, מיט אַ טונקל פּנים און מיט קנייטשן אַרום מויל און אונטער די אויגן. אין קלייט באַ אונדז באַקענט אים דער טאַטע מיט דער מאַמען:

מאַיאַ זשענאַ, גאָספּאָדין טשערבאַקאָוו!..

דער מענטש ציט דעם גרויען הוט פאַר דער מאַמען. זיין גלאַט גע־ראַזירט פּנים מיט די קנייטשן אונטער די אויגן, איז הוילע שמייכלען. איך נעם פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ: ס'איז די טרופּע וואָס מען רעדט וועגן איר אַזוי פיל באַ אונדז אין שטוב...

איך נעם אַרום דעם טאַטן און פרעג אים:

— דאָס איז טשערבאַקאָוו, די טרופּע?.. זיי שפּילן אין טעאַטער?...

דער טאַטע ענטפערט מיר זייער ערנסט:

— אַ טרופּע, טאַכטער מיינע איז דער גאַנצער צוזאַמענשטעל פון די אַקטיאָרן. טשערבאַקאָוו איז דער דירעקטאָר, דער באַלעבאָס....

איך ווייס נישט וואָס דער טאַטע מיינט מיט דעם. איך ווייס אויך נישט פאַרוואָס טשערבאַקאָוו האַלט נאָך אַלץ דעם קאַפּעליוש אין די הענט. ער רעדט צו דער מאַמען:

— האָט איר שוין געזען מיינע אַ פאָרשטעלונג, מאַדאַם גוטמאַן?

די מאַמע ווערט רויט. זי ענטפערט זייער שטיל, שעמעוודיק.

— ס'קומט אַלץ נישט אויס... מירן נאָך קומען. די קינדער זיינען נאָך קליינע... ס'איז שווער זיך אַרויסצורייסן!..

די מאַמע קנעט אַ שטיקעלע ווייך ברויט צווישן די פינגער. זי קוקט אַראָפּ צום פּאָל. דער טאַטע מישט זיך אַריין:

— מיר וועלן זען קומען... אַז מען זאָגט צו, מוז מען האַלטן וואָרט, ראַצע!...

די מאַמע האַלט טאַקע וואָרט. אין דעם אייגענעם אָפּדערנאַכט קומט זי אַהיים פון דער קלייט פּאַרפריי. זי וואַשט זיך איין אין אַ גרויסער שיסל מיט גוטער שמעקענדיקער זייף. די עלטערע שוועסטערלעך וואַשן זיך אויך. די קינדער טוען זיך אָן די נייע שטיוועלעך מיט די קאַלאָשן און די שאַ־בעסדיקע קליידלעך. זיי לויפן אַריין צו נעכאַמען און קומען באַלד צוריק.

זיי זיינען פריילעך, אויפגערוימט, סוידעסדיק... אוודע האלטן זיי דאָס בעסאַד!... זיי גייען אין טעאַטער און מיר!... אין זאַל איז שטאַרק ליכטיק, ס'איז היים. מיר איז היים פון בושע, פון פאַרדרוס וואָס מען נאַרט מיך אָפּ... נעכאַמעס קינדער גייען אַריין און אַרויס, זיי ראַעשן אַלץ אַרום דער מאַמען...

די מאַמע אַליין ראַעשט נישט; אַ שטילע, אַ בענימעסדיקע, טוט זי זיך איבער פאַרן שפּיגל, וואָס שטייט אַף דער קאָמאָדע. ריווקען מיט פינקלען זע איך שוין אינגאַנצן נישט. ס'שטוב־מיידל ווינקט מיט אירע קאַלעמוטנע אויגן צו דער מאַמען און רעדט עפּעס אין גאָיש. צו מיר זאָגט זי מיט כּויזעק:

— וועסט בלייבן מיט מיר, גאָלדעלע?... די מאַמע גייט אַף דער כאַסענע פון שיינע מעניעס קעלבל!...

— אַ קעלבל מאַכט מען נישט כאַסענע!.. און אַז יאָ, וויל איך אויך גיין!...

דער מאַמען וועל איך עס אָבער נישט זאָגן; זי וועט מיך שלאָגן... ס'האַרץ וויינט אין מיר...

די מאַמע איז פאַרנומען מיט זיך...

דער שוואַרצער פליושענער מאַנטל מאַכט זי העכער און שענער. ס'שוואַרצע קיילעכיקע היטעלע אפן קאָפּ, נעמט אַרום איר שיין פּאָנעם, דאָס מאַטעווע און אויסגעאַיידלטע פון טרויער. די פאַרב אין די באַקן איז צעשפּילט, ווי זי וואָלט געוועזן געטרונקען וויין...

— וועסט בלייבן אין דער היים, טאָכטער, איך גיי אין באָד אַריין!...

ווי קען מיך די מאַמע אַזוי באַליידיקן?!... אַף דערויף האָב איך געצילעט די בייגל אַ גאַנצן טאָג פאַר כאָגע?! דער טאַטע זעט מיך אויך נישט. ער קומט אַריין אין שטוב און גייט גלייך אַריין אין שלאָף־צימער זיך איבערטאָן.

ער קומט אַרויס מיטן שוואַרצן פּאַלטאָ, וואָס מאַכט אים דינער און העכער. ער קוקט אַף דער מאַמען און זיפצט צופרידן:

— ראַצע, מיין ווייב!...

ווי עלנט איך בין איצט!... קיינער דאַרף מיך נישט... מאַכמעד מיט זכאַריען אויך נישט... מאַכמעד קומט אַריין און נויגט זיך פאַר דער מאַמען, ווי זי וואָלט געוועזן אַ פּריצע. דער גרינער פּאַלטאָ מיטן גרויסן באַראַשקענעם קאָלנער פּאַסט אים שטאַרק. דער טונקל גרינער קאַפּעליוש באַביינט זיין פּאָנעם, זיינע טונקל גרינע אויגן... זכאַריע איז אויך פאַרפּוצט. פון אים שמעקט מיט פרישע אייעריקע בייגל. אַ טיפע אינערלעכע פרייד קוקט אַרויס פון זיינע טיפע רויזן־אויגן און ליגט שווער אַף זיין מאַטעווען פּאָנעם.

די מאַמע איז ווידער איינגעשלאָסן אין זיך. דער טאַטע רעדט צו איר זייער שטיל:

— איך האָב זיי איינגעלאַדן, ראַצע!... ס'אַנדערע מאָל וועלן מיר רופן הערשעלען!..

מיר וויל דער טאַטע נישט איינלאַדן אין טעאַטער אַריין... מאַכמעד גיט מיר עטלעכע קאָנפעקטן אָנגעגאָסענע מיט ראָם און שמייכלט מיר אין מיין פאַרקלאָגטן פּאָנעם:

— כאַטשעש איטי ס'נאַמי, מילאַיאַ?...

צי איך וויל גיין?... זכאַריע רופט זיך אָן:

— איך וועל זי טראָגן אַף די הענט, רעב הערש!...

דער טאַטע מיט מאַכמעדן ריידן שוין אין טערקיש. דאַכט זיך וועגן מיר. דערנאָך רופט ער זיך אָן צו דער מאַמען אין כאַכליש:

— נעכאַי דעטינאַ טאַזשע אידע!...

דרויסן איז שוין וואַרעם. ס'טויעט זיך אַ געדיכטע פּאַרע איבער דער גאַס. די מאַמע שלעפּט קוים אַרויס די פּליטקע קאַלאָשן פון דער בלאָטע. באַם ראַג גאַס לויפן איר אַנטקעגן מיינעביידע שוועסטערלעך מיט אויס־געשפּרייטע הענט, פריילעכע. איך בין אויך פריילעך, מאַכמעד טראָגט מיך אַף די הענט. זכאַריע מיטן טאַטן גייען אונדז נאָך פון הינטן. ס'גייט אונדז נאָך אַ לויטערער הימל מיט טיפע צעשמייכלטע שטערן...

אַפן אַנדערן טאָג ריידן די עלטערע שוועסטערלעך מיט בריינע נע־כאַמעס. זיי דערציילן וועגן אַ שיינער שולאַמיס און וועגן אַן אַווישאָלעם. די מאַמע רעדט אויך אַ סאַך, אַלץ וועגן נעכטיקן טעאַטער. נאָר איך האָב נישט וואָס צו דערציילן. איך שעם מיך אויסצוזאָגן, אַז איך בין דעם טעאַטער פאַרשלאָפן באַ מאַכמעדן אַף די הענט. איך שעם מיך אויך אויסצוזאָגן, אַז פאַר איין מאַכמעדן, וואָס קען האַלטן באַ זיך אַף די הענט אַזוי געטריי און זאָרגפעליק, שענק איך זיי צען טעאַטערס און ניט איי־נעם... ס'מוט מיר נאָר באַנג, וואָס מער וועט מען מיך אין טעאַטער נישט מיטנעמען...

כד. — די אַקטיאָרן זיינען הונגעריק

היינטיקן פּורים מאַכט מען באַ אונדז נישט קיין יאָנטעוו. די שיינע ראָזע איז דאָך געשטאָרבן. מיין טאַטנס בעסטן פריינטס באַמיעכידע. פונ־דעסטוועגן באַקט די מאַמע פּורים פלאַדלעך, האָמען־טאַשן און אַנדערע געבעקסן.

דעם טאָג פון ערעוו פּורים שטיי איך אויף מיטן טאָג. איך גיי העלפן דער מאַמען באַם פאַרקויפן די געלע פּורים־קוילעטשן, וואָס שמעקן מיט אייער און מיט זאַפרען. די קלייט איז פול מיט ווייבער, פול מיט זון, מיט פרייד.

דער טאַטע איז אויך פריילעך. ער גייט אום אין די הוילע אַרבל, פאַר־

קאטשקעט אַף אַרויף. דער מאַמעס פּאַנעם איז צעפּאַליעט, אויפגעלויכטן, אַזוי ווי די פרישע אין צענטן געפלאַכטענע יאַנטעווודיקע קוילעטשן.

— ווילסט עפּעס זאָגן, הערש? — רעדט זי אַריין אין די קוילעטשן, וואָס זי האַלט אין אַריינלייגן זיי אין די ראַפּטן.

— יאָ, ראַצע, — קען זיך דער טאַטע קיין אָרט נישט געפינען, — וועסט מיר מויכל זיין, איך האָב איינגעלאַדן צו דער וועטשערע די טרופּע טשערבאַקאָוו... ער צאָלט זיי נישט אויס די סכירעס, דער פּאַסקודניאַק!...

— וואָס הייסט עפּעס נישט צאָלן?.. נאָ דיר גאָר אַזוינע שטיק!... זאָלן זיי גיין אַרבעטן!...

— אַז אַקטיאָר וועט גיכער פּייגערן פאַר הונגער און ס'פּאַד זייגס נישט אָוועקוואַרפן...

— און מיט דיין וועטשערע, הערש, וועסטו פאַריכטן זייער גאַנץ דאַברימאַזל?

— ס'איז נישט בלויז אַ וועטשערע, ראַצע!... אַז אַקטיאָר, אַ קינסט־לער, נויטיקט זיך אין אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט!...

— מיילע, אַז ס'איז נויטיק, וועל שטערט דיר כאַלילע? נאָר קיין קלעזמער וויל איך דאָ ניט האָבן!... איך וויל זיי נישט אַרויפנעמען צו מיר אַהיים!... וואָס וועט נעבעך לייע טראַכטן וועגן אונדז!... — רעדט די מאַמע אין די ראַפּטן אַריין באַם אַרויסנעמען קוילעטשן פאַר די ווייבער.

אַפּדערנאַכט איז אין צימער פון דער בעקעריי שטאַרק ליכטיק, וואַ־רעם. די טירן פונעם צימער און פון דער קליוט שטייען אָפענע, צעפּראַלטע. פון דרויסן קוקט אַריין אַ דורכזיכטיקע בלויקייט. ס'קוקן אַריין ווייבער און מיידן. אַפן פענצטער, אין דער ליק, קלעפּן אַ סאַך צעשמייכלטע אויגן און קליינע קינדישע נעזלעך, נאַסע און צעפּלעטשטע.

אַפן טיש, וואָס זכאַריע מיטן טאַטן האָבן צונויפגעשטעלט פון לאַנ־גע ברעטער, מיט אַ יאַנטעוודיקן סערוועט באַדעקט, שטייען פלעשער וויש־ניק און בראָנפן. עס שמעקט מיט יאַנטעוו, פון די גרויסע פורים־קוילעטשן, פון די מייכאָלים, וואָס די מאַמע האַלט אין איין דערלאַנגען.

כאַנעלע דער בעקערישער טעלעפּאָן מיט איר טאָכטער כייע איטעלע, שטייען אין אַ ווינקל, ווי די נעבעכלעך. פינקל דעם פעטער דודלס איז דאָ מיט אירע ברידערלעך און מיין כאַווערטע סאָסיע...

די אַקטיאָרן זינגען, נאָכמער עסן זיי און טרינקען. דער דירעקטאָר טשערבאַקאָוו איז נישטאָ, נאָר די אַקטיאָרן זיינע, די באָכערים פון זיין טרופּע. איינער איז אַ הויכער, מיט אַ ווייס פּאַנעם און אַ ברייט מויל אַ הונגעריקס און אַן אומרואיקס. ער טראָגט אַ געל פעלצן היטל און צערי־סענע באַטענעס אַף די אַלטע קאַמאַשן. מיר געפעלן זיינע ווייסע הענט, די גרויסע און אומרואיקע. ווען ער זינגט, פאַרמאַכט ער די אויגן, אַזוי ווי מיין טאַטע ווען ער זינגט. זיין קאָל איז אַ טיפס, אַ שטאַרקס אַ דונערנ־דיקס. זאָל דאָס זיין דער שיינער אָוושאַלעם פון וועלכן איך הער אַזוי פיל דערציילן... און עפשער איז גאָר אָוושאַלעם דער אַנדערער? גיין, ער

הייסט גאָר אַבראַם, הער איך. ער איז ניט קיין שיינער, מיר געפעלן נישט זיינע אויגן, די קליינע און צונויפגעצויגענע. ער עסט מיטן גאַנצן פּאָנעם אין טעלער. ער שלינגט, ניט ער עסט... ווען איך עס אַזוי, האַקט מיר דער טאַטע איבער די הענט!... ס'איז טאַקע נישט שיין!...

אַבראַמס שוואַרצער פּאַלטאַ איז אָפּגעריבן בײַ די עלנבויגנס און אויפן הינטן. די לעכער פון זיינע אַלטע באַטענעס זיינען פּאַרשטעקט מיט שטרוי. ער האָט דערזען ווי איך באַטראַכט אים, ווי איך קוק אויף אים שטאַרק, איז ער רויט געוואָרן און האָט נאָך טיפער אַריינגערוקט דעם קאָפּ אינעם טעלער מיט עסן...

איך שעם מיך אויך. וואָס ליובן אַזוי מיינע שוועסטערלעך די טרו־פּע?... וואָס איז דאָ פּאַראַן אַזוי צו ליובן?... אַ טרופּע עסט נישט אַזוי פיל, אַזוי מיעס!...

עטלעכע טעג נאָך פּורים קומען נאָך אייניקע פון זיי אַריין עסן בײַ אונדז... איינמאָל קום איך אַריין אין צימער, זע איך ווי אַבראַם זיצט בײַם טיש און האַלט ס'גאַנצע פּאָנעם אינעם טעלער. איך מיין ער שלאָפט. צום סאָף עסט ער גאָר!... שטיל און ניט ניבעדיק עסט ער...

די מאַמע זאָגט שפּעטער צום טאַטן:

— הערש, איך האָב קיין צייט נישט זיך אָפּצוגעבן מיט פרעמדע מענטשן! און וויפל איז דער שיר צו האָדעווען פרעמדע לייט, אַקטיאָרן!... ס'גייט צו פּייסעך... ס'קלעקט דען אַזוי פיל!...

דער טאַטע איז באַזאָרגט. אַ שטילער, אַ פאַרשולדיקטער, מיט אַ פייכטן גלאַנץ אין די אויגן, רעדט ער צו איר:

— ראַצע, מיין ווייב, מענטשן הונגערן! ס'איז אַ כילעל האַשעם! מיר האָבן אויסגעפּויעלט בײַם דירעקטאָר זייערן ער זאָל זיי געבן אַביסל סכי־רעס און זיי ווייטער מיטנעמען שפּילן.. מאַכמעד האָט אַ גאָלדן האַרץ...

דעם אַנדערן טאָג ווער איך געוואָויר פון זכאַריעלן, אַז די טרופּע איז גאַנץ פרי אַוועקגעפאָרן קיין בעלץ.

דער טאַטע מיט די אַרבעטער און אויך מאַכמעד האָבן זיי געגעבן געלט אויף שיך מיט קאַלאָשן און אויף ציגאַרן אין וועג אַריין...

אויף טשערבאַקאָוון זיינען אַלע אין יעדינעץ באַרויקט. אויף די אַקטיאָרן — ניט.

כה. — צווישן צוויי כאַוועדטעס

איך בין זייער גרויס בײַ מיר. ערשטנס, רעדט מען אין גאַס פון די אַקטיאָרן, וואָס זיינען בײַ אונדז איבערגעלעגן, צווייטנס רעדט מען פון אונדזערע נייע שכיינים, די גווירישע אידישע מישפּאָכע.

נעכאָמע מוישע וואָלפס מיט אירע קינדער וואוינען שוין אויף דער פּאָטשט־גאַס. אונדזערע נייע שכיינים בויען זיך אויך אַ הויז אויף דער

פאַטשט־גאַס, נאָר ביז דאָס הויז וועט פאַרטיק ווערן, וועלן זיי וואוינען אין דער העלפט דירע, וואו נעכאַמע מוישע וואָלפס האָט געוואוינט.

שלוימע וואַסערמאַן הייסט דער שאָכן. ער איז אַ הויכער איד מיט אַ קיילעכיקער פליצע און לאַנגע אויפגעשפּאָלטענע פיס. גלאַט געראַזירטע באַקן האָט ער, איינגעפאַלענע, און ס׳גאַנצע פּנים זיינס איז טרוקן, ביי־נערדיק.

זיין ווייב, העניע איסראַל־לייבס, איז אַ מיטלוואוקסיקע, מיט אַ קיי־לעכיק פּנים אַ טונקלס און אַ פליישיקס. אפן שטערן האָט זי אַ שטופּל, ווי אַ קליינע האַלבע לעווּנע. זי געפעלט מיר פאַר איר גוטסקייט, מיר געפעלן אויך איר טונקעלע, הייסע און אומרואיקע אויגן. מיר געפעלט נאָר נישט וואָס היינטיקע וואָך האָט די מאַמע זי געכאַפּט אפן בוידעם לעבן אונדז מיט אַ פושקע פּייסעכדיקע שמאַלץ...

די מאַמע זאָגט, אַז גאַנוועַנען איז אַ שלאַפקייט. העניע אַליין פאַרענט־פערט זיך, זי בעט זיך:

— ראַצע, פאַרשליסט די קיך, ווען איר גייט אַוועק! מיך ציט אַהין ווי אין אַן אָפּגרונט אריין!...

שלוימע וואַסערמאַן, דער מאַן אירער, ווייסט פון זיין ווייבס פעלער. ער שמייכלט מיט צונויפגעזשמורעטע אויגן און זיפצט: ס׳זיצט אַ קליפּע אין לייב בא איר...

נאָר די מאַמע לעבט זיך גוט מיט זיי. זי קען שלוימען מיט זיין ווייב שוין אַ סאַך יאָרן. איך לעב מיר גוט מיט זייער קליין טעכטערל, מיט עסטערן. זי איז הויך, דאַר, מיט לאַנגע אויפגעשפּאָלטענע פיס, אַזוי ווי בא איר טאַטן. עסטער איז עלטער פון מיר, נאָר זי וויל זיין מיין כאַווער־טע. זאָל זי!...

כאַנע, זייער עלצטע טאָכטער, איז אין איין עלטער מיט מיין שוועס־טער פינקל. זי איז נידעריקער און גרעבער פון מיין שוועסטער. כאַנע האָט אַ פליישיק פּנים מיט אַ גראָבער פליישיקער נאָז, אַזוי ווי איר מאַמע. די אויגן — קליינע, שוואַרצע און הייסע. אויך אַזוי ווי איר מאַמעס.

אַ סאַך פון זייערע זאַכן ליגן נאָך אין די בינטלעך. דער פאָדערהויז איז פול מיט שטיקער מעבל. מען פאַרבט איבער די וואוינונג זייערע. בא אונדז גרייט מען זיך אויך אָף פּייסעך. די טירן מיט די פענצטער פון דער זאַל שטייען שוין איבערגעפאַרבטע. די גאַלעריי איז פול מיט קיך־זאַכן, וואָס טרוקענען זיך אָקעגן דער וועסנעדיקער זון.

די טעג זיינען לויטערע און געמיטלעכע, באַפרייטע פונעם ווינטער־דיקן כווישעך. די טיפע אויסגעטראָטענע סטעזשקעס אפן מיטן וועג, זיינען שוין טרוקן, מיט צוגעטרוקנטע שפּיצן פון די גרידעס בלאָטע בא די זייטן. איצט קען איך שוין גיין צו מיין כאַווערטע סאַסיע. עסטער זעט מיך אַראָפּגיין פון די טרעפּ און גייט מיר נאָך:

— גאָלדע, גייסט ווידער צו דיין כאַווערטע, צו ריווע דער מויד?...— איך וועל מיט דיר באַרויגעז ווערן!... — וואָרנט זי מיך שטרענג מיטן

ווייזפינגער, פונקט ווי איר מאַמע דער פּראַצענטניק בעיים ער נעמט אַ מאַשקן. — קאַפּצאַנישע קינדער שטינקען!... איך האָב זיי פיינט!...

מיר איז אַ ראַכמאָנעס אַף סאָסיען, אַף פינקל דעם פעטער דודלס אויך. זי איז אויך אַ קאַפּצאַנישע טאָכטער... מיין מאַמע איז אויך נישט קיין גוויר, זאָגט די מאַמע...

— וואָס ארט, דיך, אַז איך גיי צו איר?... ס'איז אַ ראַכמאָנעס, עסטער!...

זי ענטפערט מיר מיט בייזע אויפגעריסענע אויגן:

— אַף קאַפּצאָנים דאַרף מע שפּייען!.. זיי רייסן ארויס דעם ביסן פון האַלדז!... מען דאַרף זיי נישט האָבן!.. אַלע קאַפּצאָנים מעגן אוועקפּייגערן!... אין פּאַטשעט־קאַס זעט מען נישט אַזוינע מיידן ווי דיין סאָסיע, מיטן רייעך פון באַליגע און ציבעלעס...

— און מיין שוועסטערקינד פינקל געפעלט דיר אויך נישט?

— ווער, די האַרבאַטע?

יאָ, רייד איך זייער שטיל און פאַרשעמט.

עסטער לאַכט שטיל און דורך טרערן:

— קענסט זי דיר שטופּן אין...

— איך גיי אוועק אַ באַליידיקטע, אַ געקרענקטע. איך וויל דאָס דערציילן מיין כאַווערטע סאָסיע, זאָל זי וויסן, אַז איך בין איר געטריי, אַז איך בייט זי נישט אויס אַף עסטער הענעס, דער נעגידישער טאָכטער!...

סאָסיע איז פאַרנומען. זי שטייט איבערן אַלטן בעט און פּאַרעט אויס די וואַנצן. ס'פליען אום פעדערלעך, ס'שטינקען די דורכגענעצטע איינשיטן פון קליינע קישעלעך, עס שטינקט די פערדישע באַליגע אינעם פּאָדערהויז, אַ צעפּאַרעטע פון דער פאַרפּייסעכדיקער וואַרימקייט.

— אַ סקאָצל געקומען! — רעדט זי אַריין אינעם איבערגעקערטן בעט,

— גיי דיך צו דיין רייכער כאַווערטע!.. איך וועל מיר געפינען מיינס גלייכן!...

דער קאַבאַלעס פּאָנעם מאַכט מיך צעטומלט. וואו איז יושער, וואו איז גערעכטיקייט?...

— סאָסיע, דו קענסט מיך נישט!...

זי וויל מיך אָבער נישט פאַרשטיין:

— גיי דיר געזונטערהייט מיט דיינע ליגנס! האָסט שוין אָנגעכאַפּט גאָט פאַר די פיס?... מיין מאַמע וועט מיך אויך נישט פאַרגעסן, מיט גאָטס הילף!...

איך גיי צוריק אַ היים. איך זע נישט דעם אויסגעטראָטענעם וועג, אַזוי אָנגעקוואָלן זיינען מיר די אויגן פון טרערן. — און עפשער, טראַכט איך, איז מיין כאַווערטע גערעכט?... ס'איז שוין טאָקע לאַנג ווי איך האָב אין איר פאַרגעסן... איצט וועל איך וואַרטן זי זאָל קומען צו מיר...

איך האָב מיך טאָקע דערוואַרט.

ס'איז דער טאָג פון ערעוו פּייסעך. אין גאַס איז ליכטיק, ס'הענגט אַ יאָנטעוודיקע מענוכע. דער הימל איז טיף און צעשויבערט, ווי די נישט צעקעמטע קוטשערן פון אַ ווילדער וואַלד־מויד. אַ וואַרים ווינטל ברענגט צו טראָגן דעם וואַרימען רייעך פון פרישער מאַצע וואָס צוויי אידן טראָגן אָפּ פונעם פּאָדראַד אין אַ ווייסן לייַלעך אַף אַ שטעקן, ווי די מעראַגלים האָבן געטראָגן דאָס ענגל וויינטרויבן פון ערעץ איסראָעל. ס'ווייעט מיט וואַרימקייט פון די צעשמייכלטע ערעוו פּייסעכדיקע ווייבער. די טירן פון אונדזער זאַל שטייען צעעפנט, דער געוועקסלטער פּאָל מיט די פאַרשפּרייטע קילימעס איז ברייט און כאָשעוו, ווי אַ גרויסע טראָגעדיקע אידענע. דער טאַטע מיט זכאַריען און הערשלען קומען פון דער באָד. ס'שמעקט פון זיי מיט צעפּאַרעטע באָד־בעזימלעך און מיט שמעקעדיקער זייף... איך בין גליקלך וואָס די ביידע ברידערלעך עסן באַ אונדז פּייסעך און בין אויך גליקלעך מיט די נייע שיך און מיטן קליידל וואָס איך גיי שוין אָנגעטאָן. עסטער הענעס גייט אין אַ העל־גרויען וואָלן קליידל, מיט טיפע פאַלדן און מיט אַ פּיקעענעם קעלנערל באַפּוצט. זי שטייט באַם פענצטער פון זייער זאַל און רופט מיך:

— גאָלדע, טו אַ קוק וואָס דיין כאַווערטע סאָסיע שמאָסיע גייט אָנגעטאָן!...

איך דערזע סאָסיען גיין צו אונדז.

זי טראָגט אַלטע פאַרלאַטעטע שטיוועלעך מיט רעזינעס, ווי די אינגלעך, און אַ בלוי סיטצן קליידל מיט ווייסע פּאַסיקלעך. דאָס קליידל מאַכט זי ברייטער און קורצער. זי איז אָבער שענער פון עסטערן. סאָסיעס לויטערער פּאָנעם, אירע רויטע געזונטע באַקן, שפּריצן מיט לעבן, מיט פרייד. עסטערס פּאָנעם איז גריין און טרוקן, ווי באַ אַן אַלטער גאָיע. נאָך גריינער ווערט איר פּאָנעם ווען עסטער שטעלט זיך אַריין צו אונדז אין שטוב און דערלאַנגט מיר אַ פּלעשל מיט אַביסל פּייסעכדיקן באָרשט:

— נאַ, גיב דיין מאַמען!... מיין מאַמע האָט איר געשיקט!...

עסטער שטייט אינעם פּאָדערהויז און שטעלט אַרויס אַ לאַנגע צונג הינטער סאָסיעס פּלייצע. מיך פאַרדריסט שטאַרק. סאָסיע איז רואיק און שטיל. ווי אַן עלטערע באַלעבאָסטע זעט זי אויס. מיט דער זעלבער רואיקייט גייט זי אַרויס פון אונדזער שטוב און רעדט צו מיר קיין וואָרט נישט. איך פאַרלויף איר דעם וועג:

— סאָסיע, האָסט אַ ניי קליידל מיט נייע שיך?...

— וואָס זשע, דו זעסט נישט?... — ענטפערט זי מיר געלאַסן, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— ביזט באַרויגעז מיט מיר, סאָסיע?

— ניין!.. האָסט מיר כאָלילע אַ קינד געקוילעט, אָנגעמאַכט אין באָרשט אַריין?.. אַז דו וועסט באַרויגעז ווערן מיט עסטער פלעסטער, דעם גאַלעכס אַ שוועסטער, דעם רוכס אַ שוועגערן, מאָרגן זאָל זי פּייגערן!... וועל איך ווערן גוט מיט דיר!...

— שוין, ווייל איך, זאָלסטו ווערן מיט איר באַרויגעזט, וועל איך ווערן גוט מיט דיר! מאָרגן וועלן מיר שפּילן אין נים, גיי איך דיך רופן! איר אַף צעזעצעניש, וועסטו שפּילן מיט אונדז...

דעם גאַנצן פאַרנאַכט מיידט מיך אויס מיין כּאַווערטע עסטער.

איך האָב זי גאַרנישט אי זזינעז, מיר ליגט אין קאָפּ דער סיידער, די סוּדע, הערשל און זכאַריע...

פון דער שיל קומען זיי איינייגעם מיטן טאַטן. באַם סיידער זיצן זיי אויך לעבן טאַטן. שטילע, מיט שיינענדיקע פּענימער זאָגן זיי די האַגאָדע. פריש און גליקלעך איז דער מאַמעס פּאָנעם. עפּשער דערפאַר וואָס ס'שטייט נישט דער אייזערנער לאָמפּ הינטער דער טיר, ווי פאַראַיאָרן...

דער עמעסער יאָנטעוו קומט אָבער פאַר מיר ערשט מאָרגן. די גאַ־לעריע אונדזער איז פול מיט קינדער, פול מיט פרייד. נאָכן עסן גייט דער טאַטע נישט אַוועק. הערשל מיט זכאַריען אויך נישט. דער טאַטע טיילט אונדז צו הונדערט נים. זיך, דער מאַמען אוןביידע ברידערלעך אויך צו הונדערט. אונטערן פענצטער אַף דער גאַלעריע שטייט אַ הויך ברעטל צוגעשפּאַרט. מיר אַלע שפּילן.

עסטער מיט איר שוועסטער כאַנע, קוקן זיך צו צו דער שפּיל. שלוימע וואַסערמאַן מיטן ווייב אויך.

— איר שפּילט נישט אין נים מיט אייערע קינדער, רעב שלוימע? — שטייט דער טאַטע באַכעריש אַף די קניען באַם שפּילן.

רעב שלוימע ציט מיט די אַקסלען און זשמורעט מיט די קליינע אויגן:

— זיי ווילן, זאָלן זיי שפּילן!...

ביידע קינדער זיינע נעמען אריין צו פינף נים אין די קעשענעס פון די ווייסע פאַרטעכלעך. שטייענדיק, אזוי ווי זייערע קראָכמאַליעטע פויר־האַנגען, שפּילן זיי מיט.

דער טאַטע שטייט אַף די קניען. דער פּאַל איז פול מיט נים און קיין איינע טרעפט נישט אינעם „ריישל"... די מאַמע, די ביידע בעקער־אָינגלעך, איך מיט די שוועסטערלעך, שפּרינגען מיר אונטער באַ יעדן מאָל וואָס אַ נוס קייקלט זיך אַרונטער פונעם ברעטל.

איך צאַפּל פון שרעק טאָמער געווינט עסטער... פאַרוואָס קומט עס איר!... מיט פינף פאַרדריפּעטע נים, ווייל זי אָפּגעווינען אַזאַ גרויסן קאָן!... זי וויל אויך געווינען מיין פריינטשאַפט, וואָס געהער סאָסיען... זי פאַרעדט מיך און שטעלט זיך מיר אין וועג ווען איך וויל רופן סאָסיען...

די שכיינים פון אַרום שטייען פאַר די טירן, קוקן אין לויטערן הימל, קוקן אַרויף צו אונדז אַף דער גאַלעריע. מיין כּאַווערטע סאָסיע קוקט אויך.

— קום אַהער! — רוף איך זי מיט דער האַנט. — איך קען נישט איבערלאָזן די שפּיל!...

סאָסיע גייט נישט. איך פיל, אַז זי שעמט זיך, איך האָב זי ווידער אָפּגענאַרט... איך שפּיל דאָך מיט עסטערן אין נים.. דערפאַר מיידט זי מיך אויס...

שפּעטער מיט עטלעכע טעג דערלעבט זי אין מיר אַ גרויסע נעקאָמע, איך שעם מיך פאַר איר. זי איז גערעכט די סאָסיע!...

געשען איז עס אין אַ שאַבעס פאַרנאַכט, די ערשטע וואָך נאָך פּייסעך. די גאַלערייע באַ אונדז איז באַזעצט מיט מענטשן. שלוימע וואַסערמאַן מיט זײַן ווײַב הענע און מײַן טאַטע זיצן באַ אַ טישל און מען טרינקט טיי מיט אײַנגעמאַכץ און מיט טיפּע אייער־קיכלעך, וואָס די מאַמע באַקט זיי אַן אַ סאַך אַף יעדן שאַבעס. די גאַס איז טונקל, ס'שמעקט דער ערשטער צוויט פון די אַקאַציע־ביימלעך, ס'שמעקט די פרישע קוענע מילך וואָס פויערטעס צעטראָגן אין די אידישע שטיבער. שאַבעסדיקע אידן לויפן פון די שילן. פון די שוואַרצע קאַפּאָטעס זייערע, פון די געבויגענע רוקנס, וואָס גיבן זיך שוין אונטער דעם וואָכעדיקן יאָך, ווייעט אַן אומעט, מיט טרויעריקן האַווּ־דאָלע־ניגון און גאָט פון אַווראָהאָם... ס'לויפן אויך עטלעכע ווײַבער. צעש־מייעטע און אויפגעברויזטע פּאָכען זיי מיט די הענט אַרויף צו אונדזער גאַלערייע.

מיר קלאַפּט ס'האַרץ: מיסטאָמע איז שוין ווידער עפּעס געשען מיטן טאַטן... איך שעם מיך פאַר עסטערן: איר טאַטע זיצט טאָמיד אין דער היים.... איר מאַמע איז רואיק, זי וויינט נישט ווי מײַן מאַמע...

די מאַמע שעמט זיך אויך, זי הויבט זיך גלייך אויף און אַנטלויפט אין קיך אַרײַן. שלוימע וואַסערמאַן מיטן ווײַב לויפן איר נאָך.

איך שטיי אַף דער גאַלערייע און ווייס ניט וואוהין אַהינצוטאָן זיך. די ווײַבער געוואַלדעווען, די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן, פון שאַבעסדיקע קאַפּעליושן מיט היטלעך און ווײַבערישע פּעלערינעס.

— וואו איז ער דאָרטן דער טשאַרנאָפּוי!... זאָל ער האַלטן וואָרט, אַז נישט, קנאַקן מיר אים אויס די שויבן, די טירן!...

דער טאַטע לויפט אַן פון דער פּאָטשט־גאַס. אַף די טרעפּ פליט ער, נישט ער גייט.

— שרייט נישט אידישע קינדער! מײַן וואָרט איז הייליק!

דער טאַטע האַלט טאַקע וואָרט. ער לייט באַ שלוימע וואַסערמאַן פּופציק קערבלעך און צאָלט אויס דעם אויפגעיושעטן אוילעם.

וואָס איז געשען? אַ קלייניקייט, פישל שמיל קאַליעסערס האָט אַנגע־זעצט. אַ פּאָר ווײַבער זיינען באַפאַלן זײַן שטוב, געמאַכט סקאַנדאַלן און געוויינט נאָך די אָפּגעשפּאָרטע קערבלעך, וואָס זיי האָבן באַ אים געהאַל־טן. דער טאַטע איז גראָד דעמאָלט געווען באַ פישלען און האָט נישט פאַר־טראָגן ס'געוויין פון די אָרימע ווײַבער און די שרעק פון פישלען מיט זײַן ווײַב, און ער האָט באַרואיקט די ווײַבער:

— אַז פישל וועט נישט באַצאָלן, צאָל איך!...

ווילן די ווײַבער נישט וואַרטן, באַפאַלן זיי אונדזער שטוב...

הונדערט און פופציק קערבלעך איז ער שוין שולדיק דעם טאַטן, דער פישל, ווער איך געוואויער פון דער מאַמען, און דער טאַטע צאָלט פּראָ־צענט פאַרן געלט, וואָס ער האָט געליען פאַר זײַנע „גוטע פרײַנטס" וועגן.

ער צאָלט עס אויך מיט דעם שאַלעמבייעס, וואָס ווערט ווידער צעשטערט באַ אונדז.

די מאַמע גייט ווידער אַרום אַ שטילע, אַ פאַרשעמטע, זי מיידט אויס אירע נייע שכנים.

עסטער מיידט מיך אויך אויס.

איינמאָל גיי איך אַריין צו זיי אין שטוב, שטייט זי מיט אויסגעשפּריי־טע הענט און פּיס אַנטקעגן מיר:

— גיי דיר צו סאַסיען!... דיין טאַטע שלאָגט זיך!... ער איז אַ בע־קערוק!...

גיי איך טאַקע צו סאַסיען.

זי שמייכלט צופרידן און שטעלט מיר אַרויס אַ רויטע צונג:

— שעקער באַווייזט זיך!... אַ גרויסע מיצווע אַף דיר, גאָלדעלע.... קריך נישט צו עסטער פלעסטער, דעם גאָלעכס אַ שוועסטער, דעם רוכס אַ שוועגערן, מאַרגן זאָל זי פּייגערן, וועלן מיר ווידער גוטע פריינט!...

איך קריך נישט מער צו עסטערן און צו סאַסיען אויך נישט.

סאַסיע פאָרט איצט קעסיידער אַרום מיט איר מאַמען אַף די יאַרידים.

די טעג זיינען לאַנגע און נודנע. די זון ברענט, ס׳איז דושנע. איך בין מיך פון אומלויפן איבער די גאַסן. פון אַרומקריגן זיך מיט די קינדער, וואָס רייצן זיך מיט מיין קראַנקער קוזינקע פינקל און שרייען איר „האַרביטש־קע!” און פון זיין פינקלס שטענדיקע אַפּהיטערקע.

ס׳איז זומער און מיר פאָרן זיך באָדן.

דריי מאָל אין דער וואָך פאָרן מיר, די מאַמע מיט די קינדער, זיך באָדן אינעם פאַנסקע טייך. די מאַמע מיט די קינדער זיינען אַוועק הינטער די בוימער אין אַ ווינקל זיך באָדן און איך מיט שמיל־לייבן זיינען מיר געבליבן אַפּן בערגל.

שמיל־לייב ליגט זיך אונטן באַם בערגל און שמייכלט מיט זיינע ברוי־נע קליינע אויגן צום זוניקן אַרום, צו זיינע צוויי פערדלעך, וואָס בריקע־ווען אויסגעשפּאַנטע אַפּן גראָז און הירזשען אין דער פרייער לופט אַריין. ס׳איז שטיל. איך זיץ אַף דער קעלניע פונעם פייעטאָן און רייס נישט אַפּ די אויגן פונעם טייך. ברייט איז ער, כוואַליעס מאַטעווע, ווי פּערלמוטער, שוימען רווישיק איינע איבער די אַנדערע, שלאָגן זיך אָן אָן די ברעגעס באַ די בערג און פאַלן צוריק מיט געבראַזג. אַרום מיר פלאַטערן אום זומער־פייגעלעך, גרינע און געלע, פלאַטערן איבער די בערגלעך, איבער די קעפּ־לעך פון די פולע זאַנגען, וואָס הויכן אַרויס פון זיך אַ צייטיקע פאַרביקייט.

דאָס וואַסער וואָס ווערט געטריבן אין די ריטשקעס צווישן די פעל־דער מיט אַ גרויסער ראָד באַם ברעג־טייך, שפּריצט אַריבער דעם בערגל ביז צום פייעטאָן.

אַ רויט שטיק הימל ליגט אַפּן גרינעם באַרג־שפּיץ, שפּיגלט זיך אַפּ אַף די כוואַליעס. עטלעכע גרויסע גענדז און קאַטשקעס שווימען אַרום דעם ברעג, פּאַטשן צו מיט די פליגל און רייסן איבער די שטילקייט.

איך הער ווי די מאַמע באָדט זיך, ווי זי פּליושקעט זיך, און ווי די גרויסע שוועסטערלעך מיינע לאַכן.

פּלוצים דערהער איך ווי די מאַמע שרייט:

— גוואַלד!...

דער באַלעגאָלע כאַפּט די בייטש און לויפט צום טייך. איך לויף אויך.

איך טרעף די מאַמע זיצן אַף אַ שטיין, באַם ברעג. ס'ראָזעווע באָד־העמד איז נאַס. די האָר אויך.ביידע שוועסטערלעך קוקן זי אָן דערשראָקן. ס'רינט דאָס וואַסער פון זייערע צעפּלעך, פון די באָד־העמדלעך...

דער באַלעגאָלע שרייט פון ווייטנס:

— ראַצע, וואָס איז דאָרטן געשען?

די מאַמע שרייט צוריק:

— ס'האָט זיך מיר אָנגעטשעפּעט אַ גרויסער ראַק אַף אַ פוס. איך האָב אים קוים אָפּגעריסן!...

די מאַמע וואַרפט זיך אין וואַסער אַריין. איך פּאַטשן מיט די הענט אינעם וואַסער ווערט פאַרלוירן אין די געלעכטערס פון ביידע שוועסטער.

כו. — איך האָב שוין נאָך איין שוועסטערל

דעם ערשטן טאָג שוואוּעס האָב איך ווידער אַ יאָנטעוו, אַ גרויסן, אַ פריילעכן און אַן אומגעריכטן.

באַנאַכט כאַפּ איך מיך אויף אין זאַל, אַף דעם געלעגער פון מיינע שוועסטערלעך. איך בין דאָך גאָר געשלאָפן מיטן טאַטן אינעם שלאָף־צימער!...

דער טאַטע שפּאַנט אום איבערן זאַל פון ווינקעלע צו ווינקעלע, אַז אומרואיקער, אַ פאַרקלערטער. ער רויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן און דרייט זיך אַלעמאָל ס'טשופּרינקעלע. איך פיל, אַז עפּעס איז געשען באַ אונדז אין שטוב. וואָס דען זיצן ביידע עלטערע שוועסטערלעך אָנגעטאָנענע, בלייכע און אויפגערוימטע!...

דער קנויט פונעם הענג־לאָמפּ איז אַראָפּגעדרייט. אַ גרינער אָפּשיין פון די געבלימטע קילימעס גיסט זיך צונויף מיט דער דרויסנדיקער בלוי־קייט, דער טיפער און באַנאַכטיקער, וואָס לויערט אַרום די פענצטער.

ס'פּייעטאָנדל וואו מיין שוועסטערל היטעלע שלאָפט, שטייט אויך אין זאַל. ס'שטוב מיידל האַלט דאָס קינד אַף די הענט. זי גענעצט מיט אַ פולן מויל און האַלט פאַרמאַכט די נישט אויסגעשלאָפענע אויגן.

— וואו איז די מאַמע? — פרעג איך שטיל מיין שוועסטערל ריווקע.

זי ווייזט מיר אָן מיט אַ פּאָר אומעטיקע אויגן אַף דער פאַרמאַכטער טיר פונעם שלאָף־צימער:

— דאָרטן!...

איך הער מיך איין, א מין שטילער גערויש, אַ קלאַפּערײַ מיט קוילים קומט פון דאָרטן...

שפּעטער הער איך די מאַמעס קרעכצן. זי שטיקט זיך ווי עמיצער וואָלט איר געוואָרגן. איך קוק אַפן טאַטן. ער שטייט באַם פענצטער און קוקט אין דער גרויסער לעוואָנע אַריין, וואָס שפּאַצירט צווישן די טיפע שטערן.

דער טאַטע רופט זיך אָן טייקעף און שטיל:

— דרייַ זעקלעך מעל בין איך מענאַדער אַף אַרימע לייט...

איצט פיל איך, אַז אַ גרויסע געשעעניש קומט פאָר באַ אונדז אין שטוב. נאָכמער דערפיל איך דאָס ווען דער טאַטע קומט צו אונדז צו מיט אַ מיד־קייט אַפן צעשמייכלטן פּנים:

— אין אייער זכות, טעכטער מיינע, זאָל די מאַמע איבערקומען בע־שאָלעם!... אַ ברידערל וועט זי אייך געבוירן!...

מיר נעמט קלאַפּן ס'האַרץ. איך טראַכט שוין מער פון גאָרנישט, ווי נאָר פונעם ברידערל און פונעם קרישמע־לייענען, וואָס וועט זיין באַ אונדז. איך וועל צוהעלפן באַם צעטיילן די לעקעכלעך פאַר די קינדער פון די כאַ־דאָרים.. איך בין דאָך עפּעס זיין שוועסטערל!...

דערווייל בין איך מענאַדער אַ זעקסער אַף רעב מייער באַלאַנעס, אַז די מאַמע זאָל טאַקע האָבן אַ אינגעלע...

נאָר אומזיסט האָב איך אוועקגעשענקט אַ זעקסער: די מאַמע האָט גאָר ווידער אַ מיידל.

פונעם שלאָפצימער קומט אַ דערשטיקט קוויטשעו, אַ טיפּס, אַן אויס־געהוילטס, ווי פון אַ ניט דערקווילעטן אָקס. דאָס געשריי רייסט זיך אַריין אין דער נאָכטיקער טרויעריקייט, אין מיין האַרצן אַריין אויך. איך וויין שטיל, אינעם צימער וואו די מאַמע ליגט, איז שטאַרק שטיל געוואָרן און באַלד דערהער איך אַ דין און בייז פּישטשען פון אַ פּיצעלע קינד.

די לעוואָנע שמייכלט איצט אַריין אין די פענצטער, אַ רואיקע, אַ באַפרייטע. דעם טאַטנס פּנים איז אויך רואיק געוואָרן און באַפרייט. ע' כאַפּט אונדז אַלע אין זיינע הענט אַריין:

— קינדערלעך, וואָס זאָל אייך דער טאַטע קויפן?!.. וואָס זאָל דער טאַטע טאָן פאַר אייערט וועגן, טעכטער מיינע!...

ער לויפט צו שלוימע וואַסערמאַנס טיר און שרייט אַריין:

— הענע, וואו זיינט איר דאָרטן?... מיין ראַצע איז בעשאָלעם אי־בערגעקומען!...

הענע שטעלט זיך אַריין אין דער אָפענער טיר און ווישט זיך דעם שטערן מיט דעם אַרבל פונעם נאַכט־העמד:

— וואָס האָט זי געהאַט?...

דער טאַטע רעדט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— מינאַסטאַם אַ אינגל!

אין דעם קומט אַרויס די באָבע פון אונדזער קיך, אַ פריילעכע, אַ

שטאָלצע. ס'קײלעכדיקע פּנעם באַ איר פֿלאַמט. עס פֿלאַמען אירע טונקל־בלויע אויגן:

— מאַזלטאָוו דיר, הערש, מיט אַ... מײדל!...

װען איך שעם מיך נישט, גיב איך דער אידענע אַ שפּײ אינעם יאָנטעװדיקן פּנעם. װאָס איז אַף איר די געדולע!...

איך קען די אידענע, באָבע יודע־לײבס, װאָס ליגט טאָמיד איבער באַ מײַן מאַמען. אַ לײטישע באָבע װאָלט זי געװען, אַז די מאַמע זאָל האָבן אַ אינגעלע...

און װאָס פֿרײט זיך אַזױ דער טאַטע? ער קושט דער מאַמעס בלײכע הענט, װאָס ליגן מיד אַף דער רױטער זײַדענער קאָלדרע. ער װינטשט איר:

— מאַזלטאָוו דיר, ראַצע מײַן װײַב! מיר זאָלן זי דערציען אין אױשער און אין קאָװעד!..

דער מאַמעס פּנעם דאָס װײַסע און באַרואיקטע, צעקרימט זיך. זי שעפּטשעט דורך פֿאַרשלאָסענע ליפּן:

— הערש, װידער אַ מײדל!.. ס'זעקסטע!... אַ פֿאַרשאָלטענער בױך!...

דער טאַטע כאַפּט ס'קינד מיטן קישעלע און קוקט איר אַרײַן אין פּנעם:

— ראַצע, מײַן װײַב, אַ קראַסאַװיצע איז דאָס!.. שענער פֿון אַלע אונדזערע טעכטער!... די פֿענצטער װעט מען נאָך זײ אױסקלאַפּן!.. ברי־ליאַנטן גיסטו מיר!

איך פֿיל, װי די מאַמע איז טרױעריק. די גרינע װענט אינעם שלאָף־צימער זײַנען אױך טרױעריק, פֿאַרשעמט. איך אױך. מאָרגן װעל איך נישט זאָגן די קינדער פֿון גאַס אַז איך האָב נאָך אַ שװעסטערל, זײ װעלן לאַכן... נאָר מיר געפֿעלט דאָס נײַע שװעסטערל. דאָס װײַסע פּנימל מיט די רױטע בעקעלעך איז פֿול מיט כײַן. זי האָט אַ פֿולן קאָפּ מיט שװאַרצע האָר... איך בין אַלײן שולדיק: אַ גאַנץ קערבל באַדאַרפֿט מענאַדער זײַן אַף רעב מײער באַלאַנעס, װאָלט איך איצט געהאַט אַ שײן ברודערל...

שפּעטער איז אין שטוב שטאַרק שטיל. דער טאַטע זיצט לעבן דער מאַמעס בעט און קוקט אַף איר מידן און פֿאַרשעמטן פּנעם. באָבע יודע־לײבס, די בובע, ליגט אַף דער געבעטער סאָפֿע און כראָפּעט װי אַ סאָלדאַט. איך שלאָף נישט, מײַנע שװעסטערלעך אױך נישט. זײ זיצן אין זאָל און רײדן צװישן זיך זײער שטיל. איך װײס נישט פֿון װאָס זײ רײדן. איך רוף מיך אָן צו מײַן שװעסטערל ריװקע:

— פֿאַרװאָס זאָגט די מאַמע, אַז מיר זײַנען זעקס מײדלעך?

— נאָך מיר — דערצײלט מיר ריװקע — האָט די מאַמע געהאַט אַ מײדעלע, שיפֿרעלע, נאָך דער באָבען אַ נאָמען. אײנמאָל אין אַ באַנאַכט װען די מאַמע איז געשלאָפֿן, האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט לײצים און דערװאָרגן ס'קינד!... אַכט טאָג איז זי אַלט געװען!...

— װאָס האָבן זײ געהאַט צום קינד, ריװקע?!...

— לײצים גײען אום צװישן די קימפּעטאָרנס. אַז מען הענגט נישט

אויף קיין שיראַמאַלעסן איבערן בעט, דערוואַרגן זיי די מאַמע אָדער ס׳קינד!...

איך בין צופרידן, וואָס די לייצים האָבן נישט דערוואָרגן מיין מאַמען, ווי אַזוי וואָלט איך געקענט קומען אַף דער וועלט אָן מיין מאַמען!... נאָר אומרואיק בין איך ווידער: אומעטום, וואו מען טוט זיך אַ קער, זיינען דאָ מייסים, לייצים, נישט גוטע!...

ערשט גאַנץ פרי, ווען עס קומען צו לויפןביידע ברידערלעך די בעקער־אינגלעך, הער איך אויף צו טראַכטן פון דעם, וואָס מיין ריווקע האָט מיר באַנאַכט דערציילט.

דער טאַטע קומט זיי אַנטקעגן מיטן קינד אַף די הענט, אַ פריילעכער, אַ יאַנטעוודיקער:

— טוט נאָר אַ קוק פּאַסקודניאַקעס, וואָס הערש טשאַרנאָפּוי קען זיך פאַרגינען!

ביידע אינגלעך שטעקן אַריין די פּעניִמער אינעם ווייסן קישעלע און באַטראַכטן ס׳קינד. זכאַריע רופט זיך אָן:

— באַהאַלט זי, רעב הערש, פאַר אַ גוט אויג!...

— קינדער, איר ווילט עפּשער אַ קוק טאָן אַף מיין ראַצען?.. קומט!

דער טאַטע מיט די צוויי בעקער־אינגלעך שטעלן זיך אַריין אין דער טיר פונעם שלאָפצימער און קוקן לאַנג אַף דער מאַמען. אַ שטילע פרייד, אַ טיף אינערלעך גליק שוועבט אַף זייערע פּעניִמער, די מידע און ניט אויסגעשלאָפענע.

שפּעטער לויפט הערשל שעכטן אַ יונגע הון אַף אַ יאַכל דער מאַמען. באַטאָג שטייט אַ שטילע פרייד אין זאַל. הערשל איז אויך פריילעך. אין זיין גאַנצער לענג ליגט ער אַפן פּאָל און שפּיליעט אויף ווייסע ליילעכער אַף די רויטע קאָלדרעס. מיר וואַרפט ער צו אַ גליקלעכן בליק: — ראַגאַ ראַגאַ ראַי! אַזוינע מיידלעך וויל איך דריי!...

באַ מיר איז סיווּוי יאַנטעוו: קוידעם היט מיך קיינער ניט. איך גיי אום איבער אַלע געסלעך און צעפּויק די נייעס, אַז מיין מאַמע האָט שוין נאָך אַ מיידל און אַז נאָך דעם מיידל, וועט זי שוין האָבן סאַמע אינגלעך.. איך צעפּויקט אויך, אַז אין שטוב באַ אונדז גרייט מען זיך מאַכן אַ גרויסן יאַנטעוו לעקאַוועד דעם ניי־געבוירענעם קינד...

קיין ליגן האָב איך נישט געזאָגט. אַפן דריטן טאָג איז דער זאַל אונדזערער פול מיט אויסגעפּוצטע אידן און ווייבער. מיין טאַטע ווייזט די געסט זיינע מיין ניי־שוועסטערל. וואָס פרייט ער זיך אַזוי?.. אַזאַ מעציע!... איך בין שענער!... מען וועט שוין שפּעטער אַ סימען האָבן!..

צווישן די געסט איז אויך דאָ שאַלעמל פּאַריקמאַכער מיט זיין ווייב קיילע מיטן רויטן נעזל און מיטן קיילעכיקן פּלייצקעלע, וואָס טרעט נישט אָפּ פון דער מאַמעס בעט.

איך טרעט אויך נישט אָפּ פונעם בעט. איך טשאַטעווע ווען די מאַמע

פארעדט זיך מיט די ווייבער און טראָג אַלעמאָל אַרוים אַ שטיק פלאָדן, וואָס שטייט אין אַ גרויסן בעקן הינטער דער טיר פונעם שלאָף־צימער.

מיין מאַמע ליגט אין בעט אַ שטילע, אַ דורכזיכטיק ריינע, מיט אַ צעבליט פּאָנעם אַ געקלאָרעוועטס ווי בּאַ אַ שיינער קאַלע־מויד. שיין זיינען אירע ברוינע פארפלאָכטענע צעפּ, אַריבערגעוואָרפענע אַף פאָרנט און די טיפע ברוינע אויגן, וואָס זעען, דאַכט זיך קיינעם נישט און זעען די גאַנ־צע וועלט.... מיך אויך.

פונקט ווען איך שאַר מיך צו צום בעקן מיט פלאָדן און אָט האָב איך שוין מיינס דערגרייכט, טוט זי מיך אַ וואָרן מיט דער רעכטער האַנט:

— גאָלדעלע, ס'מעג שוין זיין געננוג!...

אוואָדע וועט שוין זיין גענוג. ס'טוט מיר נאָר באַנג וואָס הענעכל שאָלעם פאַריקמאַכערס עלצטער באַכערל, וואָס איך האָב פאַר אים געוואָלט אַרויסטראָגן ס'צענטע שטיק פלאָדן, יאָדעט מיך:

— בע, דו קענסט נישט זיין קיין כאַווערטע!...

זאָל ער גיין פאַרגאַנווענען מיין מאַמען, וועט ער שוין אַ סימען האָבן, דער כאַכעם!

סיי ווי בין איך צופרידן. זינט עטעלע, ס'שוועסטערל איז געבוירן געוואָרן, איז אין שטוב בּאַ אונדז טאָמיד פריילעך. עס קומען מענטשן זען די מאַמע מיטן קינד. דער טאַטע איז אָפּט אינדערהיים. ער טראָגט זיך אַרום מיט עטעלען, סמאַטשקעט איר אַריין אין פּענימל און קוקט אַלץ אַף דער מאַמען. ער ברענגט אַהיים מאַטאָנעס, שוין פאַר מיר אויך און פאַר מיינע שוועסטערלעך...

כז. — מיר פאָרן זיך געזעגענען מיטן זיידן

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער פאָרן מיר אַלע קיין בריטשאַן זיך געזע־גענען מיטן זיידן כאַים און זיין פאַמיליע, וואָס פאָרט קיין אַמעריקע.

מיט אונדז פאָרט אויך דעם טאַטנס אינגסטער ברודער, שמיל, מיט זיין ווייב באַסיע און זייערס אַ קליין אינגעלע. פון אַלעקסאַנדרען זיינען זיי געקומען.

דער פעטער שמיל איז אַ שיינער. ווען ער איז נישט אַזוי דיק און האָט נישט אַזוינע הויכע צוויי ברוסטן, ווי דער פעטער דודל, איז ער בּאַ מיר דער שענסטער פון דעם טאַטנס ברידער. מיר געפעלט שטאַרק דעם פעטערס נאָז, אַ דינע און אַ געטאָקטע, און זיינע טונקל בלויע אויגן, שאַרפע און דורכדרינגלעכע.

די מומע באַסיע איז אַ לאַנגע. דאָס פּאָנעם אירס איז געל און טרוקן און אַף איר הויכן דאַרן האַלדז און אַף אירע דאַרע ביינערדיקע הענט האָט זי אַ סאַך אָדערן. זי טראָגט אַ סאַך וואָלענע קליידער לאַנגע איינס אַפּן

אַנדערן. זי ווערט אָבער פון זיי נישט דיקער, נאָר מיעסער. מיר דאַכט זיך, אַז אירע גרינע בייזע אויגן זיינען אין קאַם אויף מיין מאַמעס שיינקייט.

זייער קליין אינגעלע הייסט לייבעלע. ס'איז אַ גראָבס און אַ שיינס אַזוי ווי דער פעטער שמיל. ער לאַכט אַ סאַך און פּאַטשט מיט די גראָבע הענטלעך אינדערלופטן. אַ סאַך פרייד ליגט אין זיינע גרינע, נאָר גרויסע און לעבעדיקע אויגן.

דעם פעטער שמילן האָבן מיר אַלע שטאַרק ליב. ער אונדז אויך. פון זינט ער איז געקומען צו אונדז, שוין באַלד אַ וואָך, גייט ער נישט אַראָפּ אין גאַס אַריין אַז אונדז. די שכיינים קוקן אים נאָך:

— קיין בייז אויג, אַ שיינער מענטש דער שמיל איז!.. אַ רייכער!...

צי דער פעטער שמיל איז טאַקע רייך, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ער האָט אַ ברייטע האַנט, ער וואַרפט מיט קליינגעלט פאַר אונדזערט־וועגן... ווען איך שעם מיך נישט, זאָג איך דעם פעטער ער זאָל אויסלייזן זיינע צוויי קישנס, וואָס ליגן פאַרזעצט בא זיידע דעם בעקער. אין די ערעוו פייסעכן, ווען די זיידעבע לופטערט איר בעטגעוואַנט, דאַכט זיך מיר אויס, אַז דעם פעטערס קישנס קוקן אַריבער צו אונדז, זיי בענקען... און ווי זאָלן זיי נישט בענקען, אַז זיי זיינען פון דער באָבע פינקלס פעדערן!..

איך וואָלט אויך געזאָגט מיין פעטער ער זאָל אַהיימשיקן זיין ווייב, די מומע באַסיע, און ער זאָל בלייבן מיט אונדז. וויפל שיינע זאַכן ער דערציילט אונדז פון זיינע קינדער יאָרן!... זיי מאַכן אונדז שטאַרק טרויעריק, נאָר איך האָב ליב צו הערן ווי אַזוי פון קליינע קינדער, אָרימע יעסויימים, היימלאָזע און פאַרשעמטע, וואַקסן אויס גרויסע מענטשן, און נאָך אַזוינע שיינע און קלוגע, ווי מיין פעטער שמיל, ווי מיין טאַטע...

דער פעטער לאַכט אַ סאַך, נאָר זייער שמיל און אין זיך, ווי אַ טויב. זינט ער איז בא אונדז איז די שטוב הוילע פרייד און גליק. דער טאַטע מיט דעם פעטער שמיל זיינען קעסיידער איינייגעם. באַם עסן זיצן זיי איינער לעבן אַנדערן. דער טאַטע קוקט אויף זיין ברודער מיט וואַרימע און פאַרזאָרגטע אויגן:

— שמיל, ביזט, קיין בייז אויג נישט צו פּעט. עס נישט אַזויפיל, ברודער, דו גראָבער בויך!...

אין שטוב הער איך דערציילן, אַז דער פעטער שמיל האָט כאַסענע געהאַט פון אונדזער שטוב.. אַז ביז דער כאַסענע, הייסט עס, איז ער געווען בא אונדז. דער טאַטע האָט אים ליב ווי ס'אייגענע לעבן.

צום זיידן פאָרן אַלע אין איין פייעטאָן, אַ גרויסן און אַ נייעם.

דער פעטער דודל מיט זיין ווייב און קינדער פאָרן אויך אין דעם פייעטאָן.

די מאַמע מיטביידע מומעס, זיצן אויבנאָן. דער פעטער דודל זיצט אויף דער קעלניע, לעבן דעם באַלעגאָלע. דער טאַטע מיטן פעטער שמיל זיצן אַנטקעגן די ווייבער און מיט זיי מיינשוועסטער פינקל און אווראָם

דעם פעטער דודלס. איך מיט מיין שוועסטערל ריווקע און יאָסעלע דעם פעטערס מיט דער האָרבאַטער פינקל, זיצן מיר אינצווישן, לעבן זייערע פיס.

עס פאָרן פאַרביי פויערישע פורלעך, אָנגעלייגטע מיט זעקלעך און מיט גראָז. די זון שיינט און רייסט זיך אַריין אינעם וואָלקן שטויב, וואָס דרייט זיך אַרום אונדזער פייטאָן. איך דריי מיך אַף אַלע זייטן, מיר איז שווער צו זיצן. דער מאַמען אויך. זי האַלט לעבן זיך מיינע צוויי קליינע שוועסטערלעך איטעלע און עטעלע. דער טאַטע מיטן פעטער שמיל ריידן דעם גאַנצן וועג, גלייך קיינער וואָלט לעבן זיי נישט געווען. דער פעטער דודל דרייט זיך אויס אַף דער קעלניע צו זיי מיטן פּאָנעם און רופט זיך אָן:

— הערש, מירן זיך אָפּשטעלן לעבן דער אַדאַיע... ראַצע איז מיד, זי זויגט אַ קליין קינד!...

בײַ אַ קליין דערפל, וואָס האָט עפּשער צען פויערישע שטיבלעך, קריכן מיר אַרויס פונעם פייטאָן.

עס קומט אַרויס אַ יונגע פויערטע פון צווישן די פולע גאָלדענע זאַנגען, אַ פריילעכע, אַ פאַרסמאָליעטע פון דער זון. זי שמייכלט מיט אַ ברייט פּאָנעם און מיט גרינע גרויסע אויגן. דער פעטער רעדט צו איר אין גאָיעש:

— פרינעסי מאַלאָקאַ! פרינעסי סיר ז'מאַסלאָם!... ברענג אַהער, הייסט עס, מילך און קעז און פוטער...

מיר זעצן זיך אַפן גראָז, באַם ברעג פונעם פעלד. דער פעטער שמיל צעלייגט אַ גרויס פייער און בראָט אַף דעם יונגע פּאַפּעשויעס, וואָס די פויערטע האָט אַרויסגעבראַכט פונעם פעלד.

ס'גייען פאַרביי עטלעכע פעטע קי, גרויסע און גלאַטע.

— וועמענס זיינען די קי? — פרעגן מיר אַלע.

דער פעטער שמיל, וואָס שיינט פון גליק, ענטפערט:

— אונדזערע, קינדערלעך!

— און וועמענס זיינען די פערד, פעטער?

— אויך אונדזערע!...

און וועמענס זיינען די גענדז, די ציגן, וואָס פּאַשען זיך לעבן דער ריטשקע?

— אויך אונדזערע!... — לאַכט דער פעטער — אַלץ איז אונדזערס, אַלעמענס!...

אַ געלער קופּערנער הימל שפּרייט זיך איבער דער אַרומיקער גרינקייט. די פולע זאַנגען גיבן אַרויס פון זיך אַ צעפּאַרעטע פייכטקייט, עס שמעקט מיט יונגן גערשטן, מיט פרישער קוענער מילך, וואָס די פויערטע ברענגט אַרויס אין אַ גרויסן לאָדיש, און דער פרישער קעז מיט דער פּוטער... נאָר איך וויל שוין וואָס גיכער פאָרן צום זיידן. איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער וועט וואַרטן אַף אונדז...

אַוואַדע וואַרט ער אַף אונדז! די באָבע אויך.

באַלד באַם אַריינפאָרן קיין בריטשאַן, אַף דער ברייטער, הילצערנער בריק, לויפן צו אַ סאַך מענטשן צום פּייעטאָן, זיי כאַפּן אַרום די קליינע קינדער. מען קושט זיך, מען מאַכט גוואַלדן, ווי מען וואָלט זיך, כאַלילע געשלאָגן...

איך זע אַן עלטערן אידן מיט אַ ברייטער באָרד, אַ גרויסע און אַ געדיכטע, מיט אַ סאַך קנייטשן אונטער די אויגן. דער איד איז ענלעך צו מיין טאַטן. ס'איז דער זיידע כייעם.

די הויכע אידענע, מיט דעם צונויפגעשנירעוועטן מויל און טונקעלן קיילכיקן פּאָנעם, דאַרף זיין די באָבע הינדע. מיר געפעלט נישט דאָס הויכע קופּקעלע אַף איר שוואַרצן פּאַרוקל. ס'געפעלן מיר אויך נישט אירע קליינע אויגן, די טונקעלע און ווייטזעעוודיקע... וואָס קוקט זי אַזוי אַף דער מאַמען? אַף דער מומע באַסיע? ווי זי וואָלט זיי געמאָסטן מיט אירע שאַרפע קלוגע אויגן!

עס זיינען דאָ נאָך מענטשן. איך ווייס נישט ווער זיי זיינען. איך ווייס אויך נישט פאַרוואָס ס'גייען אונדז נאָך אַסאַך מענטשן פון דער גאַס... ביז צום זיידנס שטוב באַגלייטן זיי אונדז...

איך בין שוין ווידער אַן אומצופרידענע. קוידעם, איז דעם זיידנס שטוב אַן אַלטע און נישט קיין שיינע. נאָכן ברייטן פּאָדערהויז, וואו מען פאַלט אַריין איבער אַ הויכער שוועל, איז דאָ אַ גרויס צימער אַ פּירקאַנטיקס און אַ טונקלס, מיט פריש־געקאַלכטע בלויע ווענט און אַ געלער אָפּגעשמירטער ערד, באַשאָטן מיט דינער זאַמד. דער טיש מיט די בענקלער, וואָס שטייען אינמיטן שטוב, זיינען אַלטע און שוואַרצע. די דריי הילצערנע סאָפעס באַ די ווענט, זיינען אויך אַלטע און שוואַרצע.

נאָך אַ צימער איז דאָ, אַ לאַנגס מיט אַ גרויס פענצטער. דאָרט שטייט אַ גרויס הילצערן בעט, מיט אַ הויכן קאָפּנשטיק, אַ געשניצטן, צוויי כאַיעס איינע קעגן דער צווייטער, וואָס האַלטן אָפּן די פּיסקעס. דאָ שטייט אַן אַלטע שאַפע מיט ספאָרים. אָפּן געזימעץ, איבערן בעט, שטייען אויך ספאָרים. ס'פילט זיך דאָ אַ רייעך פון שטויב און פון שיימעס.

אָבי איך האָב געמיינט, אַז מיין זיידע וואוינט אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ, לעבן אַ גרויסן טייך מיט אַ סאַך פיש, וואָס איך וועל זיי אַרויסשלעפּן אַף אַ ווענדקע!...

מיין מאַמע, זע איך, איז יאָ צופרידן. זי דרייט זיך אום באַם זיידן אין שטוב ווי אַ פּריצע, אַ לויטערע, מיט שיינע קליידער איינגעוואַקסן אין איר געטאָקטער טאַליע. איר הויכע רונדע קליבעס וויגן זיך ווען זי גייט און ס'ווייעט פון איר מיט כשיוועס, מיט שטאָלץ און מיט פּאַשעטקייט. ס'ברוינע פּאַרוקל וואָס זי טראָגט, מאַכט זי פרומער. די ברוינע אויגן, די גרויסע און פּאַרקלערטע, זיינען שענער, טיפער.

דער פעטער אַווראָם־שימען, מיין טאַטנס עלצטער שטיפברודער, האַלט אַף איין קני מיין שוועסטערל איטעלע און אַף דער צווייטער עטעלען

אינעם ווייסן קישעלע. דעם פעטערס גרויסע און געמיטלעכע פּאָנעם איז אויך ווייס. מיט שטילע אויגן, בלויע און צופרידענע, קוקט ער אַף די קינדער און פון זיי — אַף דער מאַמען.

מיך זעט ער גאָרנישט...

דער פעטער גדאַליע, דעם זיידנס מעזיניק, זעט מיך אויך נישט... ער רעדט אַ סאַך מיט מיין גרויסער שוועסטער פינקל און מיט ריווקען. ער גיט זיי צוויי ביכלעך און זאָגט:

— איר זאָלט זיי לייענען!... עס איז שיינע מאַיסעלעך, פאַר קינדער....

מיר גיט ער נישט קיין ביכל. איך קען סיווי נישט לייענען... נאָר עס פאַרדריסט מיך, וואָס ער זעט מיך נישט. מיין ריווקע איז מיר אַ גאַנצער מענטש!... מיילע פינקל איז אַ פּריצע, אַן איידעלע! זי שפּילט זיך נישט מיט אַזוינע קינדער ווי איך... אַף איר בין איך נישט בייז... נאָר ריווקען וועל איך אָפּטאָן אַ שפּיצל, אַז זי וועט געדענקען!..

ווען פינקל זאָל שוין זיין אַ גרויסע, וואָלט איך געוואָלט אַז דער פעטער גדאַליע זאָל זיין איר כאָסן. ער איז אַ שיינער, געראָטן אינעם פעטער שמיל. ער איז נאָר העכער און דאַרער פון אים און האָט ברייטע אַקסלען. אָבער די אויגן זיינע און דאָסריידן איז דאָס אייגענע.

עס איז דאָ די מומע כייקע, דעם טאַטנס שוועסטער, מיט איר מאַן, דער פעטער אידל, און זייער איינציקע טאָכטער, אויך פינקל, נאָך דער באָבען. פון סעקוראַן זיינען זיי געקומען זיך געזעגענען מיטן זיידן.

די מומע כייקע איז אַ מיטלוואוקסיקע, אַ שוואַרצע, מיט שוואַרצע אויגן און די פּלייצע באַ איר איז אַביסל קיילעכדיק, אַזוי ווי באַ מיין טאַטן. זי ראַעשט אַסאַך און דרייט זיך אַרום מיין מאַמען.

איר טאָכטער פינקל איז אויך אַ שוואַרצע. ס'פּאָנעם אירס איז לאַנג און מיעס. זי איז, דאַכט זיך מיר, געראָטן אין מיר... אַף איר קוקט מען אויך נישט... אַזוי ווי אַף מיר...

אַפילע דער פעטער אידל, מיטן דאַרן קאַפּעליוש און מיטן דאַרן געקראָכמאַליעטן קאָלנער, וואָס נעמט אַרום יעדן איינעם און איז גערירט ביז טרערן פון פרייד, זעט מיך אויך נישט.

איך בין שטאַרק מעקאַנע פינקל די האָרבאַטע, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען צו איר שטיפמאַמעס עלטערן איניינעם מיטן פעטער, מיט איר שוועסטער כאַנע און איר ברודערל יאָסל. ווען איך ווייס וואו צו גיין, ווייז איך זיי שוין ווער גאָלדע איז!... דערוויף בין איך אַ גאַסט?!...

איין זאַך געפעלט מיר: די שטוב איז פול מיט געסט, גוטע פריינט און שכיינים.

אַלע קוקן אַף מיין מאַמען. זיי שושקען זיך הינטער אירע פּלייצעס:

— קיין בייז אויג! אַ קאַרטינע, אַ בילד!...

דעם טאַטן זע איך נישט. דעם פעטער שמיל אויך נישט. די מומע באַסיע טוט זיך איבער אינעם לאַנגן צימער. עפּשער צען אונטערקליידלעך טראָגט זי. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך דערלעב מיר אַ נעקאָמע אין

איר מיעסקייט, עפשער דערפאַר וואָס זי האָט צוגענומען דעם פעטער שמילן בײַ אונדז...

פאַרנאַכט, קום איך אַריין אינם זיידנס צימער, זע איך ווי ער שטייט בײַ דער וואַנט און דאַוונט. מינכע דאַוונט ער. ס'איז שטאַרק שטיל דאָרטן. זיין ברומען איז אַ טרויעריקס, אַ טיפס, פול מיט געבעט. איך האָב גרויס דערעכערעץ פאַרן זיידן... איך פאַרגעס אַפילו, אַז ער האָט אַמאָל זיך שלעכט באַגאַנגען קעגן מיין טאַטן, קעגן מיינע פעטערס.

ערשט אַפּדערנאַכט דערפיל איך, אַז איך בין אויך אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

באַם זיידן אין שטוב איז שטאַרק ליכטיק. דער זיידע זיצט אויבנאָן באַם טיש. דער טאַטע איז דאָ מיט דעם פעטער שמיל, דער פעטער דודל מיטן ווייב און מיט די קינדער. אַ סאַך מענטשן זיינען דאָ... איך זיץ לעבן זיידן. ער מישט מיר אוים די טיי און קוקט מיר אין פּאַנעם אַריין:

— ס'איז גענוג צוקער, טאָכטער, מיינע?...

די באָבע הינדע דרייט זיך אויך אַרום מיר. זי גיט מיר אַן אייעריקן בייגל. ער איז געשמאַקער ווי מיין טאַטנס בייגל...

דער זיידע זעט אוים באַזאָרגט און פאַרקלערט. די טיפע קנייטשן אַף זיין שטערן און אַרום זיין מויל זאָגן דאָס מיר. ער קוקט אַף דער האָרבאַ־טער פינקל און זיפצט:

— דאַווידל, קענסט גאָרנישט אויפטאָן פאַרן קינד?... ס'איז אַ מיידל!... מירן אייך מיט גאָטס הילף אַרויסשיקן שיפס קאַרטעס!... זע גרייט זי צו!...

אַפן פעטערס פּאַנעם טוט אַ ווייע אַ ווייטיק. ער קוקט אַף זיין טאָכ־טער און זיפצט:

— קיין אַדעס וועל איך מיט איר פאָרן... אַיאַ, טאָכטער מיינע?

איצט ווייס איך שוין, אַז איך וועל אויך פאָרן קיין אַמעריקע... וואָס־זשע וועט טאָן זכאַריעלע?... און מאַכמעד מיט אַסאַנען?... איך וועל בעטן דעם טאַטן, וועט ער זיי מיטנעמען מיט אונדז... ער וועט אויך מיטנעמען אונדזער אַלטע צויג, מוציע, איטעלע קען איר נישט איינשלאָפן...

דער זיידע בייעם רעדט ווייניק. ער האַלט דעם קאָפּ אין ביידע הענט און קוקט קעסיידער אַף זיינע קינדער און אייניקלעך. מער ווי אַף אַלעמען, קוקט ער אַף מיין מאַמען און אַף דער גרויסער שוועסטער מיינער. ס'פּלאַ־מען איר די ראָזעווע באַקן, אירע פאַרכאַלעמטע אויגן זיינען שטיל און צניעסדיק... עפשער זעט אין איר דער זיידע בייעם זיין ערשט ווייב, די באָבע פינקל?... דער פעטער שמיל האָט אויך שטאַרק ליב מיין גרויסע שוועסטער, ער רופט זי מאַמע און קויפט איר די טייערסטע זאַכן. די באָבע הינדע שנירעוועט צונויף ס'מויל און שמייכלט צום זיידן:

— בייעם, ביזט גאָרנישט קיין שלעכטער מיוון... די שכיינים קוקן אַף ס'כיודעש: קיין איין קינד איז ניט געראָטן אין ראַצען...

דער זיידע הויבט אויף זיינע פרומע אויגן אַף מיין מאַמען. אַ וואָ־

רימקייט, אַ מענוכעדיקע פרייד קוקט אַראָפּ פון זיין שטערן. אַפּילע די שוואַרצע יאַרמעלקע אַפן קאָפּ נעמט באַ אים שיינען.

די מומע באַסיע זיצט לעבן מיין מאַמען און איז באַרויגעז מיטן פעטער שמיל, לעמאַי, לאָזט ער זי איבער אַליין. זי ווערט רויט ווי אַן אַרבוז און גייט אַריין אינעם זיידנס אַלקער און קערט זיך מער נישט אום.

מיין טאַטע רוימט איין אַ סאָד דעם פעטער אַפן אויער:

— שמיל, זאָג דיין זאַל זיך נישט איבערנעמען... איר טאַטנס טיש איז געקלאַפּט מיט צוועקלעך, דיין טאַטנס — מיט טויפע און מיט כאָכמע.

דער זיידע איז טאַקע אַ קלוגער. ער גייט אַריין אין אַלקער און ברענגט אַריין די מומע באַסיע צוריק אין דער גרויסער שטוב.

מיין טאַטע איז ווי אינגער געוואָרן. ער לאַכט אַפן הויכן קאָל. אַ פרייער, אַ שפּרודלדיקער און אַ גליקלעכער, זיצט ער לעבן דער מאַמען, דעם טאַטנס ברידער קוקן אַף אים פול מיט ליבשאַפט, מיט שעצונג. הער־שעלע, רופן זיי אים, אָדער ברודער...

אויך מיין מאַמע פילט אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט פונעם זיידן, פון דער באָבען, פון אַלע זייערע קינדער און פריינט. איך פיל דאָס אַרוים פון אירע געמאָסטענע שפּאַן, פון איר שטאַלטנער פיגור, פון אירע וואַרימע שמייכלען, וואָס באַגעגענען יעדנס אויפמערקזאַמקייט.

באַנאַכט שלאָף איך מיט מיינע שוועסטערלעך אין קיך צווישן אויוון, אַף אַ גרויסן פּרימעסט. געסט לייגט מען ניט צווישן אויוון!.. — בין איך באַרויגעז.

דער אַנדערער טאָג ברענגט מיר ווידער נישט קיין נאַכעס: דער פּע־טער געדאַליע גיט ווידער מיינע עלטערע שוועסטערלעך צוויי ביכלעך.

דער פעטער פירט אונדז איבער גאַסן, לאַנגע און שמאָלע, מיט הויכע טראָטואַרן פון ברעטער. די זון שיינט, דעם פעטער געדאַליעס פּאָנעם אויך.

אַ גראָבע אידענע קומט אַרוים פון אַ ברייטן טויער און שרייט צו מיין פעטער:

— געדאַליע, ווער זיינען די שיינע מיידלעך?!

דער פעטער שטעלט זיך אָפּ:

— ס'איז מיין הערש'ס, מיין גרויסן ברודערס טעכטער!...

ווייבער און מיידלעך שטעלן זיך אָפּ. זיי באַטאַפּן מיין עלטערער שוועסטערס צעפּ און קוקן איר אין פּאָנעם:

— צוויי אויגן, ווי די באָבע די צאַדייקעס!...

פרעמדע מענטשן, טראַכט איך, האָבן נישט פאַרגעסן די באָבע און מיין טאַטע און דער פעטער שמיל מיטן פעטער דודל האָבן פאַרגעסן...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס דער טאַטע מיט די פעטערס דער־ציילן וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן נאָכדעם ווי מיין באָבע פינקל איז גע־שטאָרבן. האַלעוויי קומט איצטער מאַשיעך, וועט די באָבע אויפשטיין

טביעם האַמייסים. זי וועט זיך שטאַרק פרייען מיט אירע קינדער... איך וועל איר דערציילן, אַז מיין טאַטע האָט פון איר אַסאַך גערעדט... אַז ער האָט זי נאָך ליב, ווי זיינע אייגענע קינדער... איך קוק צום בעסוילעם. אַף אַ הויך בערגל זע איך אַסאַך ווייסע שפּיציקע שטיינער, אויסגעקרימטע, געזונקענע. איך זע די באָבע אַליין. גרויסע שוואַרצע אויגן האָט זי אַף אַ ווייס פרום פּאַנעם, וואָס שמייכלט צו מיר און רעדט: — טעכטערל מיינס, אַן אייגענע באָבע טאָר מען נישט פאַרגעסן!... דעם זיידנס צווייטע ווייב קער זיך מיט דיר נישט אָן... — ווען איך ווייס ווי אַזוי מען סנימאַיעט, ווי אַזוי מען מאַכט אַ קאַרטע, נעם איך אַראָפּ אַ קאַרטע פון דער באָבע פינקל.. איך זע זי אַזוי נאָנט, אַזוי בוילעט.

ווען איך זיץ באַ מיין זיידן אַפן גאַניק, קומט צו מיר צו ריווקע און פרעגט מיך:

— גאָלדע, פון וועמען טראַכסטו, אַז דו קוקסט אַפן הייליקן אָרט?

— איך קוק מיך אום צי ס׳גייט נישט עמיצער פונעם זיידנס קינדער און ענטפער איר:

— פון דער באָבע פינקל, טראַכט איך.

מיין שוועסטער ווערט אומעטיק:

— אַ באָבע דאַרף מען ליב האָבן!... מען דאַרף זי אייביק געדענקען!...

— ריווקע, איך וויל מיר זאָלן אויסקנעטן אַ מענטשן פון ליים, ער זאָל אויסזען ווי די באָבע פינקל!...

— ניין, דאָס טאָר מען נישט!... דו ווילסט באַליידיקן אונדזער באָבע?... סיי ווי הערט נישט קיין ליימענער מענטש, ער פילט גאָרנישט, ער איז נישט קיין באָבע!...

— און אַז מאָשיעך וועט קומען, וועט אונדזער באָבע ווידער הערן און זען?

— די ווערים האָבן זי שוין לאַנג אויפגעגעסן... ווי אַזוי וועט זי קומען צו אונדז?...

ריווקע זעצט זיך אַוועק נעבן מיר און מיט אַ טיפן ערנסט אַפן פּאַנעם קלערט זי מיר אויף:

— דעם מענטשנס גוף איז גאָרנישט ווערט... פון בלאָטע איז ער... דעריקער איז די נעשאָמע... דער באָבעס נעשאָמע איז אין גאַניידן... אַז זי וועט דערהערן מאָשיעכס שופער בלאָזן, וועט זי ווערן לעבעדיק!... אַלע טויטע וועלן עסן פונעם ליוויאַסן... מיר אויך! וויי׳ל מיר וועלן אויסשטאַרבן פון שרעק ווען מאָשיעך וועט קומען. ער וועט אונדז אָבער לעבעדיק מאַכן!... מיר וועלן גאָרנישט געדענקען, וואָס מיט **אונדז** איז פאַרגעקומען.

— וואָס זשע וועלן מיר טאָן, אַז מיר וועלן פאַרגעסן אַן אונדזער טאַטע־מאַמע, אַן אַלע אונדזערע פריינט?... ווי אַזוי וועל איך שלאָפן מיט דער באָבע פינקל? זי קען מיך דען?...

— גאָלדע, מיר דאַרפן זיך נישט זאָרגן פאַר דעם!... גאָט וועט שוין

זאָרגן פאַר אונדז!... ווען ער וויל, קערט ער איבער די גאַנצע וועלט אין איין מינוט... פרעג די מאַמען, וועסטו הערן!...

איך וועל די מאַמע נישט פרעגן!... איך וויל מער נישט ריידן פון טויט... ס׳איז מיר שווער...

כח. — מײַן טאַטע בונטעוועט ווײַטער

אינעדרהיים, ווען מיר קומען צוריק פונעם זיידן, וואַרט אַף אונדז נײַע שרעק.

ס׳קומען אָן בריוו פונעם וועג. דער זיידע מיט זײַנע קינדער ווילן שטאַרק, אַז דער טאַטע זאָל זיך גרייטן וואָס גיכער צו פאָרן קיין אַמעריקע. נאָר דער טאַטע גרייט זיך גאָר צו אַ נײַעם „בונט”. בײַדע אונדזערע בעקער־אינגלעד, זכאַריע מיט הערשלען, דער קיעווער שײַגעץ קאָליע מיט עליע־מײַערלען, העלפן אים צו. ער וויל דורכוים אײַנפירן מען זאָל נישט אַרבעטן בײַ די בעקערס אַפן יאָר, נאָר פון אויוון.

אין די אַפדערנאַכטן פאַרקלײַבן זיי זיך אינעם צימער פון דער בעקערײַ. ס׳קומען נאָך בעקער־יונגען. מיך לאָזט מען נישט אַרײַן. ס׳פענצטערל, וואָס גייט אַרויס צו דער קלייט, איז פאַרהאַנגען מיט אַ זאַק. איך הער ווי זיי שרײַען דאָרט און קריגן זיך. מיר פאַרדריסט דאָס, דער מאַמען אויך. איינמאָל זאָגט זי צו מיר שטיל און באַזאָרגט:

— גאָלדע, טאָמער זעסטו אָנקומען אַ סטראַזשניק (אַ פּאָליציאַנט), זאָלסטו מיר זאָגן!... דײַן טאַטע וועט נישט פאָרן מיט אונדז קיין אַמעריקע, צום זיידן! קיין סאַמביר וועט מען אונדז פאַרשיקן, מיט אים אינייִנעם!... אַף אים שטייט די וועלט!...

דעם טאַטן שיקט מען נאָך נישט קיין סיביר... די מאַמע שטייט קעסיידער אין קלייט און איז באַטריבט און שווײַגנדיק. כ׳מוז זאָרגן וועגן מײַן קליין שוועסטערל עטעלע און זי טראָגן אַף די הענט. מיר זײַנען דערעסן די געשרײַען דאָרט הינטערן פאַרמאַכטן טירל און דאָס אומבלאָנקען זיך פון איין כאַווערטע צו דער צווייטער. די טעג זײַנען הייסע און לאַנגע, זיי ענדיקן זיך גאָרנישט. עס ענדיקן זיך אויך נישט דעם טאַטנס קריגערײַען מיט די בעקערס און מיט זייערע בעקערײַונגען.

אין אַ שאַבעס גאַנץ פרי, טרעף איך נישט דעם טאַטן אין שטוב. זאָל ער שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען צום דאַווענען?... עפשער איז ער בײַ מאַכמעדן?... פאַר מאַכמעדס קלייט שטייען שאַבעסדיקע אידן, מיט די טאַלייסים אונטער די אָרעמס. זיי ריידן אַסאַך און זײַנען אויפגעבראַכט. איך פיל, אַז עפּעס איז ווידער געשען מיט מײַן טאַטן. אַסאַך קומט אַרויס צו מיר, מיט אַ שעלמישער באַוועגונג, ווײַזט ער מיר אָן אַף שמיל־זעליקס שענק אַנטקעגן מאַכמעדס קלייט און זאָגט צו מיר אין רוסיש:

— טאַם קריטשיט טוואַי אַטיעץ!... דער טאַטע, הייסט עס, שרייט דאָרטן.

פאַראַן זיינען דאָ אַסאַך בעקער־יונגען, אויסגעפּוצטע מיט צעקנייט־טשע און פאַרמעליקטע קאָסטיומען און מיט צעקנייטשטע קאַפּעליושן, פּונקט ווי זייערע מידע און צעקנייטשטע, ניט אויסגעשלאָפענע פּנימער. זכאַריע מיט הערשלען, עליע־מייערל און קאַליע זיינען אויך אין שענק. ס'שטייט דאָרטן אויך קראַכמאַלניק דער בעקער, וואָס האָט אַ גרויסע בע־קעריי, און נאָך בעקער־באַלעבאַטים. דער שענק איז פול מיט מענטשן און מיט אומרו. אַף אַ טישל לעבן דער וואַנט שטייט דער טאַטע און האַלט ביידע ווייזפינגער נעבן שטערן. אַ היץ שלאָגט אַרויס אַף זיין פּאַנעם און פון זיינע הייסע ווערטער:

— טעמפּע קעפּ זיינט איר! ס'איז ניט סדאָם! אַפּן יאָר פאַרדינגט מען זיך נישט, ווי די קנעכט!...

— זיי וועלן נישט נאָכגעבן! — שרייען בעקעריונגען.

זכאַריע כאַפּט זיך אַרויף נעבן טאַטן. ער שרייט:

— גייט נישט צו דער אַרבעט, וועלן זיי נאָכגעבן, די פּראָסטאַקעס, די טויגעניכצן!.. גלויבט זיי נישט!.. סאָנים זיינען זיי אייך!..

נאָר די באַלעבאַטים שרייען העכער פון זכאַריען:

— טשאַרנאָפּוי האָט געניייוויש מעל, טראָגט אים צו באַקן פונעם שטיקל!...

— גאַנאָווים זיינט איר! — שפּריצן מיט פייער עליע־מייערלס אויגן.

— מיט די ווייבער, מיט די קינדער וועט איר אַרבעטן, קאַדאָכעס וועט איר האָבן ניט קיין געבעקס!...

דער שענק איז פול מיט קוילעס. שווער צו דערקענען ווער וועמען עס שרייט איבער....

אַ גאַנצן טאָג שטייען רעדלעך אין גאַס. דעם טאַטן זע איך נישט. אונדזער בעקער־אינגלעך און עליע־מייערלען אויך נישט....

דעם אַנדערן טאָג, זונטיק, שטייען די אַרבעטער אַנגעטוענע און שטילע נעבן מאַכמעדן. דער טאַטע און קאַליע, עליע מייערל און זכאַריע מיט הערשלען טיינען מיט זיי אַפּן הויכן קאָל. אַלע איינינעם גייען זיי ערגעץ אַוועק. די ווייבער פון דער גאַס קוקן זיי נאָך. זיי שעלטן דעם טאַטן:

— די מיידן זיינע זאָלן אויסגעקוקלט ווערן, ווי אומשולדיקע אויפּע־לעך שטאַרבן איבער אים!...

אַזוי עטלעכע טעג. דער טאַטע קומט קעסיידער אַהיים שפּעט באַנאַכט. איך זע אים נישט.

שפּעטער ווער איך געוואויר, אַז דער טאַטע מיט די אַנדערע בעקער־יונגען האָבן אָפּגעהיט די אַרומיקע וועגן און מיט שטעקנס און מיט שטי־קער האָלץ האָט מען פאַרטריבן די אַנגעפאַרענע בעקעריונגען פון די אַרו־מיקע שטעטלעך. קאַליען האָט מען אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון יע־

דינעץ. ווען ניט מאַכמעד, וואָס איז דעם טאַטנס בעסטער פריינט, שיקט מען אַרויס דעם טאַטן אויך איינעם מיט עליע־מייערלען און מיט ביידע ברידערלעך.

איצט אַרבעט מען שוין אין יעדינעץ פונעם אויוון. באַ דער אַרבעט איז פריילעכער. די גרויסע פייערן אין די אויוונס פלאַקערן, העלפן צו צום געזאַנג.

— ס'פלאַקערט אויך אַ גרויסע סינע אין יעדינעץ, אַ פאַרביטערונג קעגן מיין טאַטן, קעגן אונדז אַלעמען...

אין שטוב באַ אונדז הער איך, אַז פרומע אידן מיט עטלעכע בעקערס פון שטאָט האָבן אַרויפגעלייגט אַ כיירעם אַף מיין טאַטן. אין דער גרויסער שיל הענגען בלעטלעך, וואו מען וואָרנט אידן נישט צו קויפן קיין ברויט באַ אונדז און נישט אַנצוקוקן מיין טאַטן דעם גאַטלאָזן, דעם בונטאָווי־טשיק...

די מאַמע איז ווידער שטיל און אָפּגעזונדערט. מיט מיר ווילן זיך די קינדער פון גאַס נישט שפּילן. עסטער הענעס אויך נישט.

איינמאָל רוף איך זי אַנרייסן גרעזעלעך אונטער די טרעפּ, צווישן די שטיינער, שטעלט זי מיר אַרויס אַ לאַנגע צונג און רעדט מיט האַלבע ווערטער גאַדלעסדיקע:

— איך וויל מיך נישט כאַווערן מיט דיר!... דיין טאַטע האָט געניי־וויש מעל... איבער אים שטאַרבן אוים די קליינע קינדער מיט די קימ־פּעטאָרנס!...

מיין טאַטע הערט מיך אוים רואיק ווען איך דערצייל אים און שמייכלט מיר אין פּאָנעם:

— טאָכטער מיינע, שעם דיך נישט מיטן טאַטן, דעם ראַזבוייניק!... שעמען דאַרף זיך דיין כאַווערטע מיט איר טאַטן דעם פּראָצענטניק, דעם גאַטס גאַנעוו, וואָס נעמט באַ די גאָים פּופּציק פּונט פאַר אַ פּוד און באַ־צאָלט פאַר דרייסיק!...

אַוואָדע ווערט עסטער נאָך מער אין קאַעס, ווען איך זאָג דאָס איר. הענע, עסטערס מאַמע, איז אויך באַרויגעז. זי פאַרמאַסערט מיך פאַר דער מאַמען:

— די גאָלדע אייערע — אינגאַנצן דער פאָטער! וואָס אַף דער לונג דאָס אַף דער צונג!...

די מאַמע שווייגט און שמייכלט טרויעריק.

כט. — אונדזער לאָשעק מאַשע

איינמאָל טרעף איך דעם טאַטן פאַר דער טיר פון אונדזער בעקריי האַדעווען אַ קליין לאָשיקל, אַ רויטס. מיט דינע פיסלעך, וואַקלדיקע. ס'לאָ־

שיקל האָלט פאַרמאַכט די אויגן און לעקט די נאַסע קלייען פונעם טאַטנס דלאָניע.

די מאַמע לויפט אַרויס פון דער בעקעריי און בייזערט זיך אָן אויפן טאַטן:

— הערש, ביזט מעשוגע?... וואָס וועסטו טאָן מיט דער פּעגירע?... אין די ראַשטשינעס וועט עס דיר אַנדראָסן!...

דער טאַטע גלעט ס'לאַשיקל און קוקט דעם אין די פאַרזשמורעטע אויגן:

— איך האָב דאָס אַפּיריענומען פון אונטערן מעסער... זיין מאַמע איז געפּייגערט באַלד נאָכן האָבן, ערשט צוויי שאָ... ווען נישט איך, שינדט מען דאָס אָפּ, גלייך מיט זיין מאַמען!...

די מאַמע נעמט אַרומטאַפּן ס'לאַשיקל. זי רעדט מיט אַ ראַכמאָנעסדיק קאָל:

— טאָקע אַ ראַכמאָנעס, אַ יאָסעם!... אַז וואו אַ צאָרע, טרעפט עס אָן צו מיר!... וואו וועט מען דאָס אַהינטאָן, הערש?

— מירן זיך אָן אייצע געבן, ראַצע!... דער הויף איז דיר צו קליין?... די קינדער וועלן זיך אָפּגעבן דערמיט.... די ראָפּע וועט עס אויספּאָשען, ווי אַ כאַזיר...

— ס'איז אַ צאַרבאַלעכייעס!... נאָר איינע צען מינוט, פרעסן דאָס אויף די הינט!...

די מאַמע הערט אויס רואיק דעם טאַטנס ווערטער. אַ סימען, אַז זי וועט שוין נאָכגעבן.

— הערש, ס'איז אַ שקאָפּע צי אַן אָגער? — פרעגט זי ערנסט, ווי דאָס וואָלט געווען די גאַנצע מניע.

דער טאַטע קוקט אַרונטער צווישן דעם לאַשיקלס פיסלעך:

— אַן אָגער, ראַצע!

— וועט ער דאָך בריקעווען און איבערשרעקן די קינדער!...

דער טאַטע טוט אַ קוק אויף דער מאַמען און ווייזט אויף מיר מיט דעם פינגער:

— ווען וועט ער דיר איבערשרעקן?... געטראָפן אַ מענטשן, זי וועט אויפלעבן, די קלאָוועטע!...

— הערש, ווי אַזוי וועלן מיר אים רופן?

— קלויב דו אויס אַ שיינעם נאָמען, ראַצע!

די מאַמע קלערט מיט אַן ערנסטן פּאָנעם און גיט צו ערנסט:

— מאַשע וועלן מיר אים רופן.

— זאָל זיין מאַשע!... אַבי זאָלסט אים ליב האָבן, ראַצע!

אוואָדע האָט אים די מאַמע שטאַרק ליב. אַלע טאָג קעמט זי אים אויס מיט אַ גרויס שטאָלן קעמל און פלעכט אים איין גרינע און רויטע ליענטעס אין זיין שוואַרצער גריווע. איך טראָג פאַר אים אַרויס אַלע טאָג אַ קעסל מיט וואַרימער ראָפּע. מאַשע טרינקט מיט אַפּעטיט און וואַקסט

ווי אַף הייוון. ער טרינקט טאַקע הייוון אויך. ווען קיינער זעט נישט, כאַפּט ער זיך אַריין אין דער בעקעריי און טרינקט אויס די פרישע אָפענע הייוון און פרעסט אויף די ראַשטשינעס.

מיר ריידן צו מאַשען אין אידיש. ער פאַרשטייט אונדז. די מאַמע גיט אַ געשריי פון דער קלייט:

— מאַשע, אַט גיי איך צו דיר צו, ברעך איך דיר איבער די ביינער!... נאַשער, זוילעל װעסויוועניק!..

מאַשע אַנטלויפט פון דער בעקעריי ווי אַ גאַנעוו.

דערזעט ער דעם טאַטן אָדער די מאַמען, צעהירזשעט ער זיך און לויפט זיי אַנטקעגן מיט אויפגעשטעלטע אויערן, מיט אַ פאַריסענעם עק.

פרעמדע מענטשן האָט מאַשע פיינט. ער טענצלט אַוועק פון זיי מיט גאַדלעס, מיט לייכטע טריטעלעך, דריבנע און יאַכסאַנישע. אַפילו די באַ־ליגע טאָר אַ פרעמדע אידענע נישט אַפירנעמען פון זיינע פיס.

איינמאָל באַרויגעזט ער זיך אַן אַף אַ אידענע, וואָס האָט געוואָלט נע־מען אַ פּאָר שטיקלעך באַליגע זיינע אַף צו פאַרקנייטן. ער טוט אַ הירזשע און אַ פּאַכע מיטן עק איבער דער אידענעס פּאָנעם, פאַרלויפט איר דעם וועג און לאָזט איר נישט אַנטלויפן. די דערשראָקענע אידענע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אינעם אַפּטריט און שרייט געוואַלד, און מאַשע פּאַכעט צו איר מיטן עק, מיט ביידע הינטערשטע פיס און הירזשעט אַזש אַ שרעק.

די מאַמע לויפט אַריין אין הויף און שרייט אַן אַף אים:

— מאַשע, זאָלסט שוין אָהערגיין! נאַבאַל!...

מאַשע טוט אַ שטילן הירזשע, אַ צעפּיעשטשעטן און טענצלדיק גייט ער צו צו דערמאַמען און שאַרט דעם האַלדז זיינעם אָן דעם מאַמעס פּאַ־נעם, לעקט דאָס און קווייטשלט זיך אונטער ווי אַ צעפּיעשטשעטער בען יאָכיד.

מאַשע האָט שוין אַ קליין וועגעלע, אַ גרינס מיט רויטע רעדער און אַ דעהע מיט מעשענע גלעקלעך. קיין פרעמדער מענטש טאָר אים נישט אָנרירן און אויך נישט איינשפּאַנען. איך קען אים שוין איינשפּאַנען. אָנ־טרייבן אויך. מאַשע פליט מיט דעם קליינעם וועגעלע, ווי אַן אָדלער. אין גאַס שעלט מען אים איינעם מיט מיין טאַטן...

מייער־לייב, אונדזער לערן־אינגל, וויל נישט פאָרן מיט אים, ווען מען שיקט אים איינמאָנען כוויועס. מאַשע קערט אים איבער מיטן וועגעלע, טרעט אים מיט די פיס און אַנטלויפט אַהיים אַליין. פאַרט אָבער אונדזערס אַ קינד מיט אים, איז מאַשע גוט און וואויל. ער שפּאַנט זיך איבער די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ און מיט אויפגע־שטעלטע אויערן. איך פאָר דעריבער אַ סאַך מאָל מיט דעם לערן־ אינגל איינמאָנען די כוויועס. איך האַלט די וואָשקעס אין די הענט און טרייב אָן.

איינמאָל אין אַ שטאַרקן רעגן, פאָרן מיר פון דער קאַצאַפּסקער גאַס. מיר מוזן אַריבערפאָרן אַ בלאָטיק געסל מיט טיפע גריבער, מייער לייב

נעמט די וואַשקעס אין די הענט און טוט אַ פּאַטש מיטן בײטשל איבער מאַשעס רוקן: — ווײ, מאַשעלע, וואָס דו קענסט!...
און מאַשע ווײזט טאַקע די קונץ זײַנע. עס טוט זיך אַ ריס פֿון די אָלאָבליעס און דרײט איבער ס'וועגעלע מיט די רעדער אַרויף.
איך ליג אין דער בלאָטע ביז צום האַלדז. מײַער לײב איז אינגאַנצן אײַנגעטונקען אין בלאָטע, ווי אַ קוימענקערער אין סאַזשע. ער שלעפּט מיך בײַ די הענט:
— לעבסט, גאָלדעלע?...
אַוודאי לעב איך! איך האָב אַפּילע נישט צעעפנט די זשמעניע מיט אײַנגעמאַנטן געלט. מיך אַרט נאָר וואָס אײנער אַ גױ מיט בלאָנדע פּאַר־דרײטע וואָנצעס און בלויע אויגן, שטײט זיך בײַ אַפּן גאַניקל און לאַכט מיט אַ ברײט פּאָנעם אַ כוצפּדיקס:
— באַראַשאָ טאַק, זשידאָווסקי פּאַרכי!...
איך שטעל אים אַנטקעגן מײַן פּאַרבלאָטיקטע זשמעניע מיט די עטלעכע זילבערנע האַלבע רובלס, אײַנגעשמירטע אין בלאָטע און זאָג צו אים:
— טאַם יע באַהאַטע הראַשי... דאָרטן איז דאָ אַ סאַך געלט, הײסט עס.
דער גױ טוט אַ פּיר מיט דער צונג איבער זײַנע ליפּן, די פּלײשיקע און פעטע, און שמעלט אַף מיר אַן אַ פּאָר גרויע אויגן, גרויסע און זשעדנע:
— דע טי נאַישלאַ הראַשי, זשידיוואַטשקאַ!... וואו, הײסט עס, האָסטו געפונען דאָס געלט, אידישקעלע?
איך ווײַז אים אַן אַפּן סאַמע מיט גרוב:
— טאַם, האָספּאַדין!...
מײַער לײב פּלאָצט פֿון געלעכטער. ער מאַכט צורעכט דאָס וועגעלע.
איך נעם די וואַשקעס אין די הענט און מאַשע שפּאַנט אַ שטאָלצע, אַ צופרידענער מיט דער נעקאָמע וואָס ער האָט געהאַט אין מײַער לײבן.
פֿונוויײטנס זע איך ווי דער גױ שאַרט מיט די הענט אינעם בלאָטיקן גרוב, און שרײַט מיר נאָך מיט קאַעס, מיט גיריקײט:
— אַ דע טי נאַישלאַ הראַשי, זשידיוווסקאַ דראַנקאַ!...
אין שטוב לאַכט מען פֿון מײַן אויפֿטו. מען זאָגט, אַז איך האָב מאַזל וואָס דער גױ איז מיר ניט נאָכגעלאָפֿן און וואָס איך האָב נישט פאַרלוירן ס'געלט...
מאַשע האָט אויך אויסגעפּירט. מײַער לײב פּאָרט שוין נישט מער מיט אים אַלײן און אַז ער פּאָרט מיט עמיצן, הויבט ער שוין מער נישט אַף אים ס'בײַטשל...

ל. — מיר גייען אין כיידער

אז איך בין געבוירן אין א הייבל, דאס ווייס איך שוין פון לאנג. נאר קיין מאזל האב איך נישט. ווען איך האב מאזל וואלט מען מיך נישט געהאלטן פארשפארט אין כיידער ווי אין א טפיסע. מיך מיט ריווקען שיקט מען אין כיידער אריין. זי געוויינט זיך דארטן צו, איך נישט. מיר ליגט נישט אין זינען דאס לערנען. נאכוואס דארף א מיידל דאווענען?...

מיין רעבע, א הויכער איד מיט א הערביקל אף דער נאז און א לאנגער גרויער בארד, געפעלט מיר נישט. מיך מיט מיין ריווקען האלט ער ראק לעבן זיך... דאס איז מיין טאטנס אנזאג... איך דערקען עס פון זיין מוסער זאגן:

— מיידלעך דארפן קענען דאווענען און זאגן קרישמע!... שיקסעס פארן ארום מיט א לאשיק!...

ריווקע קען שוין טאקע איווריע און טייטש. זאל זי קענען!... מיר געפעלט בעסער ארומצופארן מיטן לאשיק איבער די גאישע גאסן. ס'שמעקן די גערטנער און פרוכטביימער. רעב איסראעל איסער, דער מעלאמעד, ווייסט נישט וואס גוט איז, לאכט ער דעריבער פון מיין ארומפארן מיט מאשען. ער וויל מיר פארגלייכן די הילצערנע קאמער מיטן שטרויענעם דעכל אין אביסל זון און לופט, מיט די צעבליטע סטעפ־גאסן, מיט דער גרינער לאנקע, וואו איך פאשע אונדזער פערדל!...

נאכוואס האלט די רעבעצן א דייזשקע מיט וואסער אין דער קאמער וואו מיר לערנען... ס'איז נאס ארום דער דייזשקע און ס'פילט זיך א רייעך פון שימל, פון פוילעכץ און פון אלט וואסער... די קינדער מוזן טרינקען פונעם אלט וואסער, דאס פרישע וואס זיי ברענגען פון דער קערניצע, איז פאר דער רעביצן צום קאכן. ס'פילט זיך אויך מייזן־פישעכץ און דאס „אנרויכערן” פון די קליינע קינדער.

איינמאל ווען עס ווערט א שלעכטער רייעך אינעם כיידער, כאפט זיך אויף דער רעבע פונעם בענקל, ער קוקט אריבער די ברילן און קלאפט מיטן ווירעלע אין טיש:

— זאגט אויס, ווער האט דאס געטאן!

א אינגל פון א צען יאר, וואס צעהאקט דער רעבעצנס האלץ און גייט איר איינקויפן אין קלייטל, קלאפט אן מיטן גלידל פונעם ווייזפינגער איבער די שטערנס פון אלע קינדער. בא די אנדערע קינדער שרייט ער אויס: „ס'איז ווייס, נישט זי האט עס געטאן!...” באם אנקלאפן אין מיין שטערן, שרייט ער אויס: ס'איז רויט, זי רעבע, האט זיך באשטונקען!...

— איך האם דאס נישט געטאן — שריי איך — איך וועל שווערן בא שווארצע ליכט!...

דער רעבע שרייט צו מיר:

— איכל דיר ארייננשטעקן א פעדער אינעם הינטן און דיר אונטערשיטן פאפעשויעס!... אין קונע וועל איך דיר שטעלן!...

הייסט עס, אַז דער רעבע גלויבט מיר אויך נישט!... גאָט וועט אים נישט פאַרשווייגן!...

די קינדער אַרום טיש שטיקן זיך פון געלעכטער. מיין שוועסטערל קוקט אַף מיר מיט צוויי קלאָרע אויגן, פאַרשטענדיקע און פול מיט מיט־געפיל און מיט ווייטיק. איך קען נישט אַרויסריידן קיין וואָרט. די טרערן שטייען מיר אין האַלדז. איך שעם מיך צו קוקן אַף ריווקען, כאָטשע זי ווייסט פון מיין אומשולד.

אַהיים קום איך ווי אַ דערשלאָגענע. דער טאַטע קוקט מיך אין פּאַ־נעם און פרעגט:

— מען האָט דיך געשלאָגן, גאָלדע?...

איך פּלאַץ אויס מיט אַ געוויין. דער טאַטע און זכאַריע און דאָס לערן־אינגל מייער־לייבל שטייען אַרום מיר און פרעגן מיך אַלץ:

— וואָס וויינסטו, גאָלדע?...

איך דערצייל פון מיין אומגליק, פונעם בילבל וואָס מען וואַרפט אַף מיר אַרויף און איך בעט מיך:

— טאַטע, לאָז מיך זיין אין דער היים! אַלצדינג וועל איך שוין טאָן!...

דער טאַטע קוקט מיר אין די אויגן און פרעגט מיך שטיל, ערנסט:

— אָבער, דו האָסט עס טאַקע נישט געטאָן?..

— ניין, טאַטע!

— גיסט מיר דיין ערן־וואָרט?...

— יאָ!

— אויב אַזוי, וועט שוין דער רעבע מער נישט פאַרשעמען דיך!...

דער רעבע איז טאַקע געוואָרן בעסער צו מיר און צו מיין ריווקען. מיר שפּילן זיך אַסאַך אינדרויסן. מיר מוזן אים אָבער זאָגן אָפּן וואָרט, אַז מירן צוריק אַריינקומען...

דאָס בעסטע איז באַ מיר צו זיצן אינעם רעבנס פאָדערהויז. דאָרט איז קיל. די ערד איז אָפּגעשמירט און אונטערגעפירט מיט רויטן. ריווקע דערציילט מיר דאָרט מאַיסעס פון אַ בענמעלער און פון אַ באַסמאַלקע, פון אַן אָרימער יעסוימע, אַ שיינהייט, וואָס איר שטיפמאַמע האָט זי פאַר־טראָגן אין וואַלד אַריין, די כאַיעס זאָלן זי אויפעסן און צוועלף גאַזלאָנים געפינען זי און ס'מיידל ווערט זייערע אַ שוועסטער און רעדט זיי איבער זיי זאָלן ווערן אָרנטלעכע מענטשן... ריווקע קען די געשיכטע פון יעדער גאַז־לען באַזונדער. זי דערציילט אויך פון דער שיינער יעסוימע מיט דעם גאָל־דענעם שיכעלע, וואָס מוז ווערן אַ דינסט און האָט שפּעטער כאַסענע מיט אַ פּרינץ... און אַ שיר מאַיסעס קען מיין שוועסטערל, איינע שענער פון דער אַנדערער...

ווען ריווקע נעמט מיר דערציילן אירע שיינע מאַיסעס, זיצט זי מיט ביידע פיס הינטער זיך, אַ שטילע, אַן ערנסטע און אַ פּאַרטראַכטע. אַ מאָדנע פּייערל טויכט דעמאָלט אין אירע ברוינע אויגן, אַ טיפס און אַ

דורכדרינגלעכס. גאַנצע טעג, וואָלט איך ניט מיך געוואָרן צו זיצן מיט איר אינעם פֿאַדערהויז און הערן ווי זי דערציילט...

ריווקע קען שוין אַ מאַיסע פֿון מיר מיט איר... איך פֿרעג זי איינמאָל:

— זאָג מיר דעם עמעס, וואו נעמסטו די אַלע מאַיסעס? אַז דו טראַכסט זיי אַליין אויס, זיינען זיי דאָך פֿאַלש!

מיין שוועסטערל שמייכלט אין פֿאַרלעגנהייט:

— ווען איך מאַך צו די אויגן און טו אַ זאָג:

— מאַיסעלע, מאַיסעלע, קום צו מיר! קומען זיי גלייך צו פֿליען, איינע נאָך דער אַנדערער שיטן זיי זיך אין קאָפּ באַ מיר. דערנאָך דערציילן זיי זיך אַליין... איך קוק נאָר וואו זיי קומען פֿאַר...

איך טראַכט, אַז עפּעס אַ ניט גוטער ליגט אין מיין ריווקעס קאָפּ. נאָר מעקאַנע בין איך זי וואָס די שיינע מאַיסעס קומען צו איר און נישט צו מיר!...

איינמאָל טרעפֿן מיר באַם רעבן אינעם פֿאַדערהויז אַ פֿרעמדן באַ־כער. אַ באָרוועסער, מיט צעריסענע הויזן און מיט אַ צעריסן קוויטיק העמד, ליגט ער נאָזנדיק אָף דער קילער ערד. איין האַנט זיינע האָט נאָר דריי פֿינגער. אַז ער דערזעט אונדז, רופֿט ער זיך אָן צו אונדז:

— מיידעלעך, האָט נישט קיין מוירע פֿאַר מיך! איך ווייס ווער איר זיינט!... אייער טאַטע איז הערש טשאַרנאָפּוי!... ברענגט מיר אַ שטיק פֿריש ברויט וועל איך אייך עפּעס שענקען!...

ער שלעפּט אַרויס עטלעכע גרינע עפּעלעך פֿונעם קוויטיקן בוזים אַרויס און וועגט זיי אין דער שוואַרצער האַנט מיט די דריי אונטערגעהאַקטע פֿינגער:

— אין זאַליעווסקים סאָד רייס איך זיי אָן!...

— איר גאַנוועט זיי? — פֿרעגן מיר אים ביידע גלייך.

ער שמייכלט מיט אַ מידקייט אָף זיין שוואַרצן, ביינערדיקן און פֿאַר־שוויצטן פּאַנעם:

— איך רייס זיי אָן, נישט איך גאַנווע!...

— איר זיינט אַ יאַסעם?

— אוואַדע — שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ.

— ווי אַזוי הייסט איר?

— זאַלמען!

— טאַקע אַ ראַכמאָנעס!

— אוואַדע איז אַ ראַכמאָנעס! איך האָב נישט וואָס צו עסן!...

— פֿאַרוואָס גייט איר נישט אַרבעטן, זאַלמען?... דער טאַטע זאָגט, אַז פֿוילקייט איז אַן אומגליק, ס'ברענגט אום אַלע מענטשן!...

— איך אַרבעט דאָך אין סאָד!... נאָר זיי גיבן מיר מאַמעליגע, נישט קיין ברויט!...

— פֿאַרוואָס ווערט איר נישט אַ בעקער! מירן זאָגן דעם טאַטן, וועט ער אייך אַריינעמען צו אונדז...

— מיר וועט קיינער נישט אַריינלאָזן אין אַ שטוב, איך האָב אַ פֿערד!...

זאַלמען נעמט אַראָפּ ס'היטל פֿונעם קאָפּ און בייגט זיך צו צו אונדז.

— זעט!

אַוואַדע קען מען אים אין קיין בעקעריי נישט האַלטן... נאָר ברויט מיט שטיקער בייגל ברענגען מיר אים יעדן טאָג. ער וואַרט שוין אויף אונדז אינעם רעבנס פֿאָדער־הויז מיט אַ סאַך גרינע עפּל אינעם קויטיקן בוזים. ער דערציילט אונדז אויך מאַיסעס פֿון שיקסעס מיט שקאַצים, וואָס שלאָפֿן אין סאַד, אין דער קאַליבע, און פֿון באַלעגאָלעס מיט גאַנאָווים.

איינמאָל שרייט ער צו אונדז, פֿאַר פֿרייד וואָס מיר האָבן אים גע־בראַכט צו טראָגן פֿריש ברויט מיט פּאָווידלע באַשמירט:

— ליובעלעך מיינע טייערע! אַ געזונט אין אייערע לייבעלעך! גאָט וועט מיך נאָך אויפֿריכטן, אַז אַלמאַנע מיט נאָדן מיר צושיקן, צוויי סו־סימלעך ווי די לייבן וועל איך מיר קויפֿן און ווער מיר אַ באַלעגאָלכל!... אויבנאָן, אויף דער קאָזלע, וועט איר זיצן! איבער אַלע גאַסן וועל איך מיט אייך פֿאָרן!...

דערווייל ווערן די טעג טונקעלער און שטילער. גאָים פֿירן שוין אַראָפּ די טוואָוע פֿון די פֿעלדער. ס'שמעקט מיטן אָנקום פֿון די יאָנטויווים און מיר ווערן פֿריי פֿונעם כיידער.

כא. — אונדזער שאָכן איציק זעלמאַן

מיר וואוינען שוין אין דער אַנדער זייט שטוב, וואו פֿריער האָט גע־וואוינט שלוימע וואַסערמאַן מיט זיין מישפּאָכע, וואָס וואוינט שוין אין דער אייגענער שטוב אויף דער פּאָטשט־גאַס.

דאָ איז דער זאַל גרעסער און ברייטער. נאָכן גרויסן שלאָף־צימער, לעבן דער קיך, איז דאָ אַ קליין צימערל, אַ טונקלס. די מאַמע רופֿט עס קלאַדאָווקע. נאָך דער קלאַדאָווקע איז דאָ אַ געמויערטע סוקע, מיט אַ גרויס פֿענצטער און מיט אַ גרויסן צוויי־העלפֿטיקן דאַך. מיר געפֿעלט די סוקע מער ווי אַלץ. דאָ קען איך זיצן אויפֿן פֿענצטער און וואַרפֿן שטיינער אין שכיינעסדיקן הויף אַריין. נו, און עסן יאָנטעוו אין סוקע איז שוין גאָר־נישט!...

צום שאָכן, וואָס וואוינט אין דער צווייטער העלפֿט שטוב, וואו מיר האָבן פֿריער געוואוינט, לאָזט מען מיך נישט אַריינקוקן. קוק איך דורכן פֿענצטער פֿון אונדזער סוקע. אונדזער שאָכן, זע איך, שטייט צווישן ביידע בעטן אינעם שלאָפֿצימער און גאָרגלט זיך, זינגט מיט אַ ציקלדיקן קאָל.

אַ דיקער איז ער, מיט אַ פֿעטן גוידערל, אַ רויטן, און מיט אַ קורץ בערדל, אַ רויטס און אַ שיטערס. איציק זעלמאַן רופֿט מען אים. איך הער

דערציילן בא אונדז, אז איציק זעלמאן איז א גוטער כאזן און א מעקלער. ער מעקלערט פריצישע פעלדער און מאכט גאלדענע גליקן.

זיין ווייב סארקע איז א הויכע, מיט א קיילכיקער פלייצע און מיט קליינע קורצזיכטיקע אויגן, קאסאקע און בארויגעזע. זי איז בא אים ס׳אנדערע ווייב.

שלוימע איז איציקס א אינגל פונעם ערשטן ווייב, וואס איז געשטארבן. א דארער איז ער מיט א ביינערדיק פאנעם. די שפיץ נאז איז בא אים בלוי, מיעס. גרינע אויגן האט ער, הייסע, אזוי ווי זיין טאטנס.

שלוימע וויל אויך נישט גיין לערנען. ער געפעלט מיר דערפאר. מיר געפעלט נאר נישט וואס ער שרייט אף זיין טאטן און אף זיין שטיף־מאמע. איך מיט שלוימען פארן מיר בעסער ווי אלע אפן פארענטש פון אונדזער גאלערייע.

סארקע דערציילט עס נאכדעם מיין מאמען. זי דערציילט איר נאך זאכן אף מיר וואס זיינען נישט עמעס. די מאמע האלט נישט פון סארקען. זי זאגט, אז סארקע פארגינט איר נישט אזוי פיל קינדער און דערפארברייעט זי אף אונדז, זי וויל נישט ליידן וואס מיר שפילן זיך אף דער גא־לערייע. אין פאדערהויז טארן מיר אינגאנצן נישט ארייגקומען!...

אבי די מאמע מיטן טאטן האלטן מיט אונדז, גייט מיר סארקע אינ־גאנצן נישט אן. איך וואלט נאר וועלן אנקוקן אירע צוויי „זשיוואפיסנע״ בעטן, וואס די מאמע הערט ניט אויף ריידן פון זיי... די מאמע מיטן טאטן האבן אונדז פארזאגט מיר זאלן נישט שמעקן לעבן סארקעס טיר. מיר גייען נישט צו איר. איך מיט ריווקען האבן מיר שוין אפגעמאכט, נישט צו פאלגן סארקען קיין גאנג, גארנישט פאלגן מיר איר!...

איינמאל זיצן זיי אף דער גאלערייע און טרינקען סאדע־וואסער מיט לימענע. סארקע ביביקעט מיט א דין קוויטשיק קעלכל. ס׳וויסע פאנעם אירס מיט דער פודער אין די פארווישטע קנייטשן, איז רויט פון לאכן. איך מיט שלוימען שפילן מיר זיך אונטער אונדזער פענצטער און מיר זיינען פריילעך. סארקע וויל דאס נישט ליידן:

— איצע! — שרייט זי מיט איר הייזעריקן קוויטשל, — זדיעם באל־שאי שום!.. ס׳איז איר א גרויסער ראעש, דער פריצע!..

מיין שוועסטער ריווקע קוקט אף איר מיט אירע אומשולדיקע אויגן, וואס ווילן נישט וויסן די גרעניץ פון פרייד. איציק זעלמאן טוט איר א לאך אין פאנעם:

— אוי ביזטו שיין!... ווי דעם באזארניקס...

— א סאך שענער פון אייער קאסאקער סארצעלען, די צענצע רענצע!...

רעב איציק זעלמאן לויפט צו צו אונדזער פענצטער און רופט די מאמע:

— ראצע, וואו זיינען אייערע קינדער געוואקסן?... אזא נאכאלסטווע!

ריווקע אַנטלויפט איבער די הינטערשטע טרעפּ. די מאַמע כאַפּט זי. זי לאַכט, די מאַמע טרייסלט מיט ריווקען ווי מיט אַ לולעוו:

— גוט האָסטו געטאָן, טאָכטער, מען טאָר נישט כוויזעקן פון קיין פרעמד קינד!.. נאָר זי ברייעט אַף אייך, די בעזדיטניצע!...

מיט דער מאַמען זיינען אונדזערע נייע שכיינים ווידער כאַווער. אַלע אויפדערנאַכט רופט זי איציק אַריין. ער וויל הערן מיין מאַמעס מעווינעס אַף זיין „שטימע". ס׳גייט דאָך צו יאַנטויווים, דאַרף ער דאַווענען פאַרן אָמעד. ער לייענט איר אויך די בריוולעך, וואָס קומען אים אָן פון די פּריצים. גאָלדענע געשעפטן שטייען אים פאַר.

סאַרצע זיצט באַם טיש מיט אויסגעלייגטע „בייגעלעך" אַף אירע שוואַרצע האָר און מיט אַ דין שאַלכל אַף די פּלייצעס. זי קוקט דעם מאַן אירן אין פּאָנעם אַריין. אין דער איינגענער צייט קוקט זי אויך צו מיר, טאָמער וועל איך כאַלילע אַריבערטרעטן די שוועל פון איר שטוב. מיט איר הייזעריקן קווימשיקל זאָגט זי מיר:

— אַסטראַזשנאָ, איך האָב געשייערט דעם פּאָל!...

אַ פּאָל, וויים איך וואָשט מען, ניט מען שייערט!.. און ניט זי וואַשט אים גאָר, עס וואַשט אים איר מאַן. ער טוט אָן אַ שמאַטע אַף דער קאַ־טשערע און וואַשט איר אַפּ ביידע פּאָלן. ער העלפט איר אויך פּאַרקנעטן די קוילעטשן מיט די ברויטן. נאָר סיי ווי באַקט זי ווינציק. זיי קויפן געבעקס באַ אונדז אין קלייט. אַף קרעדיט קויפן זיי און לייען נאָך צו אַ האַלב קערבל אַף שאַבעס...

אין שטוב הער איך, אַז איציק זעלמאַן איז אַ לופט־מענטש. דער עמעסער נאָגיד... ס׳נאָגט אים נעבעך באַ דער נעשאָמע מיט די בריוולעך זיינע, מיט די פּריצים, וואָס דרייען אים אַ ספּאָדעק אומזיסט.

איינמאָל לויפט ער אַריין צו אונדז אין קלייט. אַ היים פּיערל טונקלט זיך אין זיינע ברוינע אויגן מיט די קליינע רויטע שפּרענקעלעך באַשיט. ער לייענט ווידער אַ בריוול פאַר מיין טאַטן און טייטשט צו אים מיט די לאַנגע צענומענע הענט:

— איך מוז אָוועקפאָרן צום פּאָרעץ, רעב הערש! אַ מאַיאָנטיק וויל ער פאַרקויפן... אַ גרידע מיט גאָלד שטייט מיר צו פאַרדינען... איר פאַר־שטייט?... אַ פּאָר קערבלעך בלויז. אַ גמילעס כעסעד, ביז איך וועל צו־ריקומען!...

אַ גאַנצע וואָך נעמט סאַרקע ברויט אָן געלט, אַבוף דעם גמילעס כעסעד פאַר איר מאַן, וואָס איז גראָד ניט צוריקגעקומען מיט דער גרידע פאַרדינטן גאָלד באַם פּאָרעץ.

פּרייטיק פאַרנאַכט, ווען אַ שאַבעסדיקע מענוכע לאָזט זיך אַראָפּ איבערן געסל און אידן, אויסגעטוענע פון דער וואָכעדיקער זאָרג, גייען פון דער באָד, קומט צו אונדז אַריין שלוימע. איציקס איינציקער זון, און טראָגט אַ רויט טישטעכל אונטערן אָרעם. אַ שטילער, מיט דער בלויער

נאַז, וואָס איז אים מיטאַמאָל אויסגעצויגן געוואָרן, רוימט ער עפּעס איין דער מאַמען אפן אויער.

— שוין געפּלאַצט דעם טאַטנס לופט־באַלאָן? זאָל ער אַרבעטן אַף די טויגן און ניט האָדעווען ס'ווייב מיטן זון מיט גאָלדענע לופט־שלעסער!...

שלוימע ווערט רויט. שרעק ליגט אין זיינע לעבעדיקע אויגן, די הייסע, ווי זיין טאַטנס. אַן איינגעשרומפּענער, מיטן ליידיקן טישטעכל אונטערן אָרעם, שאַרט ער זיך אַרויס פון דער קלייט...

די מאַמע צעעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן, דערשראָקענע:

— הערש, וואָס האָסטו געטאָן?! אַ איד וועט אַף שאַבעס קיין כאַלע נישט האָבן!...

דער טאַטע איז צעמישט, ער דרייט זיך ס'טשופּרינקעלע און רעדט האַסטיק:

— ראָצע, ווי איך בין אַ איד, איך האָב דאָס נישט געמיינט! שיק שוין אַריבער די קוילעטשן זייערע!...

איך פאַרשטיי נישט דעם טאַטן מיינעם! ער, וואָס געלט שפּילט בא אים קיין ראָלע נישט! ער, וואָס האַלט אוים צענדליקער גוטע ברידער און זאָרגט פאַר צענדליקער בעקערייונגען, פּרעמדע און אָפּגעריסענע, וואָס גייען אַוועק פון אים אין נייע מאַלבושים און מיט אַ נייער האָפענונג צו קריגן אַ גוטע שטעלע, ערגיץ אין דער ווייטער וועלט! מאַכט זיך נאַריש צוליב פינף פונט קוילעטשן!... איצט האָב איך דעם טאַטן פיינט! נאָך פיינטער קריג איך אים, ווען איך קום אַריין מיטן בינטל קוילעטשן צו סאָרקען אין שטוב און איך זע ווי זי זיצט באַם שאַבעסדיקן טיש און וויינט שטיל און איציק זעלמאַן קוקט אַרוים דורכן פענצטער און ברומט עפּעס אַ כאַזאַניש ניגנדל... אין שטוב בא סאָרקען איז שטאַרק זויבער, אַ שרעקלעכע זויבערקייט הערשט דאָרט. די שאַבעסדיקע ליכט ברענען ווי פאַרשעמטע. איך שעם מיך אויך. איציק זעלמאַן עפנט די טיר און פירט מיך אַרוים מיטן בינטל קוילעטשן:

— זאָג דיין טאַטן, אַז נישט אַלע צייטן גייען אַוועק גלייך!... שע פרידע קאַזאַ דאַ וואַזאַ!...

שפּעטער גייט דער טאַטע מיט דער מאַמען אַהיים פון דער בעקעריי, שווייגנדיקע און אָראָפּגעזעצטע. זיי גייען גלייך אַריין צו איציקן אין שטוב.

די מאַמע רעדט מיט טרערן אין די אויגן:

— סאָרקע, זאָל איך נישט זיין קיין מאַמע צו מיינע קינדער, ווען הערש האָט געמיינט עפּעס שלעכטס!... אַזוי קויפט ער זיך סאָנים!... כיבאַי איך ווילט מיט מיר באַרויגעז ווערן ביזן טויט, זאָגט מיר אָפּעט!...

סאָרקע שווייגט. ס'אַרט זי אויך נישט וואָס איך טאָפּ אַז די טראָלדן פונעם שאַבעסדיקן טישטעך. דער טאַטע שטרעקט אוים אַ האַנט צו איציק זעלמאַנען:

— שאָלעם אַלייכעם, רעב איציק, זייט נישט איבערגעראַשט!... וועט גאָט העלפן ס'צווייטע מאָל!.. אַזוי איז מיסכער!...

אַפּדערנאָכט, נאָכן עסן, זיצן מיר אַלע אַף דער גאַלעריע. איציק זעלמאַן מיט סאַרקען אויך. אַ טיפער הימל, אַ בלויער און אַ צעקרויזטער, שמייכלט אַראָפּ צו אונדז. ס'שמייכלען די שטערן מיט כאָכמעדיקער טיפ־קייט. ס'שמייכלט איציקס פּאָנעם, וואָס דערציילט ווידער דעם טאַטן פון די גרויסע גליקן וואָס וואַרטן אַף אים:

— איך דאַרף נאָר דערהאַלטן די טעלעגראַמע פון אדעס, אַז דער פּאַרעץ האָט באַשלאָסן צו פּאַרקויפן, טו איך אַ פאָר צו נאַכאַמאָל קיין סלאָבאָדקע, אַף דער סטאַנציע, און מיר טרעפן זיך מיטן קוינע... אַלץ איז אַפן ריכטיקן וועג...

איך בין צופרידן וואָס מיין טאַטע־מאַמע האָבן איבערגעבעטן די שכיינים אונדזערע. איך פיל אָבער אַ שלעכטן נאַד־רייעד פון דעם וואָס איז פּאָרגעקומען אין קלייט, אַ טאַעם אַזאַ, וואָס זעצט זיך אָפּ אין האַרצן בא מיר און איך וועל אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

לא. — איוואַנקעלע

שאַבעס אַפּדערנאַכט ברענגט אַריין דער טאַטע אין קלייט אַריין אַ שייגעץ פון אַ יאָר זעכצן. דורכן הינטער־טיר׳ל קומען זיי אַן. דער שייגעץ איז אַ בלייכער, אַ טרויעריקער, מיט גרינע פאַרשלאָפענע אויגן.

די מאַמע רופט זיך אָן צום טאַטן:

— הערש, וואו האָסטו אויסגעפונען דעם נייעם כייפעץ?.. האָסט אים ערגעץ אָפּגעטשעפּעט?..

דער טאַטע רעדט מיט די אויגן צו דער ערד:

— ראָצע, ער איז אַליין געקומען. איך גיי פון מאַכמעדן, לויפט ער מיר נאָך און רעדט צו מיר אַ געזונטן אידיש: „רעב הערש, נעמט מיך אַריין צו אייך! איך האָב נישט וואָס צו עסן! מיר איז שלעכט!...“

— הערש, ס'איז דאָ ווייניק בעקערם אין יעדינעץ? ס'פעלט דיר אוים נאָך אַ סוינע?... זיי דאַרפן זיך נאָר אָנעסן!... אַ שפּיי אין פּאָנעם קריגסטו פון זיי!

דער טאַטע צעקרימט ס'פּאָנעם:

— ראָצע, מיוון קאָל דיבער!...

איצט האָב איך ווידער ליב דעם טאַטן... ער האָט ראַכמאָנעס אַף אַן עלנטן אינגל!...

דער שייגעץ גייט צו צו דער מאַמען און הויבט אָן ריידן. די גרינע פּאַרגלייזטע אויגן וויינען, די קינבאַקן ציטערן אים, די נאָזלעכער אויך. ער שטעלט אַרוים אַ פּום מיט אַ צעריסענער פּאַסטעלע און שמייכלט צעווייטיקט:

— איך נישט בלייבן אַ סאַד דאָ!... איך פאָר צו מיין זיידן אין נאָ־

וואָסעליץ!... איך אַרבעט באַ ברײנדל... זי גיט נישט עסן!... וואָס בלײבט, גיט זי מיר!...

טרערן שטיקן אים אין האַלדז. ער האַלט די גלעזערנע אויגן אַף דער מאַמען און שווײַגט.

די מאַמע ווערט גערירט. זי פרעגט אים מיט אַ ווייך קאָל:

— און קיין עלטערן האָסטו נישט?

— ניין!

— ווי אַזוי רופט מען דיך?

— איוואַנקעלע!

— פאַרוואָס ביזטו אַוועקגעפאָרן פון זיידן, איוואַנקעלע?

— זיידע מיך שיקט אין וועלט אַריין, קענען מענטשן, זוכן אַרבעט... איך געאַרבעט אין קאַרזשעוויץ אין מיל, דאָרט בעסער, ווי דאָ, באַ ברײנדל... איר מאַן איינמאָל קומט אין מיל מאָלן מעל, רעדט מיר צו פאָרן אין יעדינעץ ווערן אַ בעקער!... ער לערנט נישט אַרבעטן!... איך טראָג וואַסער, האַק האָלץ... שווין מיד!...

— ווילסט עפּעס עסן, איוואַנקעלע? — פרעגט אים די מאַמע באַזאָרגט.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ. דער טאַטע דרייט ס'טשופּרינקעלע. ער שטייט ווי אַף הייסע קוילן:

אין אַ ווינקל באַם טישל זיצט שוין איוואַנקעלע איבער אַ טעלער מיט קאָמפּאָט פון פלוימען. ער בייסט צו גרויסע ביסנס קוילעטש און זיפּצט טיף און דערלייכטערט.

איך פיל מיך אויך דערלייכטערט. מיך פריידט, וואָס איוואַנקעלע איז אַוועק פון ברײנדלען, וואָס ער וועט פאָרן צוריק אַהיים, צו זיין זיידן, וואָס בענקט מיסטאָמע נאָך אים און וואָס זכאַריעלע ווייזט אים אַן אַ פּלאַץ צו שלאָפן, באַ זיך אַפן סאָפּקעלע, וואו ער אַליין שלאָפט:

— קענסט דיך צושפּאָרן אַט אַ דאָ!... באַנאַכט וועל איך דיך אויפוועקן!... פאָר כאָטשע אַהיים אַ שטיקל אַרבעטער צו דיין זיידן!...

לב. — סאָף זומער

שוין באַלד נאָך זומער. איבער די פעלדער לויערט שוין אַ געלע האַרבסטיקייט. די סטערניע פון די אונטערגעשניטענע געלע זאַנגען, איז שוין קויטיק און סטאַרטשעט ווי אַ לאַנג נישט געראַזירטע באָרד פון אַן אַלטן גאַי.

די שפּעטע זומערדיקע זון שיילט זיך רואיק אויס פון די בלייכע טעג און ליגט אַ מידע אַף די קאַלירלאָזע בערג, אַף די דעכער און וואַרימט מיט די לעצטע שטראַלן די קינדער אַף די געסלעך.

פּויערים פירן אַרויס הויכע וועגענער היי, פולע זעק פּאַלאָווע, טרוקענעם

סכאַך. אידן, מיט אַן אומבאַשטימטן בליק אין די אויגן, מיט אַן אומרו אונטער די צעפּלויגענע לייב־צודעקלעך, וועגן בינטלעך קוקורוזע און האַבער אַף דער גרויסער וואָג אונדזערער. ווייבער וועגן איבער פולע עמערס מיט עפּל, מיט פלוימען און מיט ווינטער־באַרלעך, אַפּגעקויפטע אַפן הערטל באַ די דאָרפישע גאַיעס, טראָגן אַהיים פעטע קאַטשקעס און פולע פּאַרטעכער מיט ציבעלעס, מיט פּאַטלאַזשאַנעס אַפן ווינטער.

איז שטוב באַ אונדז פיל איך אַ געוויסן אומרו. די בעקער־יונגען זינגען, דערציילן פון די געשלעגן, וואָס זיי האָבן געהאַט און פונעם טאַטן מיט זיינע מענטשן און פון בריינדלען מיט אירע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן צוליב... איוואַנקעלען. זיי לאַכן און פרייען זיך ווי די קינדער.

דער טאַטע לאַכט נישט. ער קוקט אַלץ אינעם גראָבן בוך פון די בעזשבוינעס... די מאַמע קוקט אַ גלייכגילטיקע אַף די פרעמדע ווייבער, וואָס באַפאַלן די וואָג אונדזערע און ריידן פון פּאָווידלע, פון גוטעס געפּרעגלטע און פון געזייערטס אַפן ווינטער...

איז שטוב הער איך אַז דער טאַטע האָט דאָס יאָר דערלייגט געלט. דער פעטער דודל אויך.

איינמאָל טרעף איך דעם פעטער ווי ער טיינעט איין מיטן טאַטן:

— אַליין, ברודער מיינער, איז שווער צו אַרבעטן. די בעקערס שמייסן זיך, די סוויוועניקעס לויפן פון איינעם צום אַנדערן, גיבן נישט צו פאַרדינען. איז מיין פּלאַן זאָלסט קויפן צוויי וועגענער מיט פערד. שטעל מיר צו געבעקסן און די סוויוע נעם איך דיר אָן!... ס׳וועט זיין פּאַרנאָסע! — גיט ער צו.

דער טאַטע שווייגט, איז פאַרקלערט.

וואָס דאַרף דער טאַטע נאָך קלערן?... ער וועט דאָך האָבן אַן אייגענעם שליטן... ווינטער איז אַ מעכייע, מירן זיך פאָרן קאַטייען... איך וואַרט שוין אַפן ווינטער...

ס׳שוטפעס איז שוין געשלאָסן, נאָר דערוויל זיינען נאָך די טעג שיינע, וואַרימע און מיר האָבן נאָך נישט קיין שליטנס און נישט קיין פערד. דער טאַטע לויפט קעסיידער אַרום מיטן פעטער, ריידן אַסאַך און מאַכן פּלענער...

די יאָנטויוויום זיינען דורכגעגאַנגען שטילע און נישט קיין פריילעכע. דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען געגאַנגען אין שיל און אונדז אָנגעזאָגט און געוואָרנט:

— קינדער, איר זאָלט זיך נישט שלאָגן מיט שלוימען! איר זאָלט זיין שטילע!

נישט פאָלגן טאָר מען נישט. און יאָ פאָלגן איז ווידער נישט גוט. פאָלג איך.

ערשט סימכעס טוירע, טוט אַ שיין ס׳גליק פאַר מיר: דער טאַטע האָט מיר אַהיימגעבראַכט אַ פאָן, מיט גאָלדענע אויסיעס אַף בלאָ פּאַפּיר אויסגעמאָלט צוויי לייבן און אַף זיי אָנגעשריבן „דעגעל מאַכנע יעהודע"

אפֿן שטעקעלע האָט דער טאַטע אַרויפֿגעזעצט אַ רויט עפּעלע און אַפּדער־נאַכט נעמט ער מיך מיט צו די האַקאַפֿעס.

אין די גאַסן ווימלט מיט מענטשן. גרויס און קליין, ווייבער און מע־נער, מען טראָגט אָנגעצונדענע ליכט, מען טראָגט די טוירעס איבער די גאַסן און מען טאַנצט מיט זיי. מען שיסט פֿון ראַקעטן און מען שרייט:

— צוין קאַדאָשים!..

און קינדער ענטפֿערן:

— מעעע!...

אַ צעשמייכלטער, קוקט דער הימל מיט זיינע גאָלדענע אויגן אַף דער באַלויכטענער גאַס.

אין שיל איז שטאַרק ליכטיק. עס ברענען גראָבע ליכט אין די הענג־לייכטערס, די בליץ לאָמפּן ברענען אַפֿן גאַנצן קנויט. ס'ברענט אַ פֿייער אין די אידישע אויגן, אַף אַלעמענס פּענימער.

שווער דאָ צו דערקענען אַ מענטשן. ס'איז אַ געמיש פֿון קוילעס, פֿון געזאַנג און פֿרייד, פֿון געלעכטערס און פּאַטשעריי מיט קריגעריי.

— גיט מיר אַ טוירע!...

— איר האָט שוין געהאַט, פֿאַרד איינער!..

אין אַ שיל מעג מען דען זאָגן פֿאַרד?...

מיין טאַטע טראָגט אויך אַ טוירע. ער האַלט פֿאַריסן ס'בערדל, אַ פֿייכטער גלאַנץ שימערט אין זיינע קלוגע אויגן, די לעבעדיקע און דורכ־דרינגלעכע. אידן און ווייבער און אינגלעך באַפֿאַלן אים, קושן די טוירע:

— דערלעבט איבער אַ יאָר, רעב הערשעלע!...

— דערלעבט איבער אַ יאָר, טשאַרנאַפּוי!...

דער טאַטע קען זיך גאָרנישט אָפּפּאַרטיקן מיט אַלעמען און אַלעמען ענטפֿערן:

— גאָם אַטעם!..

איך קען נישט דערלאַנגען צו די טוירעס, וואָס מען טראָגט פֿאַרביי מיין באַנק.

אַלע מענערישע היטלען האָב איך שוין אויסגעקושט. גוט נאָך וואָס די בערדלעך זיינען נידעריקער פֿון די היטלען...

דער טאַטע רעדט צו מיר מיט איין זייט פֿון זיין צעקעמטן בערדל, דעם קורץ פֿאַרשוויצענעם:

— קוש, גאָלדעלע, דעם טאַטנס טוירע!...

איך דערוועג מיך נישט אויסצוגיסן דעם גאַנצן אויפֿברויז פֿון פֿרייד אין מיין האַרצן. מיט האַלבע ליפּן קוש איך די טוירע און פֿיל אַ הייליקן ציטער, אַ דערהויבנקייט... צי בין איך גאָר ווערט צו שטיין נאָענט לעבן אַ טוירע?... זי קושן?... אָנרירן?...

אַ פֿריילעכן סימכעסטוירע האָב איך געהאַט.

איצט איז שוין נאָך יאָנטעוו.

די טעג זיינען גרויע. ס'רעגנט. אין כיידער גיי איך נישט. די גאַס

איז פול מיט וואַסער. ס'שטייט אַ טיפע בלאָטע, ווי אַ שטייענדיקער טייך.
אין קאַמער באַ אונדז שטייען פיר גרויסע פערד, מאַגערע און שטילע. מאַשע האָט זיי אַלעמען פאַרטריבן אין אַ ווינקל, לאָזט זיי נישט צו צום אַברעק. ער בייסט זיי, דריגעט זיי מיט די הינטערשטע פיס. די פערד בייסן נישט צוריק. זיי פאַרשטייען אפּאָנים, אַז מאַשע איז אַ מעיוכעס, אַז איי־גענער, אַז אויסגעוואַקסענער אף אונדזערע הענט, אף פּעטע בעקערישע קעסטו....
דער פּעטער דודל, מיטן פּאַריסענעם הערבל, טאַסעוועט שוין אַן זעק מיט בייגל און גרייט שוין צו פּאַשע פּאַר די אויסגעדאַרטע פערדלעך...

לג. — אין איינעם א ווינטערדיקן אפּדערנאַכט

פון זיין ערשטן אַרויספאָר קומט דער פּעטער אַ פריילעכער, אַן אומ־רואיקער, מיט גרויסקייט אינעם טריט און מיט אַ זיגעריש פייערל אין די אויגן, די גוטע און קלוגע.
אין שטוב רודערט זיך. מען אַרבעט גאַנצע מעסלעסן, רייענווייז. איך מיט מיין שוועסטער ריווקע צילען מיר ווידער די בייגל. מיר זעען נישט אַז דעם דרויסן. אַלץ בעסער ווי גיין אין כיידער!... דאַ איז פריילעך. שוין צו פריילעך. איך ווער דערטרונקען אינעם בעקערישן געווימל, די מאַמע איז פּאַרנומען אין קלייט, דער טאַטע באַ מאַכמעדן, לויפט צו סאַכרים באַפּט זיך אַריין מיט אַ גוטן ברודער אין שמיל זעליקס שענק...
דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שוין איצט ליב די קלענערע שוועס־טערלעך. איך הייס שוין באַ זיי אַ גרויסע. באַם פּעטער אויך. אין די אפּדערנאַכטן קויפט ער אָפּ באַ אונדז, באַ די עלטערע קינדער, אונדזערע וועטשערעס. דריי קאָפּיקעס באַקומען מיר פאַר אַ וועטשערע. מיר עסן סיי ווי און די קאָפּיקעס שפּאָרן מיר.
מיין שוועסטערל איטעלע איז שוין אויך אויסגעוואַקסן. אַ דינינקע, מיט אַ ווייס פּעניסל, דרייט זי זיך אַרום הינטערן פּאַרקויף־טיש לעבן דער מאַמען. די גאָלד־בלאָנדע לאָקן פאַלן איר אין די בלויע אויגן אַריין, נאָר זי זעט אַלצדינג, ווי אַ קליין באַלעבאָסטעלע היט זי אָפּ יעדע קלייניקייט, באַהאַלט דאָס אף אַן אָרט און פאַלגט אויס אַלץ וואָס מען הייסט איר. איטעלע וואַקסט אַ בעריע! — שמועסט מען אין שטוב — איר בעריע־שאַפט האָט ווערט די מעריינע!...
וועגן עטעלען זאָגט מען, אַז באַם קייסער איז זי אויך אַ קאַוועד... אַזוינס איז גאָר נישטאָ באַ קיינעם!...
עטעלע איז טאַקע שיין. אַ ברוינע, אַ צעוואַקסענע איז זי, ווי אַ געראַ־טענער פורים־קוילישט!... די שוואַרצע האָר, געקנייטשטע און געדיכטע, די גרויסע טונקעלע אויגן מיטן כיינעוודיקן פּאָנעם, ציען צו זיך.

איך קען מיך צו זיי נישט גלייכן. איך האָב דאָך רויטע אויגן און אַ געשוואָלענע נאָז מיט אַ פּאָליפּ!.. אַכוצדעם האָב איך שוין אויך אַ קראַנ־קע קני מיט אַ סאַך טשיריקלעך נאַסע.

דער דאָקטער זילבערמאַן זאָגט ס'איז זאָלאָטוכע. נאָר די ווייסע זאַלב זיינע, די „זאָלאָטוכע מאַסט", העלפט מיר נישט. און די קני איז מיעס. די מאַמע לאָזט נישט איך זאָל מיך ווישן אין די קליינע קינדערס האַנטעך, זי וויל נישט כ'זאָל מיך שפּילן מיט זיי. און איך פיל מיך עלנט, פאַר־שעמט... די מאַמע ווייסט דאָס נישט, אָבער איך בין אייפערזיכטיק אויף די קינדערס שיינקייט, אויף דער ליבשאַפט, אויף דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען שענקט זיי. ליב האָב איך זיי, פונדעסטוועגן, איך לאָז נישט אַז אַ שמאַטקעלע פון מיין קראַנקער קני זאָל אַריינפאַלן אין זייערע הענט...

שפּעטער, דורך אַן אומגליקלעכן פאַל מיט מיין שוועסטערל איטעלע, וואָס נעמט צו פאַר זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פונעם טאַטן מיט דער מאַמען, ווער איך נאָך מער דערוויייטערט. די ליבשאַפט, די אויפ־מערקזאַמקייט און די וואַרימקייט געפין איך באַ די טערקן, באַ זכאַריען, באַ די בעקער יונגען...

אַ שאָד, וואָס הערשל איז נישטאָ. ער איז שוין אין אַמעריקע. מיט אַ לאַנגער מויד האָט ער כאַסענע געהאַט און איז אַפּגעפאָרן. אויף וועמען ער האָט מיך אויסגעביטן!... דריי אַזוינע ווי איך, האָט ער זיך געוואָונטשן און צום סאָף, פאָרט ער אַוועק!...

זכאַריע זאָגט, אַז ביז מיין קניעלע וועט זיך נישט אויסהיילן, האָט ער נישט כאַסענע... ער מוז דאָך מיך טראָגן צום דאָקטער, ווען דער טאַטע איז פאַרנומען!...

אין איינעם אַ קאַלטן אָפּדערנאַכט, זיץ איך אויף דער פּריזבע באַם אויוון לעבן זכאַריען. אין שטיבל איז ליכטיק, היים. פונעם שכיינעסדיקן דאַך קוקט אַריין פריש אַנגעפּאָלענער שניי און אַ ליכטיקער אויסגעשטע־רנטער הימל.

איך בעט מיך באַ זכאַריען:

— קום, שלעפּ מיך אַביסל אינעם שניי!

— איך האָב דען אַ שליטעלע?

— וועסט אויסשפּרייטן אַ זאַק!... ס'שלעפּט זיך גוט!... פרעג ריווו־קען!... זי שלעפּט מיך אָפּן שאָלעכל!...

ריווקען קען מען איצט נישט פרעגן. זי איז פאַרנומען, זי טראָגט טיי צום טיש פונעם סאַמאָוואַר, וואָס שטייט אין ווינקל אויף אַ סאָפּקעלע.

דער טאַטע מיטן פעטער דודל זיצן באַם טיש און כעזשבענען. די היץ אין שטיבל איז שטיקנדיק. די שויבן פונעם איינציקן פענצטער שוויצן, דעם פעטערס פּאָנעם שוויצט פון דער הייסער טיי, פונעם פידיען וואָס ער גיט איבער דעם טאַטן.

כאַנעלע, דער בעקערישער טעלעפּאָן, איז אויך דאָ. מיט דער פּלייצע שטייט זי צו דער הייסער וואַנט וואָס קומט אַריין פונעם אויוון און די

קליינע שפּילקע־אויגן אירע קריכן אומעטום. איר קליין פּענימל פלאַמט.
דער פּעטער טוט זיך אַ רוף אָן:
— כאַנעלע, נעם דיר אָפּ די פּאַטשט דיינע און גיי!... מיר האָבן פּאַר דיר גאָרנישט!...
זי ווערט רויט און שטאַמלט מיט האַלבע, ניט דערזאָגטע ווערטער:
— איך... גאָרנישט... בעקערס... ריידן... זאָגן...
די מאַמע מישט זיך אַריין:
— כאַנע, איר קומט דאָך טרינקען טיי... זיך אָנוואַרעמען... איר זיינט דאָך אַ מאַמע פון קינדער, ווייזט זיי נישט קיין שלעכטן ביישפּיל!...
כאַנעלע וואַרגט זיך מיט דער הייסער גלאָז טיי און רעדט אַריין אין דער גלאָז, וואָס זי האַלט אין דער זשמעניע:
— איך... גאָרנישט... זיי... סאָנים.. געגייוויש מעל.... הערשעלע טשאָרנאָפּוי...
דער טאַטע שפּרינגט אויף פון עם אָרט:
— זאָג זיי די גאַנצע גזלנים, אַז קיין איין טריט זייערער, קיין איין געדאַנק אין זייערע שאָפּענע קעפּ איז נישט ריין פון גנייווע, פון שמאַד־שטיק, פון וואָוכעריי און צוויעס!...
איטעלע, מיט איר ערנסט פּענימל און מיט די בלויע דורכדרינגלע־כע אויגן זיצט אָפּן סאָפּקעלע אינעם ווינקל צימער און קוקט אָף כאַנעלען, אָף יעדן פון אונדז.
דער צוועלפער לאָמפּ ברענט ליכטיק. ליכטיק זיינען אויך זכאַריעס אויגן:
— מען טאָר נישט, גאָלדעלע, טרייבן קיין פּליאָטקעס!... — טו אַ קוק אָפּן בעקערישן טעלעפאָן וועסטו זען!...
איך טו אַ קוק און זע איר צעפּלאַמט פּאָנעם, וואָס ווייסט נישט וואו זיך אַהינצוטאָן....
אין דער זעלבער צייט, ווי איך קוק צו כאַנעלען, זע איך ווי ריווקע נעמט אַראָפּ ס'דעקל פונעם סאַמאָוואַר און גייט אין קיך אַריין נאָך וואַ־סער, צו דערגיסן. אַ געדיכטע פּאַרע הויבט זיך אויף פונעם סאַמאָוואַר און איטעלע... גיט זיך אַ רוק אַראָפּ פונעם סאָפּקעלע און דער זידנדיקער סאַ־מאָוואַר נאָך איר... די פּאַרע צעלויפט זיך איבערן צימער. קוילן לעשן זיך, אויסגעלאָשן, האַלב טויט זיינען איטעלעס קוילעס...
אין אַ צענויפגעדרייטן קנויל ליגט זי אָף דער ערד. די מאַמע רייסט פון איר אַראָפּ די מאַלבושים, די זאָקן, אי..נעם מיט דער הויט, מיט דעם פלייש...
אַ קוויטשעריי רייסט מיר אויף דעם מויעד. דער טאַטע לויפט אום אין די הוילע אונטערשטע ווינטער־הויזן און שרייט:
וואו איז ריווקע? זי האָט מיר געקוילעט ס'קינד!...
איך שפּרינג אַראָפּ פון דער פּריזבע און פּלאָנטער מיך אַרום טאַטנס פיס:

— טאַטעניו, איך בין שולדיק, ניט ריווקע!..

ריווקע צעפּראַלט ס'טירל מיט אַ מעשוגענעם אימפּעט, אַ ווילדקייט ברענט אין אירע פאַרוויינטע אויגן, זי טוט זיך אַ לאָז אַראָפּ אַף די קניען און שרייט:

— טאַטעניו, שטעך מיר אַריין אַ מעסער אין האַרצן... איך בין שול־דיק...

און זי קלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין האַרצן און וויינט.

ריווקעס איבערגעקערטע אויגן, שטאַרקע און אומבאַשטימטע, זיינען פרעמד און אויך אַזוי אירע פאַרצווייפלטע געשרייען:

— איך וויל נישט לעבן, טאַטעניו!...

דער טאַטע שטייט אַקעגן איר אַ שטילער, מיט שרעק אַפן פּאָנעם און אין די פאַרצווייפלטע בליקן:

— גאָט איז מיט דיר, טאָכטער מיינע;...

ריווקע פאַלט אים אַריין אין די הענט. דער טאַטע גלעט איר דעם קאָפּ:

— באַרואיק דיך, טאָכטער מיינע!... גאָט איז גערעכט!...

געפאַלנקייט, נאָכגיביקייט ליגט אינעם קאָל זיינעם, די גוטסקייט זיינע און זיין מויכל זיין ריווקען צענעמט מיך אינגאַנצן. אַ קוואַל פון טרערן פאַרפלייצט מיך.

איך ווייס נישט פאַרוואָס די טרערן גיסן זיך מיר, צו דערפון וואָס ריווקע איז ניצל געוואָרן פון טאַטנס צאָרן, צו דערפאַר וואָס איטעלע ליגט אַ רויטע ווי אַן אָפּגעקריילטע הון. זי לעבט קוים. איר בלאָנדער קאָפּ וואַל־גערט זיך אַף דער האַרטער סאָווע ווי אַ טויטער, ווי אַן אָפּגעטיילטער פון־נעם גוף, דעם אָפּגעבריטן און בראַנדיק צעוואָונדיקטן.

דער פעטער ברענגט אַריין שיינדל איצעס, אַ רופעטע, וואָס היילט אומזיסט אידן און גאָים. אַ דיקע איז זי, שיינדל, אַ שווערע און אַן אַלטע.

שיינדל וויקלט מיין שוועסטערל אין ליוונטענע טיכער געטונקען אין ספּירט און גיט איר צו טרינקען אַ רעצעפּט. איטעלע זיפצט מיט פאַרמאַכ־טע אויגן, מיט פאַרברענטע בלויע ליפּן.

מיט אַ פּאָר שאַ שפּעטער ווערט דאָס קינד איינגעשלאָפן.

(סאָף פון דער ערשטער טייל)